STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08953

TSEBROKHENE TSOYMEN

Minnie Smaller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מינע סמאָלער

לעבעדיקע ברעטער



דערציילונגען

TZUBROCHENE TZOIMEN

(Broken Fences)

Selected Stories
by

MINNIE SMALLER

LOS ANGELES, CALIF.
1962

אַ האַרציקן דאַנק מיין ליבער משפחה: . . .

מיין שוועסטער ראָז, וועלכע האָט אַממערסטן בייגעשטייערט
אַרויסצוגעבן מיין בוך; ווי אויך מיינע שוועסטער: לאה, יעטאַ
און דזשעני; מיינע פלימעניקעס און פלימעניצעס: די
פעלדשטיינ׳ס, גאָרדנ׳ס, פאָרמאַנ׳ס, לעווינ׳ס און
שלייפער׳ס, מיט וועמעס הילף דער בוך איז דערשינען.

מינע סמאָלער

מינע סמאָלער

אינהאַלט:

הינטער פאַרשלאָסענע טירן 7

קינדער פון שטורעם 21

אין וואָגל 32

פאָטער און טאָכטער 44

אייביקע זעקס חדשים 57

שלמה האָט געעפנט די אויגן 62

אונטער אַ כמאַרע 80

ענדזשי׳ס דערפאַרונג 90

אין געראַנגל 101

אַ פאַרשטערטער סדר 111

זי האָט געוואַגט 119

זי געפעלט אים 125

אין ליכטיקן אָנדענק:

מיין זון אלישע

מיין מאַן יודל

דאָס בוך געווידמעט

הינטער פאַרשלאָסענע טירן

ווען דער הויכער, קרעפּטיקער פּאָליציימאַן האָט מערי'ן איבערגעגעבן צו דער וועכטערין פון דער פרויען־אָפּטיילונג אין דער מאַסיווער תפיסה, איז מערי נאָך אַלץ געווען ווי אין אַ טראַנס, פאַרכאַפּט מיט געשפּאַנטקייט, ווי פון אַן אומגעוויינלעכער אַנטפּלעקונג... אפילו די וועכטערין האָט איר אויסגעקוקט אַנדערש ווי די געוויינלעכע מענטשן: אַ הויכע, אַ רונדע, מיט אַ לענגלעך־שטייף פּנים פון אונטער די אויגן־גלעזלעך האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר שאַרפע, גרויע, אייז־קאַלטע, אומהיימלעכע אויגן. נאָך עטלעכע שטילע ווערטער מיטן פּאָליציימאַן האָט זי אָפּגעמאָסטן מערין מיט אַ בייסיק־פּיינטלעכן בליק.

ביים אונטערזוכן אירע קליידער און דעם האַנט־בייטל, האָט די וועכטערין געפרעגט מיט חוזק און בייזוויליקייט: — האָסט געגעבן אַ פּאַטש אַ פּאָליציימאַן?

מערי האָט איר דרייסט געענטפערט, אַז זי האָט אים בלויז געוואָלט אָפּוועקרייסן פון די שוואַכע מיידלעך אין דער „פּיקעט־ליין", וועלכע ער האָט ברוטאַל געשטויסן און געוואָרפן. האָט ער איר געגעבן אַזאַ ברוטאַלן שטויס, אַז זי איז אומגעפאַלן. זי האָט זיך געמוזט פאַרטיידיקן...

— פאַרטיידיקן? — האָט די וועכטערין אויסגערופן מיט רציחה און איר פול שטייף פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט פלאַמיקן צאָרן. ווען מערי האָט זיך שוין געפונען אין איר צעל, אַן איבערגעטאָנענע אין דעם העל־בלויען סיצענעם תפיסה־קלייד, האָט זי נאָך אַלץ מיט נייגיר באַטראַכט דאָס אייזערנע קעמערל, אַזוי גרויס ווי איר קליידער־שאַפע איבערן דערהיים. צוויי הענגענדיקע אייזערנע בעטלעך, צוגעקייטלטע צו די אייזערנע ווענט.

עס שטעלט זיך אַריין אין צעל אַ וואַקסיקע, פולבלעכע יונגע פרוי, אין די פריע דרייסיקער יאָרן. זי שטעלט זיך פאַר פאַר מערין, ווי איר צעל־שכנה. איר נאָמען איז ראָזלין. מערי זאָגט איר איר נאָמען, און זי פרעגט ביי איר, וואָס עס מיינען די ווייסע טאָוולען אויף דער וואַנט איבער די בעטלעך: איבער מעריס בעטל איינגאַנצן אַ ליידיקער טאָוול און איבער ראָזלינס — שורות מיט קליינע פּאַסיקלעך. ראָזלין דערקלערט איר, אַז אין תפיסה ציילט מען ניט אין טערמינען פון וואָכן אָדער חדשים; דאָ

ציילט מען טעג. זי, ראזלין, האָט געקראָגן דריי הונדערט מיט פינף־און־זעכציק טעג, איז יעדן טאָג מעקט מען אָפּ אַ פּאַסיקל, און מען פריידט זיך מיט אַ טאָג ווייניקער. איר ברייטלעך גוטמוטיק פּנים מיט צוויי טיפע חן־גריבעלעך צעשמייכלט זיך פריידיק—זי האָט נאָך אינגאַנצן הונדערט מיט עלף טעג.

ראזלין וויל שוין וויסן וואָס האָט מערין געבראַכט אַהער? — אָבער מערי וויל זיין פאַרזיכטיק, זי וויל פריער וויסן מיט וועמען זי האָט דאָ צו טאָן. זי ענטפערט איר, אַז איר געשיכטע איז אַ לאַנגע, און זי איז איצט מיד. זי קאָן אָבער אויסהערן די אַנדערע. איר געשיכטע איז זיכער אַנדערש פון זייערע.

אין „שטייג" אויף אַ לאַנגער באַנק, האַרט לעבן די גראַטעס, זיינען געזעסן עטלעכע פרויען, מערסטנס יונגע; די בליקן געווענדעט צו מערין — דעם נייעם „פויגל"—ווי עס ווערן גערופן די נייע אַרעסטירטע. מען רינגלט אַרום די נייע מיט זשעדנעם נייגיר, ווי מען זאָל וועלן אַריינאָטעמען אין זיך דעם פרישן אַראָמאַט פון פרייען באַוועגלעכן אינדרויסן.

ראזלין שטעלט פאָר פאַר מערין איר אָפּגעקליבענע גרופּע פריינדינס, וועלכע זי קרוינט מיט אַ צונאָמען, צוגעפּאַסט לויט דעם, ווי יעדע איינע רעאַגירט אויף איר תּפיסה־לעבן. זי ווייזט אָן אויף אַ יונגיטשקער, קוים אַכצן יאָר אַלט. אַ דינע, אַ צאַרטע, פלאַקסענע האָר, טיף־בלויע אויגן, אַ קינדעריש פּנימל מיט אַ קורץ פאַרריסן נעזל. — דאָס איז דזשיני! — דאָס וויינענדיקע קינד („קראַי־בייבי"). די צווייטע איז אַרום עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלט, אַ מיטל־וואוקסיקע, אַ שטאַלטנע, מיט אַ חנ'עוודיק מאַטאָווע פּנים, מיט שיינענדיקן גלאַנץ אין אירע שוואַרצע קיילעכדיקע אויגן. — דאָס איז נעלי. זי איז „שטורעם און כמאַרע"... גראָד איצט איז זי אין פאַרכמאַרעטן געמיט, פאַרזונקען אין אומעט, מיט אַ פאַרהוילענעם בליק. — דזשעני און נעלי האָבן אויך לאַנגע געשיכטעס פון זייער פאַרברעכן, זיי וועלן שוין אַליין דערציילן.

עטל און עלסי,ביידע צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלט, האָבן זיך דאָ שטאַרק באַפריינדעט; זיי טרעטן ניט אָפּ איינע פון דער אַנדערער. בלויז צווישן זיך ריידן זיי אַ סך; מיט די אַנדערע האַלטן זיי זיך געהיימניספול מיט האַלבן שווייגן. — עטל זיצט דאָ פאַר „פּייפּער הענגינג"— דאָס איז דער תּפיסה־אויסדרוק פאַר פעלשן טשעקס. זי, ראזלין אַליין, איז דאָ אויך פאַר „פּייפּער הענגינג", זי האָט געפעלשט עטלעכע טשעקס. דאָס האָט איר מאַן, דער טויגעניכץ, געבראַכט זי צו דעם. אירע צוויי

קינדערלעך ליידן דערוויל. אירע שמייכלדיקע קאַרע אויגן מיט לאַנגע וויעס ווערן באַצויגן מיט פייגלעכער בענקשאַפט.— עלסי איז אַ „שאָפּ־ליפטער״—געגנבעט אין קראָמען. אַביסל וויטער אָפּגעזונדערט אַליין אויף אַ באַנק, זיצט אַ פרוי, שאָקלט זיך אַהין־און־צוריק, ווי אַן אָבל. ראזלין ווייזט אָן אויף איר: — אָט יענע איז פרענסיס — זי האָט זיך אויסגעגליטשט... און איצט גליטשט זי זיך צו איר אייביקער רו...

אין צווייטן עק פון לאַנגן „שטייג״ זיצט אַן אָפּגעטיילטע גרופּע, אויך מערסטנס יונגע פרויען; מיט באַשמינקטע פּנימער, פאַרקעמטע קעפּ, מיט פאַרשיידענע פריזורן. אייניקע שלייפן זיך די נעגל, עטלעכע שפּילן אין קאָרטן, אַנדערע שטודירן אין אַ ניי ליבע־לידל. ראזלין ווייזט אָן מיט אַ וואונק, מיט ביטול — אָט יענע, געזונקענע... זייער פאַך איז „מען־טשעיס״—גאַסן־פרויען, פאַרטייטשט זי דאָס תפיסה־לשון. זי רעדט אַרויס די ווערטער מיט אַ פאַרקרימטער גרימאַסע און מיט עקל.

מערי האָט שפּעטער אויסגעפונען אַז צווישן די אַרעסטאַנטקעס ביל־דעט זיך אַמין יחוס־גראַד... אַלע אַנדערע פאַרברעכנס שטייען העכער פון פּראָסטיטוציע. מען האַלט זיך אָפּגעטיילט מיט מער ווירדיקן אַנ־שטעל, ווי ריינערע ווענס.. יענע, פון זייער זייט, ווענדן אָן אַ קעגנ־שטעלונג, מיט אָפענער שנאה און ציניזשקייט צו די אַנדערע.

דער האַלבער טאָג איז פאַר מערין אַוועק מיט אַ ניט־געשטילטן נייגיר... ערשט ווען זי האָט דערהערט דעם גרילצנדיקן געדריי פון די טיר־שליסלען, האָט זי דערפילט, ווי אויפגעוועקט פון אַ פאַרפלאָנטערטן חלום.

דער עס־צימער—אַ גרויסער שאַלאַש, געדיכט באַשטעלט מיט טישן, געדיכט באַזעצט אַרום די טישן. די בלעכענע טעלער זיינען מיט ברוינע פלאַמעס, קענטיק פון אָפּגעוואַשענעם זשאַווער. אַזוי אויך די לעפל און גאָפּלען. מערי האָט דערפילט אַ דערווידער זיך צורירן צום געקעכטס. די געדיכטקייט איז געווען געל און גליטשיק, מיט שטיקלעך קאַרטאָפל, בעבלעך, און צו די דריי פיצלעך פלייש, באַוואַקסן מערסטנס מיט פעטס.

נאָך דעם אַוונט־מאָלצייט זיינען איינגאַנצן געווען אַ פאָר שעה פאַר נאַכט־לעגער. דער נאַכטיקער אומעט האָט שווערער גענאָגט ווי דורכן טאָג. מערי האָט מער דערפילט ווי געזען, ווי דער אומעט שפּרייט זיך אין חלל מיט אומרו און נאָגנדיקע בענקשאַפטן.

ראזלין האָט ליב געהאַט פריילעכקייט. זי לעכצט נאָך צעשטרייאונג, ווי זי זאָל ווען אַנטלויפן פון איר אייגענעם גרויען שאָטן. זי ווייסט שוין

ווי אַזוי אַנצורעגן, כדי צו פאַרטרייבן די מאָנאָטאָנישקייט. — אַט וועט מערי זען, ווי נעלי קאָן אימיטירן פילם־סטאַרס. נעלי האָט אַ וועלט מיט וויצן, וואָס זי האָט אָנגעזאַמלט פון אירע קונדן אין דעם שיינהייט־סאַלאָן, וואו זי האָט געאַרבעט. אויך אירע איטאַליענישע פאָלקס־לידלעך ווערט מען ניט מיד צו הערן. דאָס האָט די באָבע אירע זי אויסגעלערנט. דאָס אַלץ גיט זי מיט אַ פולער מאָס, ווען זי טשובעט זיך אויס פון איר אומעט.

נעלי איז שוין אין איר געהויבענער שטימונג... זי שפּאַנט אַרום מיט אימפּעט, מיט פיבערדיקן גלאַנץ אין אירע קיילעכדיקע שוואַרצע אוגן. זי ברומט אַ ניגון פון אַ פּאָפּולערן לידל.

ראָזלין, אַ „קאָך־לעפל" פון דער נאַטור, מוז וויסן אַלע פאַרבאָרגענע סודות. זי איז שוין נייגעריק צו וויסן מעריס „פאַרברעכן־געשיכטע", וואָס איז זי אַנדערש פון די אַלע אַנדערע. זי זעצט אויס איר גרופּע פריינדינס אויסצוהערן מערין.

מערי מאַכט אַ לענגערן אַריינפיר—וועגן אָרעמקייט, עקספּלואַ־טאַציע, אומגערעכטיקייט — און פאַרענדיקט וועגן דעם סטרייק אין שניידער־שאָפּ און וועגן איר צוזאַמענשטויס מיטן פּאָליציימאַן.

שוין באַלד ביים אָנהויב פון איר דערציילונג האָט מערי באַמערקט ווי ראָזלינס פּנים פאַרכמאַרעט זיך מיט פאַרדריסלעכער גרימאַסע... וואָס מער ראָזלין הערט, אַלץ מער וואַקסט אין איר די אויפרעגונג. זי האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי זי קאָן שוין מער אויף מערין ניט קוקן. ביים סוף האָט זי געוואָרפן אַ באַדייטונגספולן בליק אויף די אַנדערע. עטל און עלסי האָבן מיט אַ צוריקבליק זיך פאַרשטאַנען... זיי האָבן זיך ראַפּטאַם אויפגעהויבן און צוגעוואָרפן מערין אַ בליק מיט שטומען כעס. דזשיני און נעלי האָבן די גאַנצע צייט געשלונגען יעדעס וואָרט, אינסטינק־טיוו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַלץ זאָל זיין אמת. נעלי האָט געבעטן מערין אַז זי זאָל נאָך עפּעס דערציילן — זי ווייסט אַז אַלץ איז אמת... עטל און עלסי האָבן אַרומגעשפּאַנט איבערן „שטייג", גערעדט צווישן זיך מיט בייזקייט, הויך גענוג, אַז מערי זאָל הערן: „אויב מערין געפעלט דאָ ניט, זאָל זי גיין צוריק אין איר אַלטן לאַנד. ראָזלין איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטומטע. מערי איז איר באַלד געפעלן געוואָרן; זי האָט זיך באַלד דערפילט מיט איר נאָענט און היימיש. זי האָט איצט ווי ניט געוואַגט אַרויסצושפּרינגען אָפן.

אינדערפרי איז מערי צו פרישטיק ניט געגאַנגען. ס'האָט זיך איר אָפּגעשטעלט אַ דערווידער צו אַלע דאָרטיקע שפּייזן. ראָזלין האָט מיט

קאַלטער העפלעכקייט זי געפרעגט, ווי זי פילט און שנעל זיך אַרויסגעדרוקט פון צעל. ערשט איצט, ווען זי איז שוין געווען אויסגעניכטערט פון איר נייגיר־„טראַנס", האָבן מיט ווייטאג זיך געקנוילט אין איר נייע טראַכטונגען — וועגן אַזעלכע שווערע קראַנקע פּראָבלעמען, וואָס זי זעט איצט פּנים־אל־פּנים... לאַנג טראַכטן האָט זי ניט געקענט. עס האָט זיך דערהערט דער טעמפּער קלאַנג פון שליסל אין טיר. מען איז שוין געקומען צוריק פון פרישטיק, אויסער ראָזלין, וועלכע האָט געאַרבעט געוויסע טעג אין שניידער־שאָפּ פון דער תפיסה.

די וועכטערין האָט אַרויסגערופן מערין פון צעל. פון יענער זייט „שטייג" זיינען געשטאַנען דריי יונגע פרויען. די וועכטערין האָט געהייסן דאָ וואַרטן; זי איז געגאַנגען צו די שכנישע קאַמערן אַרויסצורופן די „נייע", וועלכע מען האָט געבראַכט דורך דער נאַכט. מערי האָט געפרעגט די מיידלעך, וואוהין מען פירט זיי? איינע מיט תפיסה־דערפאַרונג האָט דערקלערט, אַז יעדע נייע אַרעסטירטע פירט מען צום דאָקטאָר פאַר אַן אונטערזוכונג וועגן ווענערישע קראַנקהייטן.

מערי האָט דערפילט ווי מען זאָל איר דערלאַנגען מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. ס'איז איר אַריין אַ היץ אין מוח. זי האָט זיך שנעל אַ לאָז געטאָן צו איר „שטייג". זי האָט איינגעקלאַמערט די הענט אין די גראַטעס. זי וועט ניט גיין צו דער דאָזיקער אונטערזוכונג.

די וועכטערין איז געקומען מיט נאָך צוויי יונגע מיידלעך. זי איז געבליבן שטיין געפּלעפט, ווען זי האָט דערזען מערין אַן איינגעקלאַמערטע אין די גראַטעס, מיט אַ דרייסטן אַרויסרוף־בליק קעגן איר. זי האָט געגעבן אַ טראַט נעענטער. מערי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, אַז זי וועט ניט גיין צום דאָקטאָר. זי, די וועכטערין, ווייסט דאָך ווער זי איז... זי וויל זען איר אַדוואָקאַט. זאָל זי זיך ניט צורירן צו איר — האָט זי גלאַרעמט אויף אַ הויכן טאָן. דער וועכטערינס אייז־קאַלטע אויגעלעך האָבן זיך צעצונדן ווי צוויי שטורקאַצן. זי איז אַ ווילע געשטאַנען ווי פאַרלוירן. זי האָט זיך האַסטיק געגעבן אַ קער אין דער ריכטונג פון אָפיס. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, אָבער פאַר מערין האָט זיך עס געצויגן ווי אַן אייביקייט... די פינגער האָבן איר אָנגעהויבן קראַמפן. ענדלעך איז די וועכטערין צוריקגעקומען. זי האָט צוגעוואָרפן מערין אַ רציחהדיקן בליק, און גענומען אויפשליסן די אייזערנע טיר. זי האָט באַמערקט ווי דורך די גראַטעס פון די אַנדערע „שטייגן" קוקן אַרויס פנימער מיט נייגעריקע בליקן, ווי פאַר אַן אויסטערלישער שפּיל...

זי האָט בייסיק אַ זאָג געטאָן, ווי אין דער לופט: — מיר וועלן זיך נאָך אָפּרעכענען מיט דעם רויטן טיוול...

אין „שטייג״ איז מערי געוואָרן איבערראַשט, טרעפנדיקביידע באַזונדערע גרופּן צוזאַמענגעטיליעט, מיט צעשראָקענע פּנימער. ס׳האָט איר אויסגעקוקט ווי אַ צוזאַמענלויף פאַר אַן אָנקום פון אַ געפערלעכן שטורעם, ווען אין אַנזיכט פון געפאַר ווערט אָפּגעווישט שטאַנד און יחוס. ווי גלייכע טיליעט מען זיך צוזאַמען.

אַן אויסגעשעפּטע האָט זיך מערי אויסגעצויגן אויפן בעטל אין איר צעל. דזשיני מיט נעלין זיינען באַלד געווען לעבן איר. נעלי האָט אַריינגענומען מעריס ביידע הענט אין אירע; זי האָט זיי צוגעטראָגן צו אירע ליפּן און שטיל געשעפּטשעט: — גאָט זאָל דיך בענטשן, גאָט זאָל דיך בענטשן...

דזשיני איז געשטאַנען ווי אַלעמאָל מיט פאַרבענקטע פייכטע אויגן. ווי פון אַן אָפענעם קוואַל האָבן זיך געקייקלט די טרערן אויף איר בלייכן קינדערשן פּנים. מערי האָט איר געזאָגט אַ פּאָר טרייסט־ווערטער. דזשיני, נאָך מער גערירט, האָט זיך געריסן אַראָפּצורייידן זיך פון האַרצן פאַר מערין, אויך זיך אַן עצה האַלטן מיט איר.

דזשיני האָט זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט איר ערשטער אַנטוישטער ליבע, אויף אַן אופן, ווי איר קינדערשע פאַנטאַזיע האָט פאַרטראַכט.

זי קומט פון אַ ווייט שטעטל. איר חברטע, אויך אַ דינסט־מיידל, וועלכע האָט שוין אַ חתן אַ מאַטראָס, האָט צוליב איר אויך מיטגעבראַכט זיינעם אַ פריינט. זיי האָבן זיך פאַרליבט ביי דער ערשטער באַגעגעניש, איבערהויפּט דער בחור; ער האָט געפלאַטערט איבער איר! — מיין ווייס מאכל! — האָט ער זי גערופן. זי איז געוואָרן די גליקלעכסטע אין דער גאַנצער וועלט. די צוויי וואָכן וואָס זיין שיף איז דאָ געשטאַנען זיינען שנעל אַוועק, ווי אַ שיינער קורצער חלום. מען האָט אָפּגערעדט, אַז שפּעטער מיט זעקס חדשים, ווען די שיף וועט דאָ נאָכאַמאָל קומען, וועלן זיי חתונה האָבן און ווערן לעגאַלע מאַן און ווייב. זי האָט באַלד געשריבן צו איר קראַנקער מאַמען, אַן אַלמנה מיט נאָך פיר קינדער, וואָס פאַר אַ גליק איר האָט געטראָפן!

נו, די וואָכן האָבן זיך געצויגן מיט אָגסטן פאַר איר... און זי האָט מער ניט געהערט פון אים. פאַר איר חברטע פלעגט זי אויסגיסן טייכן טרערן, אַז זי זאָל איר העלפן דורך איר חתן אויסצוגעפינען וואָס מיט אים איז געשען. ביז איר חברטע האָט איר געלאָזט וויסן, אַז איר חתן

האָט איר געשריבן, אַז דזשיני זאָל פאַרגעסן אין אים; זי וועט אים שוין מער ניט זען — אַזוי האָט ער באַשלאָסן.

צווי וואָכן איז זי געווען קראַנק אין בעט, זי האָט געוואָלט שטאַרבן. אָבער זי האָט זיך דערטראַכט צו אַ געוויסן נקמה־טאַט, וואָס האָט איר צוריק געזונט געמאַכט. זי האָט אויסגערעכנט, אַז זי מוז עפּעס אָפּטאָן, אַזעלכעס וואָס זאָל אויפוועקן זיין געוויסן און זאָל חרטה האָבן וואָס ער האָט פון איר געמאַכט... און אַז עס זאָל צו אים דערגרייכן וועט איר בילד דאַרפן זיין אין די צייטונגען מיט אַ באַשרייבונג וועגן איר...

עס האָט איר ניט געלאָזט רוען. זי האָט דאָס געמוזט שנעל דורכ־פירן, האָט זי אַרויסגענומען איר באַלעבאָס׳ רעוואָלווער. זי האָט געוואוסט וואו ער ליגט, און אין שפּעטן אָוונט איז זי אַרויס אין אַ פינצטער געסל, און דער ערשטער, גראָד אַ הויכער געזונטער מאַן, איז אָנגעקומען, האָט זי אָנגעשטעלט דעם רעוואָלווער: — הענט אַרויף! — האָט זי אַ געשריי געטאָן. וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט איז אַלץ דורכגעגאַנגען ווי זי האָט געוואָלט. קרעפּטיקע אָרעמס האָבן זי געהאַלטן, ביז עס איז אָנגעקומען דער וואָגן מיט פּאָליציי, און נאָכדעם גענומען פון איר בילדער, זי באַשריבן אין די צייטונגען. זי האָט ניט אויסגעזאָגט דעם אמת פאַרוואָס זי האָט דאָס געטאָן... אַז דזשאָן, זאָל דאָס ניט וויסן...

און אַט איז שוין אַוועק דריי חדשים — פון דזשאָנען הערט זי נאָך אַלץ ניט. איר מאַמע איז נאָך מער קראַנק געוואָרן. זי וואָלט שוין איצט דערציילט דעם אמת, אָבער מען זאָגט איר, אַז עס וועט שוין סיווי ניט העלפן. זי גראָבט איין דעם קאָפּ אויף מעריס פּיס און וויינט יאָמערלעך...

ווען מערי איז שפּעטער אַרויס פון צעל, זיינען איר אַנטקעגן גע־קומען עטל מיט עלסין. זיי האָבן געשפּאַנט איבער דער לענג פון „שטייג״.ביידע האָבן איר צוגעוואָרפן אַ פריינטלעכן שמייכל, ווי אַן אַנדייט זיך איבערצובעטן. פון דער גרופּע גאַסן־מיידלעך האָבן אויגן זיך געגעבן אַ קער צו איר — ווער מיט ניט־דרייסטע שמייכלען און ווער מיט חידוש־בליקן, ווי אויף אַ וואונדער־זאַך... איינע פון די עלטסטע צווישן זיי, אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, האָט איר צוגעשיקט אַ לופט־קוש.

מערי איז צוגעקומען צו זיי. זי האָט זיך פאַר זיי פאַרגעשטעלט מיט איר נאָמען. די עלטסטע פון זיי האָט איר דרייסט געדריקט די האַנט, איר נאָמען איז סאַנדרי. זי האָט צוגעגעבן מיט טאָן פון זעלבסט־ווירדע: האָסט גוט געטאָן, מערי — בישטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן. די רשעות האָט קיין גרעניץ ניט . . .

מערי האָט זיך געפילט געפּלעפּט פון דעם דאָזיקן זאָג... זי האָט זי אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן בײַ דער האַנט, זיך אַוועקצוזעצן אַביסל ווײַטער אויף אַ באַנק. אַ מידקייט האָט זיך געזען אויף סאַנדריס קנאָ־כיקן, פאַרגעלטן, ניט צו־שיינעם פּנים. פון אירע מאַנדל־אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ מעלאַנכאָליע. סאַנדרי האָט פאַרשטאַנען, אַז מערי איז געוואָרן איבערראַשט פון איר דרייסטן אַרויסזאָג... זי האָט אָנגעהויבן איבערראַשן מערין מיט נאָך טיפּזיניקע, פּסיכאָלאָגיש פאַרטראַכטע אויס־דרוקן וועגן מענטשן און זאַכן. מערי האָט געזען אַז סאַנדרי פאַרמאָגט ניט נאָר אַ געוויסע בילדונג, נאָר אויך אַ באַקאַנטשאַפט מיט געוויסע לערער און פילאָזאָפישע דענקער, צו וועלכע זי האָט איצט אַ צינישע באַציאונג. זי רעדט טרוקן, אַפּאַטיש, אַז דאָס לעבן באַשטייט בלויז פון נסיונות, פון אוממענטשלעכע רשעות, אַז די שטאַרקע פילן זיך באַרעכ־טיקט צו צעטרעטן די שוואַכערע.

מערי האָט אַ טראַכט געטאָן: יאָ, זי האָט פיינט דאָס לעבן, אָבער זי וויל אויך ניט קיין פריייוויליקן טויט. זי איז דערוויילן געבליבן ווי אַ פרעמדער צושויער בײַ אַ נישטיקער טעאַטער־שפּיל, וואָס געפעלט טאַקע ניט, נאָר אַז מען איז שוין דאָ, וועט מען שוין אויסזיצן ביזן סוף... מערי איז איצט בלויז געהער...

נעלי איז צוריקגעקומען צו מערין מיט צעפלאַמטער צעטראָגנקייט. מיט ציטער אין קול האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל גיין מיט איר טאַנצן, זי וועט איר אויסלערנען אַ נייעם טאַנץ פון פינף טראָט. — ראַזעלין איז נישטאָ — האָט זי געזאָגט — און די צוויי אָנגעבלאָזענע אינדיטשקעס — געמיינט עטלען מיט עלסין — זיי וועלן זיך ניט אַריר טאָן פון אָרט.

מערי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען נעליס עקסטרעמע איבער־גאַנגען פון פאַרזונקענקייט אין יאוש און פיין צו ווילדער פריילעכקייט, ווי זי זאָל זיך וועלן ראַטעווען פון היסטערישע אויסברוכן. מערי האָט איר אַ וואָוונג געטאָן, אַז זי זאָל איינלאַדן איינע פון יענע מיידלעך. זי איז געבליבן אַ ווייל אין אַ פאַרלעגנהייט און שנעל אַ זאָג געטאָן:— טאַקע פאַרוואָס ניט? זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איינער פון דער גרופּע און האָט זיך אָנגעהויבן מיט איר דרייען ווי אַ ווירבל־ווינט. באַלד האָבן די אַנדערע זיך אויסגעפּאַרט און אונטערן טאַקט פון ריטמישן ציילן פון איינס ביז פינף האָבן גראַציעזע פיס זיך אַוועקגעלאָזט אין טאַנץ מיט עקסטאַז.

עס האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ שטילער געיאָמער פון דער

אפּגעזונדערטער, פאַרגליווערטער פּרענסיס. מערי מיט סאַנדרין זיינען צוגעקומען צו איר. סאַנדרי האָט אַ זאָג געטאָן מעריין, אַז אפשר זאָל מען זי אַזוי לאָזן, ווייל ס׳איז דאָס ערשטע מאָל וואָס דער פאַרפרוירענער צער האָט אין איר נאָכגעלאָזט: ביז איצט האָט זי קיין טרער ניט געלאָזט. זיי זיינען ביידע געשטאַנען איבער איר געבויגענעם רוקן מיט שטילן טרויער, ווי איבער אַ טויטן אָרון. דער געוויין איז אַריבער אין אַ שטילן כליפּען. זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים; די טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער אירע בלייכע באַקן. ס׳האָט זיך נאָך דורכגעזען אַ מעלאַנכאָלישע שיינקייט.

מערי האָט אָנגעהויבן ריידן צו איר אויף איר שטייגער: — זי דאַרף זיך ניט ראַנגלען צווישן „זיין און ניט זיין״... פאַר אַ מענטשן בלייבט נאָך אַלעמאָל פאַר וואָס צו לעבן און זיך נוצלעך מאַכן: פאַראַן קראַנקע, הילפלאָזע, וואָס נויטיקן זיך אין הילף. די גאַנצע צייט וואָס מערי האָט גערעדט, האָט זי געפילט אויף זיך סאַנדריס צעפינקלטע אויגן מיט אַ ציי־נישן גלאַנץ. סאַנדרי האָט געשמייכלט מיט ביטערער איראָניע. מערי האָט אויף איר אַ שטומען קוק געטאָן מיט פאַרדרוס און מיט פאַרשטענדעניש אַריינגעקוקט אין דעם יסורים־מידיקן פּנים דעם פאַרשעמטן...

סאַנדרי׳ן איז געוואָרן שווער דאָס פּיינלעכע שווייגן פון זיין ביידן. זי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ טעמפּ אויסגעלאָשן קול: — איך, מערי, צווייפל אין אייער ליבשאַפט צום לעבן... קיין סענט גיב איך ניט פאַר אַזאַ קאַלט, איינזאַם לעבן... אַ פרוי אַליין איז ווי אַ פלאַנץ אָן זון, אָן וואַסער; דאָרט וואו ס׳איז נישטאָ קיין ליבע, איז אויך נישטאָ קיין גרויס לוסט צום לעבן; קיין פרייד, קיין דערוואַרטונג.

זי האָט אַ קער געטאָן איר צעוויינטאָגט פּנים צו פּרענסיסן און מיט אַ טאָן פון וואָרנונג געזאָגט: — הער פּרענסיס, פריער פון אַלץ דאַרף מען שאַנעווען דאָס אייגענע לעבן. ווילן אַנדערע אויך שאַנעווען... פון צופיל גוטסקייט גראָבט מען זיך אַליין אַ קבר.

מערי האָט געקוקט אויף איר מיט חשד און זיך געטראַכט: סאַנדרי׳ס זומפּיק לעבן איז אפשר ניט מער ווי אַ נקמה־אַקט קעגן אַן איינ־צעלנעם אָדער קעגן אַ סביבה; זי איז קענטיק ניט צוגעגרייט געווען אַריבערצוטרעטן די שטעכיקע דערנער. מיט פאַרשטייפטע ציטערדיקע ליפּן, ווי זי זאָל פאַרהאַלטן אַ כליפּ, איז זי אַוועק צו זיך אין צעל. די צעטאַנצטע פרויען האָבן נאָך אַלץ געשוועבט מיט זאַרגלאָזיקייט אין ריטמישן פיס־געפּלעפּכט.

נעלי האָט זיך אַרויסגעריסן פון טאַנץ. זי האָט געכאַפּט מערין אונטערן אָרעם. איר שטייפער בוזים האָט זיך געהויבן מיט פאַרסאָפּעטן אָטעם; דאָס פנים צעקרימט, ווי פון דערשטיקטן וויטאָג; אין אירע שוואַר־צע אויגן אַן אומהיימלעך פייערל, מיט בענקשאַפט און טרויער. זי האָט צוזאַמענגעפלאָכטן די פינגער, זיי געבראָכן, ווי זי זאָל וועלן מיט פיזישן וויטאָג איינשטילן אַן אַנגסטלעכע האַרץ־רייסעניש...

זי ווייזט אַן אויף אויף פּרענסיסן, אַז זי טענהט אויף צו איר, אַז קיין מאַן האָט ניט די ווערט מען זאָל צוליב אים זיך אַליין פאַרניכטן... ווייניק האָט דער מאַן אירער געזינדיקט מיט אַנדערע פרויען... מערי האָט דערפילט אַז נעלי מוז זיך איצט אויסריידן; דער טאַנץ האָט ניט איינגע־שטילט דעם ברויזנדן צער אין איר. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק.

נעלי האָט פאַרגעזעצט: אין שיינהייט סאַלאָן, וואו זי האָט געאַרבעט, פלעגן פרויען, אירע קונדן, דערציילן איר גאָר ניט קיין שיינע זאַכן, וועגן גאַנץ בכבודיקע פאַרהייראַטע מענער... זי האָט זיי ניט געגלויבט, זי האָט פאַרדעכטיקט אַז דאָס ווילן זיי באַרעכטיקן זייערע אייגענע זינ־דיקייטן, ווייל מיט איר דזשימין איז זי, נעלי, זיכער: ער איז איר געטריי, איבערגעגעבן, טוט ניט קיין טריט אָן איר. אין די אָוונטן, ווען זי האָט געאַרבעט שפּעט, פלעגט ער וואַרטן אויף איר אויפן ראָג. ער איז געווען צו איר איידל, צערטלעך — האָט זיך אונטערגעכאַפּט יענע שלאַנג — אַ יונגע פרוי מיט אַ שיין מיידעלע, אָן אַ מאַן. שכנים האָבן איר אָנגעהויבן אונטערזאָגן, אַז די אָוונטן, ווען זי אַרבעט שפּעט, איז ער דאָרטן ביי יענער; זיי זעען דורך די פענצטער. ס'איז איר געווען שווער צו גלויבן, ווייל גראָד איז ער געוואָרן נאָך מער צערטלעך און האָט מער געפלאַטערט אַרום איר... ביז זי האָט איין מאָל אַליין דערזען, אַז די שכנים טראַכטן ניט אויס.. זי האָט באַשלאָסן זיך דורכצוריידן מיט יענער אין גוטן מוט, פון האַרץ צו האַרץ, אַז זי זאָל זיך ניט איינרייסן אין איר גליקלעך לעבן. — נו, איז יענע איר פאַרלאָפן דעם וועג, אַז איר דזשימי האָט זי גאָר ליב נאָך אפשר מער ווי נעלין, אויב ניט, וואָלט ער אַזוי ניט געצאַפּלט זיך איבער איר. זי, נעלי, איז געוואָרן אַזוי ווילד. זי האָט געפילט אַז עפּעס מוז זי טאָן. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם זודיקן טאָפּ וואַסער פון אויוון און איר אַ גאָס געטאָן אין פּנים.

יענע איז געווען אין גרויס געפאַר, שוין זעקס וואָכן, אַז זי איז אין שפּיטאָל מיט אַ פאַרלאַטעטן פּנים; אויף איין אויג וועט זי שוין מער ניט

זען. אָבער עס טוט אר ניט באַנג וואָס זי האָט דאָס געטאָן. עס פייניקט זי יאָ, וואָס דזשימי טרעט ניט אָפּ פון איר בעט, און פּין איר, נעלי, וויל ער מער ניט וויסן. זי האַסט אים און אין דערזעלבער צייט בענקט זי נאָך אים אַזוי שטאַרק! דאָס האַרץ גייט איר אויס אים צו זען, צו פילן דעם צערטלעכן גלעט פון זיין האַנט. ניין, זי דערוואַרט שוין ניט מער קיין פרייד אין לעבן... אפשר איז פרענסיס טאַקע גערעכט? צו וואָס זיך וויקן אין יסורים ?...

נעלי האָט נאָך אַלץ געבראָכן די פינגער, מערי האָט זי געוואָלט טרייסטן טיף אין זיך האָט זי געזוכט עפּעס שטאַרקע ווערטער... און זי זאָגט — מען טאָר ניט אויפהערן צו האָפן און צו גלויבן... מערי האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט. זי האָט דערפילט, אַז די ווערטער קומען אַרויס ווי פון אַ פרעמד קול, ווי ס'איז עמיצנס איבערגערעדטע רייד...

דער גרילצנדיקער קלאַנג פון שליסל האָט געלאָזט וויסן, אַז ס'איז שוין מיטאָג־צייט. ער האָט איבערגעריסן ביידנס פאַרטיפטן שווייגן. מערי האָט בעלין אַ וואַרעמען זאָג געטאָן, אַז זי וועט זיך מיט איר נאָך דורכריידן, ווי אַזוי צו האַרמאָניזירן שכל מיט געפיל...

ביים אַריינקומען אין עס־צימער האָט מערי אויפגעכאַפּט ראַזליג'ס צופרידענע בליקן. יענע האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט, אַז זי האַלט פאַר איר אַ פלאַץ לעבן זיך. זי האָט איר וואַרעם געדריקט די האַנט, און איר שטיל דערציילט, אַז אין שניידער־שאַפּ האָבן אַ סך מיידלעך זי געבענטשט פאַר איר אַרויסטריט קעגן דער דאָזיקער שענדלעכער אונטערזוכונג, וואָס מען פירט דורך פאַר אַלע אַרעסטירטע פרויען, אָן אונטערשייד פון פאַרברעכן... זי אַליין פילט איצט יענע באַליידיקונג... זי וואָלט שוין איצט אויך געוואוסט וואָס צו טאָן..

מיט אַ שולדיקער מינע האָט זי צוגעגעבן, אַז זי האָט זיך אַליין ש"ין אויסגעזידלט, וואָס זי האָט נעכטן איר אַרויסגעוויזן אַזאַ פיינטלעכקייט; זי האָט זיך אָנגעהערט אַזויפיל שלעכטע זאַכן וועגן אַזעלכע ווי זי, מערי, אָבער דאָרטן אין שאַפּ האָבן אייניקע זי בעסער פאַרשטאַנען... זי וועט שוין איצט מיט איר ריידן וועגן אַ סך זאַכן, וועלכע מערי וועט איר דאַרפן קלאָר מאַכן. צו די ברוינע בעבלעך מיט די שטיקלעך חזיר־שמאַלץ האָט זיך מערי ניט צוגערירט. זי האָט זיך געזעטיקט מיט אַ פּאָר שטיקלעך טרוקן ברויט. די קאַווע האָט גאָר געהאַט אַ מאָדנעם ריח. אָבער זי האָט זיך געפילט אנגענעם איבערראַשט פון צענדליקער וואַרעמע בליקן צו איר, מיט צופרידענע שמייכלען...

קעגנאיבער מערי'ס „שטייג“ אַריינגערוקט אין אַ ווינקל, שטייט אָן איינצעלנע צעל. ראָזלין האָט איר דערקלערט, אַז אַהין „וואַרפט מען אַריין“ נאַרקאָטיקער, שיכורטעס און סתם ווילד־געוואָרענע.

אין איינער אַ נאַכט האָט זיך דערהערט אַ געוויין, וואָס איז געשטיגן העכער און העכער, ווי דאָס וואָיען פון אַ געשלאָגענעם הונט.— דאָס איז אַ נאַרקאָטיקערין — האָט ראָזלין שוין דערקענט. — מיר וועלן היינט האָבן אַ „פריילעכע“ נאַכט... קעפּ האָבן אָנגעהויבן אַרויסשטעקן פון די צעל־טירן. ביי די גראַטעס איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי, אַ קליין־געוואַקסיקע, מיט בלאָנדע צעשויבערטע האָר, מיט אַ צעקרימט פּנים. זי האַלט זיך אָן ביי די גראַטעס. מאָמענטנווייז וויינט זי מיט אַ ווייך מענטשלעך קול און בעט זיך: „האָט רחמנות! איך שטאַרב!“ מיטאַמאָל רייסט זיך ביי איר אַרויס אַ ווילד געשריי. מערי דערמאָנט זיך אין אַ קינדער־מעשה פון אַ פאַרשאָלטענער בת־מלכה אין אַ פאַרשלאָסענעם פּאַלאַץ, וואו זי פלעגט וויינען מיט אַלערליי חיהשע קולות. זי דערקענט איצט די דאָזיקע קולות. די נאַכט־וועכטערין, אַ הויכע, אַ פולבלעכע, מיט אַ שווערן טראָט, מיט אַ גלאַטן זאַרגלאָזן פּנים, קומט צו און שרייט אויף יענער מיט געמאַכטער שטרענגקייט, אַז זי וועט גאָרניט קריגן, זי מוז אַנטשוויגן ווערן. פון נאָענטע צעלן הערט זיך אַ באַלעבטער געזשום.

טעג זיינען געקראָכן: פאַר וועמען — מאָנאָטן, און פאַר אַנדערע — זאָרגלאָזן גלייכגילט. מערי ווייסט שוין אַז לאַנג וועט זי דאָרט ניט זיין. זי האָט שטיל הנאה פון דער וועכטערינס גיפטיקע בליקן צו איר... די טעג קריגן ביי איר אַ געוויסן אינהאַלט: דורך די ברייטע שמועסן מיט ראָזלינען און די אַנדערע, האָבן יענע נאָכגעלאָזט די שטרענגע פאָראורטיילן געגן די גאַסן־מיידלעך. מען זיצט שוין צוזאַמען אין אַ קרייז און צוזאַמען לאַכט מען געשמאַק פון די דערציילטע וויצן.

בלויז סאַנדרי, אָן אָפּגעזונדערטע, פאַר פאַרשלאָסענע אין זיך, האָט מיט אָנגעשטעלטער גאווה ניט געוואָלט באַגעגענען מערי'ס בליק. ביי יעדער צופעליקער באַגעגעניש האָט סאַנדרי איר צוגעוואָרפן בליקן, פון אָפּטער קנאה און שנאה... מערי האָט געפילט, אַז מסתמא האָט אין יענער אויפגעוואַכט אַן אַמאָליקע יחוסדיקע גאווה, און זי קען ניט פאַרטראָגן וואָס אַזעלבע ווי מערי ווייסט פון איר געפאַלנקייט. אַלע אַנדערע האָבן זיך צו מערין געקלעפּט און זיינען געוועזן גערן צו דערציילן איר זייערע „טיפע סודות“, וואָס האָבן זיי געבראַכט צו דעם דאָזיקן אָפּגרונט...

ס'איז געווען פאַר מערין גרינג צו באַנעמען די אמתע אָנגעגעבענע סודות און די צוגעטראַכטע, וועלכע האָבן מיט אַ כיוון געוואָלט אַרויסרופן אַ געוויסע באַרעכטיקונג פאַר דעם דאָזיקן לעבן.

ווידער אַ מיטן־נאַכט; ס'הערן זיך פון דער איינצעלנער צעל שיכורע קולות, קללות, טאַדלונגען. פון צעלן האָבן זיך געהערט פאַרשטיקטע פריילעכע געלעכטערס... די קילות האָבן אָנגעהויבן שוואַכער ווערן ביז זיי זיינען אינגאַנצן פאַרשטילט געוואָרן מיט שווערן אָטעמען.

נענסי, דער „נייער פויגל", נאָך דעם איינגעשטעלטן נאָמען פאַר די נייע אַרעסטאַנטקעס, איז אַלעמען באַלד געפעלן געוואָרן צוליב איר באַל־דיקער צוגעלאָזנקייט, און פרייע האַלטונג מיט אַלעמען, איבערהויפּט מיט ראַזלינס גרופּע. אַ שלאַנקע, אַ שטאַלטנע, מיט זשוואַווע, קרעפּטיקע, ברייט־ביינערדיקע מוסקולן, אַ לענגלעך פּנים מיט אַ פאַרשפּיצטער גאָמבע, אַ דינע גלייכע נאָז און שמאָל געשניטענע, בלויע, בלישטשענ־דיקע אויגעלעך, וועלכע האָבן מיט אַ ווייכן גלאַנץ דורכגענומען יעדער איינער מיט אַן אויסדריק, ווי עמיצער זאָל זוכן אַ באַשטימטן באַקאַנטן. וועגן איר פאַרברעכן, וואָס האָט איר געבראַכט אַהער, האָט אפילו די צודרינגלעכע ראַזלין ניט געקענט ביי איר אינגאַנצן אַרויסקריגן. זי האָט געלאָזט פאַלן איינצעלנע אָפּגעהאַקטע ווערטער: — אַט עפּעס אַ נאַרישער בלבול פון אירע אַ פריינדין מיט וועמען זי האָט געוואוינט צוזאַמען, אַז זי האָט אירע קליידער צעשניטן, ווייל יענע גייט חתונה האָבן. זי ווייסט אָבער, אַז יענע וועט אַליין אָפּלייקענען, זי וועט נאָך ווערן מיט איר צוריק פריינט.

מער פון אַלעמען האָט נענסי זיך צוגעלאָזט צו דזשינין. מיט אירע שטאַרקע מוסקולירטע הענט האָט זי איר געטוליעט צו זיך, צערטלעך געגלעט אירע פלאַקסענע זיידענע האָר, איר מילך־ווייסן קינדערש פּנימל. פון גערירטקייט פלעגט זיך פון דזשינין אַ לאָז טאָן נייע קוואַלן טרערן.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. אין דער נאַכטיקער תפיסה־שטילקייט האָט ווי אָפּגעהילכט אין די מאַסיווע ווענט, צעצויגענע און קורצע אָפּגעהאַקטע אָטעמען פון די שלאָפנדיקע, יסורימדיקע קרעכצן און טיפע זיפצן פון די שלאָפלאָזע, ווי אָפּקלאַנגען פון פיינלעכע טראַכ־טונגען. פון דזשיניס צעל, אין וועלכן זי איז געווען אַליין שוין עטלעכע טעג, האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער כליפּנדיקער געוויין. קעפּ האָבן אָנגעהויבן אַרויסשטעקן פון די צעל־בעטלעך, מיט פּחד אין די אויגן, און אָנגעשטרענגטן געהער. ראַזלין איז די ערשטע אַראָפּגעלאָפן

און נאָך איר מערי. מען האָט געטראָפן נענסי אין דזשיניס בעטל... ראָזלין, ווי אַ דערפאַרענע, האָט אַ כאַפּ געטאָן נענסין פאַר די האָר, זי האָט באַלד נאָכגעלאָזן און זיך אַראָפּגעקייקלט אויף דעם דיל. עס איז אַנגעלאָפן די נאַכט־וועכטערין. זי האָט באַלד באַגריפן וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. דורך אַ האַסטיקן פייף פון איר פייפל אויפן האַלדז זיינען אַנגעלאָפן צוויי מענער־וועכטערס, מיט פאַרביילטע הענט אויפן רוקן האָבן זיי נענסין אַרויסגעפירט.

אַ ווילד פייערל האָט געברענט אין אירע שמאָלע אויגן; אירע נאָזלעכער האָבן געציטערט; אַרום איר מויל האָט געצוקט אַ פאַראַכטנדיקער, וואַנזיניקער שמייכל. דזשיני האָט זיך געוואָרפן ווי אין קאַנוואולסן, מיט ווילדע היסטערישע קולות! די וועכטערין האָט אַלעמען צעטריבן אין די צעלן אַריין, מיט אַן אָנזאָג, אַז עס זאָל זיין שטיל. אין דער באַלדיקער שטילקייט האָט מען מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך איינגעהערט צו דער וועכטערינס כמעט צאַרטע רייד, וועלכע האָבן מיט פיינלעכער בענקשאַפט אַרויסגערופן אייגענע קוואַלן טרערן. דזשיני איז איינגעשטילט געוואָרן מיט שטילן כליפּען. אַ וועכטער האָט צוגעבראַכט אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שאַכטעלע פילן. דזשיני איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. מיט שטילע קאַצישע טריט האָט די וועכטערין זיך אַרויסגעשלייכט פון דעם לאַנגן אייזערנעם טאַנק.

אַ גרויער פּחד, אַן איינגעוועבטע און ביינאַכטיקע שטילקייט האָט נאָך שווערער געדריקט. די פיינלעכע שרעק האָט וויברירט אין דער לופטן, זיך געוויגט איבער די קעפּ... מען האָט געלעכצט נאָך עפּעס אַן איבעררייס... נעלי האָט פאַרצויגן אַן אומעטיק לידל — שטיל, ווי אַ תּפילה... האָט געווירקט ווי אַ וואַרעמער אָטעם אויף פאַרפרוירענע גלידער. עס האָבן זיך צעטראָגן זיפצן פון עלנט און יאוש...

אַ גרויע ליכטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן פון די וויטלעכע רייען פענצטער. ווי אַן אָנגעפּרעסענער מאָנסטער, וואָס לאָזט איבער רעשטלעך אַנגסטן, האָט די נאַכט דערוויל אָפּגעטראָטן. ס'איז אָנגעקומען דער טאָג.

קינדער פון שטורעם

פאַרזיכטיק, אויסגעצויגן אויפן בויך, פלאַך ווי אַ ברעט, דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין דעם אַרויסגעשאַרטן זאַמד, איז דער קליינער דודל אַרויסגעקראָכן פון אונטער דעם פאַרזשאַווערטן דראָטן־פּלויט. דער „קליינער דודל" — אַזוי האָבן אים אַלע גערופן אין דעם יוגנט־לאַגער אין ישראל. קיינער האָט אים ניט געגלויבט, אַז ער גייט שוין אויף דעם פופצנטן יאָר. אַלע האָבן פאַרדעכטיקט, אַז ער האָט זיך צוגעגעבן ווייניקסטנס אַ דריי יאָר, ווייל ער וויל זיין צווישן די עלטערע קינדער. אָבער די אויפזעערס האָבן פאַרקוקט זיינע יאָרן, צוליב זיין רייפן שכל און זשוואַווער רירעוודיקייט.

דודל איז געבליבן ליגן אַ פּאָר מינוט, ווי ער זאָל זיך צוהערן צום שטאַרקן קלאַפּ פון זיין האַרצן. ער האָט מיט די אויגן אָפּגעמאָסטן דעם קורצן שטח און גענומען קריכן אויפן בויך ביז אַ נידעריקן פלאַך. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט ער ערשט דערזען, אַז ער האַלט נאָך אין די הענט די מעסער און לעפל, מיט וועלכע ער האָט געגריבלט די פאַרהאַרטעוועטע ערד. ער האָט זיי האַסטיק אַוועקגעוואָרפן. ער האָט באַקוקט זיין רעקל — בלויז אויף די אַקסלען זיינען געווען צוויי אויפגעריסענע לעכלעך. ער האָט צופרידן אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט גוט אויסגערעכנט צו אָנטאָן דאָס רעקל, אַז די דראָטענע שפּיצן זאָלן זיך ניט אַריינשטעכן אין דעם נאַקעטן לייב. ער האָט אָבער געפילט אַ שטאַרקערן ווייטיק אויף דער פּלייצע פון די צוויי אויפגעלאָפּענע, לאַנגע, בלויע פּאַסן, וואו דער לעדערנער רימען האָט זיך אַזוי טיף איינגעביסן.

אַ צעטומלטער פון שרעק האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן צווישן די שמאָלע זיגזאַגיקע סטעזשקעס צווישן די טיפע שטיינערדיקע בערג־פּאַלדן. עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבן טאָג, אָבער די רויט־צעגליטע מדבר־זון האָט נאָך געשרפעט איבער די בערג און געשטאָכן מיט הייסע זון־פיילן. עס איז געווען אַ כאַמסין־טאָג. הייסע זאַמדיקע ווינטן האָבן זיך געהויבן און געשמיסן זיין לייב, אויפגעהויבן די שוואַרצע האָר אויף זיין קאָפּ און געבריט זיין שאַרבן. ריטשקעלעך שווייס האָבן געריזלט איבער זיין פּנים, די וואונדן האָבן געברענט ווי מיט נאָדלען געשטאָכן. ער האָט דערפילט אַ טרוקנקייט אין האַלדז. דער צונג אין מויל איז ווי פאַרשטייפט געוואָרן.

—וואָסער! — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן דאָס וואָרט אינדער־היץ. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין פלוצלינגן אויסגעשריי. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן: די דורכגעגאַנגענע סטעזשקעס זיינען אים געווען גוט באַקאַנט פון די וועכנטלעכע מאַנעווערס, וואָס דער מיליטער־רישער לערער פירט מיט זיי דורך, ווי אַ טייל פון די אַלע אַנדערע איבונגען. ער האָט אויך געוואוסט וועגן די שמאָלע פאַרדרייטע שטעגלעך וואָס דער לערער פלעגט זיי מיט וואָרנונג אָנווייזן, אַז זיי פירן אַרויס פון יענער זייט בערג צו דער ירדן־גרענעץ, וואו עס שפרייטן זיך די אַראַבי־שע דערפער. ער מוז אָבער געפינען אַ שאָטנדיקן ווינקל, האָט ער אויף שנעל באַשלאָסן. קיין וואָסער וועט ער דאָ סיי ווי ניט געפינען.

מיט אַ נייעם שרעק האָט ער זיך אַליין אָנגעהויבן אונטעריאָגן. עס האָט אים שוין ניט געאַרט אין וועלכער ריכטונג ער וועט גיין, אַבי ער זאָל זיך ראַטעווען פון דער היץ. ער האָט אין געדאַנק נאָכאַמאָל דורכ־געקלערט זיין פּלאַן, אַז דורך די בערג וועט ער אַרויסקומען צום הויפּט־שליאַך, וועלכער פירט אין דער נאָענטסטער שטאָט, און וואו עס איז שוין גאַנץ ווייט פון דעם לאַגער. ער האָט געהערט, אַז דער שליאַך איז שטענ־דיק פול מיט מענטשן, מען וועט אים ניט פאַרדעכטיקן.— יאָ, דער חשבון איז געווען אַ גוטער— האָט ער זיך אין געדאַנק באַרואיקט. ער האָט אַרויפגעלייגט דאָס רעקל אויפן קאָפּ און מיט יעדע הענט געפּרעסט דעם מוח: „איך וועל נאָך אומקומען”, האָט ער מיט אַנגסט אַ טראַכט געטאָן.

מיט אָנגעשטרענגטע בליקן האָט ער געקערעוועט זיינע אויגן אין אַלע זייטן וואו צו געפינען אַ פאַרדעקטן ווינקל. עס האָט אים אַ לאַק געטאָן אַ שמאָלער טיפער שפּאַלט צווישן צוויי בערגלעך. ער האָט דער־פילט, ווי אַ קילקייט ווייעט פון דאָרטן. די פיס זיינען אים מיטאַמאָל גרינגער געוואָרן. ער האָט אַליין ניט געוואוסט ווי לאַנג ער שפּרייזט דאָרטן און ווי פאַרגעסן וואוהין ער גייט. די מידקייט האָט אים געצויגן צו דער ערד. ענדלעך איז ער געבליבן שטיין לעבן אַן אויסגעהוילטער עפענונג אין בערגל, ווי פון מענטשלעכע הענט געמאַכט. ער האָט זיך אַרונטערגערוקט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף אַ קופּע אַראָפּגעשאָטענע שטיינדלעך, און זיך דערפילט אַביסל רואיקער. אָבער דער דאָרשט האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט געפילט ווי יעדער אבר טריקנט אין אים.

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז ער האָט שוין אַמאָל געפילט אַזאַ מין דאָרשט. און דאַן האָט ער די פינגער געזויגן, און עס האָט אים אַביסל געשטילט דעם דאָרשט. ער פירט דורך די אויגן איבער דער

אויסגעהוילטער נאָרע, און ער דערזעט פאַר זיינע אויגן אַזוי בולט די גרוב ביי דעם פוילישן פויער, קאָוואַלסקין אין שטאַל, וואו ער איז געווען באַהאַלטן פון די דייטשן קנאַפּע צוויי יאָר. עס גיט אים מיטאַמאָל אַ זעץ אין מוח די שבועה, וואָס ער האָט געגעבן זיין מאַמען, ווען זי האָט אים געבראַכט צו די קאָוואַלסקיס אין שטיבל אויסצובאַהאַלטן אים פון די נאַציס. נאָך איצט קלינגט אַזוי פריש אין זכרון זיין מאַמעס ציטערדיקער קול, ווען זי האָט גערעדט צו דער קאָוואַלסקיכע:

— מיין דוד איז טאַקע ניט מער ווי ניין יאָר אַלט, אָבער איר קענט זיין זיכער מיט אים ווי מיט אַ דערוואַקסענעם. ער פאַרשטייט זאַכן, ווי ער זאָל שוין זיין אַכצן יאָר, און ער גיט שוין מיר עצות ווי צו זיין פאַר־זיכטיק. די קאָוואַלסקיכע האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרטרערטע אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, ער קוקט אויס צו זיין אַ קלוגער יינגל, אָבער אין שטוב וועל איך אים ניט קאָנען האַלטן, ווייל ער קוקט אויס צופיל יידיש. — און זי האָט דאַן דערציילט דער מאַמען וועגן דער גראַמער, טיפער גרוב אין שטאַל, וואו זיי פלעגן ווינטער האַלטן בוריקעס, מערן, ברוקווען. איצט האָבן זיי ניט וואָס צו באַהאַלטן פאַרן פראָסט; מען נעמט אַלץ אַוועק. די גרוב איז אויסגעבעטן מיט שטרוי; ער וועט זיך דאָרטן צוגעוואוינען, אויב ער וועט בלייבן לעבן.

— ער וועט לעבן, ער וועט לעבן, ער מוז לעבן! ער וועט דאַרפן נעמען נקמה פאַר אונדז און פאַר אייך.

טרערן האָבן אַ שפּאַר געטאָן פון זיינע אויגן. ער דערזעט פאַר זיך זיין מאַמעס אָפּגעצערטן פנים, אירע גרויסע צעשראָקענע אויגן. בלויז אַזוי, מיט אָט־דעם דערשראָקענעם פנים וועט ער זי שטענדיק געדענקען. זי האָט דאַן אַריינגענומען זיין קאָפּ אין אירע אויסגעדאַרטע הענט, און טיף אין אים אַריינגערעדט:

— זאָג מיר צו, דודל, אַז דו וועסט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשרעקן; זאָלסט ניט פאַרלירן קיין מוט. דו מוזט לעבן, דודל! דו וועסט מוזן נעמען נקמה . . .

ער הערט נאָך, דאַכט זיך, איצט זיין אייגן קול, ווען ער האָט איר נאָכגעשריען:

— מאַמע, איך גיב דיר אַ שבועה, איך וועל זיך ניט שרעקן, איך וועל לעבן, איך וועל נעמען נקמה. די טרערן רינען אים אין מויל אַריין. עס איז אַ געזאַלצענער טעם, אָבער ער פאַרהאַלט די נאַסקייט.— די פינ־

גער—דערמאָנט ער זיך נאָכאַמאָל. ער רוקט אַריין פיר פינגער אין מויל און הייבט זיי אָן זויגן.

דאָס זויגן איצט די פינגער האַלט אים פייכט דאָס מויל. עס ווילט זיך אים נאָך טראַכטן פון דער גוטער קאַוואַלסקיכע, וויפיל טעג און נעכט זי איז אַרומגעלאָפן נאָך דער באַפרייאונג, צו געפינען ערגעץ אַ לעבעדיקן שפור פון זיינע אייגענע. זי האָט אים אַלץ געטרייסט, אַלץ אָפּגעצויגן דעם שרעקלעכן סוד, אַז ער איז געבליבן דער איינציקער לעבעדיקער פון דער גאַנצער משפּחה. און ווען זי האָט שוין מער ניט געקענט אָפּ־ציען, האָט זי אים געקושט און געדריקט צו זיך:

— איך וועל בלייבן דיינע אָן אייגענע, דאַווידקע. מיין לעבן איז דאָך אויך געוועזן אין געפאַר צוליב דיר.

ער האָט געוואוסט אַז זי זאָגט דעם אמת. ער האָט געפילט איר געטריישאַפט. אָט דערזעט ער פאַר זיך איר פאַרזאָרגטן פּנים, ביים גע־זעגענען זיך, ווען מען נעמט אים צו „אין אָן אייגן לאַנד צווישן אייגענע מענטשן.” און אַזוי ווי זיין מאַמע, האָט אים אַלענקא אויך אָנגעזאָגט:

—וואַקס אויס, דאַווידקע, אַ שטאַרקער, אַ מוטיקער, און פאַרגעס ניט די שבועה צו דיין מאַמען...

אַ טיפע בענקשאַפט נעמט אים אַרום צו דער גוטער פּוילישער פרוי. אָבער ער וואָלט ניט געוואָלט אַז זי זאָל זען אַז ער וויינט גאָר. ער דאַרף דאָך זיין שטאַרק און מוטיק... ער גלעט צו מיט דער האַנט די אויפגע־לאָפענע וואונדן אויף דער פּלייצע. אַ בייער שטראָם טרערן הויבט אָן פליסן פון זיינע אויגן.

ער גיט זיך מיט אימפּעט אַ רוק אַרויס פון דער הייל. די זון איז שוין געווען אויף יענער זייט באַרג. ער האָט זיך אַרומגעקוקט; ער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז. וועגן גיין צוריק האָט ער ניט געוואָלט אפילו טראַכטן. אָבער ער מוז שטילן זיין דאָרשט, אויב ניט, וועט ער דאָ אויסגיין.

ער האָט זיך געלאָזט גיין פאָראויס. ער האָט געוואוסט אַז עס קאָן אים אַרויספירן צו אָן אַראַבישן דאָרף. ער האָט זיך אָבער איצט ניט געשראָקן פאַר די אַלע וואָרנונגען און גרויל־מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין לאַגער. ער האָט אָנגעהויבן אונטערלויפן, געטריבן פון אַ פאַרלאַנג, וואָס גיכער צו דערזען אַ מענטשלעכן ישוב.

די זון איז שוין געשטאַנען ביים וויטן נידעריקן ראַנד פון הימל ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דעם לעצטן באַרג־שפּאַלט. נאָך איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז פון דער זייט צו אים צוגעקומען אָן אַראַ־

בער אויף אַן אייזל. אַ מאָמענט האָבן זיי זיך אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. דוד האָט געגעבן אַ ברייטן שפּאַן צו אים.

— מיים ! — האָט ער צו אים אויסגעשריען מיט אַ וויינענדיקן קול, וויינענדיק מיט אַ צוזאַמענגעדריקטער זשמעניע אויפן מויל. דער אַראַבער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אייזל, האָט אָפּגעבונדן אַ ליימענעם קריגל פון דעם אייזלס רוקן און דאָס צוגעטראָגן צו דודס מויל. אָבער בלויז דריי זופּ האָט ער אים געלאָזט אַראָפּשלינגען מיטאָמאָל. לויט דעם פריינטלעכן טאָן פון דעם אַראַבערס רייד און ווי ער האָט געהאַלטן דאָס קריגל אַנט־קעגן אים, האָט דוד פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט גוט פאַר אים מיט אַמאָל זיך אָנצוטרינקען, און אַז דער אַראַבער וועט אים באַלד געבן נאָך וואַסער.

דער אַראַבער האָט צוגעבונדן דעם אייזל צו אַ שטיין; האָט אָנגע־נומען דודן פאַר דער האַנט, האַלטנדיק אין דער אַנדער האַנט דאָס קריגל וואַסער, און זיך געלאָזט גיין מיט אים. דוד האָט באַלד דערזען אַ ברייטן שטח, אָנגעפּיקעוועט מיט געדיכטע ליימענע שטיבלעך, מיט הויכע און נידעריקע גאַסן. גייענדיק האָט אים דער אַראַבער אַלעמאָל געגעבן עטלעכע זופּ וואַסער.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ געביידע מיט אַ גרויסער שילד איבער דער טיר. אין אַ גרויסן צימער זיינען עלטערע און יינגערע אַראַבער מיט ווייסע טיכער אויף די קעפּ געזעסן ביים טיש און געשריבן. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים. נאָך אַ קורצן געשפּרעך האָט איינער אַ יינגערער זיך געווענדעט צו אים אין העברעאיש, אַז ער זאָל אים דערציילן ווי אַזוי ער קומט אַהער, און ער האָט אים גלייך אויך גע־פרעגט, צי קומט ער ניט פון דעם יוגנט־לאַגער. דאָס האַרץ האָט ביי דודלען אָנגעהויבן האַסטיק קלאַפּן — זיי וועלן געוויס אַהין לאָזן וויסן— האָט ער געטראַכט אַ דערשראָקענער און ניט געענטפערט.

— רעד, האָב ניט קיין מורא — האָט אים דער יונגער אַראַבער צוגעגעבן מוט. — יאָ, ער איז פון דאָרטן — האָט ער געענטפערט מיט אַ ציטערדיק קול. — ער האָט קרובים אין שטאָט, האָט מען אים געגעבן עטלעכע טעג פריי, ער זאָל זיך זען מיט זיי. ער האָט אָבער געוואָלט מאַכן אַ קורצערן וועג דורך די בערג, איז ער פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן.

— דו ביזט נאָך ניט באַקענט מיט די בערג דאָ ? — האָט אים דער אַראַבער געפרעגט.

— ניין, איך בין ערשט אַ יאָר אין לאַנד— האָט דודל שטיל גע־ענטפערט.

די אַראַבער האָבן זיך דורכגערעדט און אַלע ווילע געוואָרפֿן אַ בליק אויף אים.

— מיר וועלן דיך אָפּפֿירן אין שטאָט, וועסט צוואוואַרטן אַביסל. עמיצער וועט גיין מיט דיר — האָט אים דער יונגער אַראַבער געזאָגט מיט אַ פֿריינטלעכן טאָן. איינער פֿון אַ טיש איז אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט דעם, וואָס האָט דודלען געבראַכט. אַלע האָבן זיך צוריק גענומען צו זייער אַרבעט.

דודל איז געזעסן מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ. דער קאָפּ האָט אים געברענט. ער האָט פֿאַרדעכטיקט, אַז עפּעס שפּינט מען דאָ פֿאַר אים אַ געפֿאַר. אפשר איז טאַקע אמת וואָס מען זאָגט וועגן זיי? ער האָט ניט געדאַרפֿט איינשטעלן דאָס לעבן, האָט ער געטראַכט מיט שרעק. ער האָט אַלעמאָל געקוקט צו דער טיר פֿון וואַנעט עס דאַרף קומען אויף אים אַ נייע צרה, אָדער אפשר גוטס? ער האָט זיך אָבער ניט געוואָלט נאַרן און איז געווען גרייט צום ערגסטן.

ענדלעך האָט זיך די טיר געעפֿנט. עס איז אַריינגעקומען צוריק יענער פֿון דעם שרייב־טיש מיט אַ דאַרן באַרוועסן יינגל מיט אַן אומע־טיק פּנים, אָנגעטאָן אין אַ צעריסענער העמד מיט אַ געפֿלאָכטענער טאַרבע אונטערן אָרעם.

— ער וועט דיך ברענגען אין שטאָט — האָט דער אַראַבער אים אָנגעוויזן אויפֿן יינגל — וועסט אָבער נאָך דאַרפֿן גיין אַ פֿיר אָדער פֿינף שעה. האָסטו כוח צו דעם ?

— יאָ, איך האָב כוח ! איך קאָן גיין ! — האָט דודל מיט אימפּעט זיך אויפֿגעשטעלט.

— דו קענסט דאָך ריידן העברעאיש, רייד צו אים — האָט יענער זיך געווענדעט צום אַראַבישן יינגל. דאָס יינגל איז צוגעקומען צו דודן:

— מיין נאָמען איז טאַאַבי, איך בין עלף יאָר אַלט.

דוד האָט אים געזאָגט זיין נאָמען און אויך זיינע יאָרן. איינער האָט פֿון אַנאַנדער צימער אַרויסגעטראָגן אַ גלאָז מילך און אַ פֿרישע „פּיטאַ" (אַ ווייכע מצה): — עס, וועסטו האָבן מער כוח. עס איז אַ שווערער וועג.

דוד האָט מורא געהאַט אַז ער וועט זיך נאָך וואַרגן מיטן עסן, ווייל יעדער אבר האָט אין אים געציטערט. ער האָט אָבער מורא געהאַט אָפּצו־זאָגן זיך. ער האָט אויסגעטרונקען די מילך און די פּיטאַ האָט ער צוזאַמענ־געלייגט אין האַנט:

— איך וועל דאָס עסן אויפן וועג — האָט ער שוין געלאָזט וויסן זיין אומעגעדולדיק זיך צו לאָזן אין וועג.

אינדרויסן איז שוין געווען טונקל. אַ לאַנגער פייערדיקער זייל האָט נאָך העל געלויכטן אין מערב־זייט. שטיקער ראָזעווע וואָלקנס האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אין די בלויע הויכן. ביידע יינגלעך זיינען אַ שטיק וועג געגאַנגען און געשוויגן. ווען עס איז געוואָרן טונקעלער האָט טאַאַבי פאַרגעשלאָגן דודן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּרוען. דוד האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז ער טראָגט נאָך די פּיטאַ אין האַנט.

טאַאַבי האָט אַרויסגענומען פון דער טאָרבעלע צוויי פּיטעס, גרינע אַליוון און אַ פלעשל וואַסער. דוד האָט זשעדנעקייט געקוקט אויפן פלעשל.

— מיר וועלן ביידע האָבן גענוג וואַסער? — האָט ער געפרעגט מיט אַן אייגעגעסענער מורא.

— וועסט טרינקען וויפיל דו וועסט וועלן. איך וועל קאָנען אויסוואַרטן ביז איך וועל קומען אין שטאָט — האָט אים טאַאַבי באַרואיקט.

— ניין, מיר וועלן זיך טיילן — איז דוד באַשטאַנען.

זיי זיינען ווידער אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג און געשוויגן.

— עס וועט מאָרגן אויך זיין כאַמסין (אַ הייסער זאַמדיקער ווינט) — האָט טאַאַבי פּלוצלינג איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— און אַדי בין שוין ווידער דאָשטיק. איז דאָס פון דעם כאַמסין? — האָט דוד געפרעגט.

— אַביסל פון די זאַמדיקע ווינטן, און צווישן די שטיינערנע בערג איז די לופט צו טרוקן — האָט טאַאַבי געענטפערט, דערלאַנגענדיק אים דאָס פלעשל מיטן ביסל וואַסער. עס איז זיי ביידן געוואָרן לאַנגווייליק פון דעם שווייגן. דוד האָט אים געפרעגט, צי זיי זיינען נאָך ווייט פון שטאָט.

— אויב דו האָסט כוח, וואָלטן מיר געדאַרפט גיין שנעלער, ווייל מיר מוזן אַריינקומע אין שטאָט פאַר צען אַזייגער, ווען עס גייען נאָך אַרום אַ סך מענטשן אין גאַס, מיר זאָלן זיך ניט וואַרפן אין די אויגן — האָט טאַאַבי געענטפערט מיט אומרו אין קול.

— איך קאָן גיין שנעלער, אַפילו לויפן, אויב דו ווילסט — האָט דוד צוגעשטימט.

— דו האָסט אייגענע אין שטאָט? — האָט דוד געפרעגט טאַאַבי.

— יאָ, אַ סך אייגענע — האָט טאַאַבי ווי ניט גערן געענטפערט.

— וואו וואוינען דיינע אייגענע? — האָט אים טאַאַבי געפרעגט נאָך אַ ווײַלע שווייגן. דוד האָט געשוויגן. טאַאַבי האָט אים נאָכאַמאָל

געפרעגט, ער האָט אים געזאָגט אַז ער איז אַ דאָרטיקער, ער קען די גאַנצע שטאָט, ער וועט אים צופירן וואו ער דאַרף. דוד האָט נאָך אַלץ ניט געענטפערט. קענטיק געווען ווי ער טראַכט עפּעס דורך.

— טאַאַבי, דו ביזט אַ דאָרטיקער? דו קענסט דאָרטן יידן אויך? — האָט אים דוד געפרעגט.

— יאָ, איך קען אַ סך יידן. איך האָב געהאַט יידישע חברים. מיין מאַמע האָט דאָרט יידישע פריינט — האָט ער אים געענטפערט מיט אויפגעלעבטקייט.

— דיין מאַמע וואוינט אין שטאָט? — האָט דוד אונטערגעכאַפּט מיט איבערראַשונג, אָבער איצט האָט שוין טאַאַבי ניט געענטפערט. אין דער טונקלקייט האָ דוד דערזען ווי זיין פּנים איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ טיפן טרויער. דוד האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ זיכערקייט, אַז ער דאַרף פאַר טאַאַבין ניט מורא האָבן. ביז איצט האָט ער נאָך אַלץ געמיינט אַז טאַאַבי קאָן אים נאָך פאַרפירן אין אַ פלאַץ וואו מען וועט שלעכטס טאָן... איצט פילט ער, אַז מיט טאַאַבין האָט אוידעפּעס פּאַסירט. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אים, האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, און אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיקער שטימע:

— טאַאַבי, איך דאַרף איצט האָבן אַ פריינט. דו ביזט אַ דאָרטיקער, דו קענסט יידן. אפשר קענסטו אַזעלכע וואָס וועלן מיר קענען העלפן, געפינען אַרבעט... — ער האָט אים דערציילט דעם אמת וועגן זיין אַנט־לויפן, און אַז ער האָט ניט קיינעם אין שטאָט, ער האָט ניט צו וועמען צו גיין.

— איך וועל דיך ברענגען צו מיינע עלטערן אַהיים. מיין טאַטע אָדער מיין מאַמע וועט דיך אָוועקפירן צו גוטע מענטשן, אויב מיר וועלן קומען בשלום און מען וועט מיך ניט פאַקן אויפן וועג — האָט טאַאַבי צוגעגעבן נאָך אַ קורצן שווייגן.

דוד האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן.

— דיך פאַקן, פאַרוואָס?

טאַאַבי האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג, ווייל דאָס שנעלע שפּרייזן און דאָס ריידן האָט זיי ביידע אויסגעשעפּט:

— איך וועל דיר אויסזאָגן דעם אמת — האָט ער זיך אָנגערופן.

ער האָט דערציילט דודן, אַז אין צייט פון קריג איז ער געווען ביי אַן אַלטער מומע אין דאָרף. נאָכן קריג איז ער געגאַנגען צוריק אַהיים, אָבער פאַר דעם אַריינגאַנג אין שטאָט האָבן די וואַך־סאָלדאַטן אים צוריק־

געקערט, מיט דער דערקלערונג, אַז ער באַלאַנגט ניט מער צום לאַנד און ער דאַרף בלייבן אין דעם דאָרף פון דער אַנדער זייט גרענעץ, וואו ער איז געווען פאַרן קריג. עס האָט ניט געהאָלפן זיין וויינען, זיין בעטן, אַז ער וויל צו זיינע עלטערן. דאָס צווייטע מאָל האָט ער זיך שוין אַריינ־געגנבעט דורך דעם זעלבן וועג וואו זיי גייען איצט. די פּאָליציי האָט זיך דערוואוסט און מען האָט פון זיין מאַמעס הענט אַרויסגערסין און אים אָוועקגעשיקט צוריק איבער דער גרענעץ. אין דער צייט איז זיין מומע געשטאָרבן און ער וואַלגערט זיך דאָרטן אַרום צווישן פרעמדע מענטשן. איצט האָט מען אים נאָכאַמאָל געשיקט אַהיים און ער האָפט, אַז ווען ער גייט מיט אַ יידיש יינגל וועט מען אים אפשר פאַרזען. זיין מאַמע האָט אים געלאָזט וויסן, אַז אירע יידישע פריינט האָבן געשיקט בקשות פאַר אים, אפשר וועט ער איצט קאָנען בלייבן ביי די עלטערן...

* * *

די געסלעך, דורך וועלכע טאַאַבי האָט אים געפירט, זיינען שוין געווען שטיל און ליידיק. וואו ניט וואו האָט פון די פאַרמאַכטע לאָדן אַרויסגעציטערט אַ העלערע שיין. די קינדער האָבן געשפּרייזט שטיל מיט פאַרהאַלטענע אָטעמס. פלוצלינג האָט טאַאַבי אָנגעכאַפּט דודס האַנט. ער האָט אים מיט די אויגן אָנגעוויזן אַביסל ווייטער אין דער זעלבער גאַס אויפן טראָטואַר, וואו לעבן אַ געביידע שטייען עטלעכע מענטשן און קוקן, דאַכט זיך גלייך צו זיי.

— לאָמיר אָפּציען — האָט דוד שטיל אַרויסגעשעפּטשעט.

— ניין, מען וועט אונדז נאָכלויפן. עס איז פאַרפאַלן, מיר זיינען געפּאַקט — האָט טאַאַבי געמורמלט מיט אַ פאַרשטיקט קול.

— זיי קומען צו אונדז! — האָט דוד אַרויסגעקרעכצט מיט פאַר־צווייפלונג. דריי פאַרלעך האָבן זיך געלאָזט צו זיי, צוויי פון ביידע זייטן גאַס, און איין פּאָרל אינמיטן אין זייער ריכטונג. צוויי בחורים זיינען צוגעקומען צו זיי און נאָך איידער זיי האָבן זיי עפּעס געפרעגט, האָבן זיי, פון אויבן ביז אַרונטער, באַטאַפּט זערע לייבער. דודן האָבן זיי אפילו אַראָפּגענומען די שיך. ערשט דערנאָך האָבן זיי אַריינגעקוקט אין די פּנימער פון די קינדער און געבליבן ווי געפּלעפט.

— ווער זענט איר? וואוהין גייט איר? — האָט איינער פון די בחורים געפרעגט.

— מיט — האָט דוד אַרויסגעזאָגט מיט ציטער און אויסגעשטרעקט זיין האַנט. די בחורים האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן.

— קומט — האָבן ביידע זיי אַנגענומען פאַר די הענט. די אַנדערע צוויי פאַרלעך זיינען אַנגעקומען אַנטקעגן. — נו, וואָס? — האָבן זיי געפרעגט.

— מיר האָבן איבערגעשראָקן קינדער—האָט איינער פון די בחורים, אַ קלייענדיקער מיט רויטע האָר, געענטפערט מיט אַ שולדיקער מינע.

— זיי זיינען דאָרשטיק. מען דאַרף זיי פריער אַנטרינקען, דערנאָך וועלן מיר זיי אויספרעגן.

ווען מען האָט די קינדער אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער זיינען זיי גאָר צעטומלט געוואָרן. דער צימער איז געווען פול מיט מענטשן: פרויען, מענער, מערסטנס יונגע. מען איז געזעסן אַרום טישן. אייניקע האָבן אַריינגעקוקט אין צייטונגען אָדער ביכער; אַנדערע האָבן געשפּילט שאַך, און אויפן דיל, אַרום די ווענט, אונטערגעשפּרייט מיט צייטונגען, קאָלדרעס, זיינען געלעגן מענטשלעכע פיגורן, שלאָפנדיקע און וואַכנדיקע. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געגעבן אַ קער צו זיי.

— צפורה, גיב זיי עפּעס צו עסן — האָט דער רויטער זיך געווענדט צו אַ מיטליאָריקער פרוי מיט אַ פריינטלעכן אָפענעם פנים, וועלכע האָט מיט רחמנות געקוקט אויף זיי. ביים טיש, לעבן די טעלער זופּ און אָב־געשניטענע שטיקער ברויט, האָט מען דערקענט, אַז זיי עסן מיט ניט קיין צו גרויסן הונגער.

— איצט דערציילט וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך? — האָט זיך צו זיי געווענדט דער הויכער קלייענדיקער, ווען זיי זיינען פאַרטיק גע־וואָרן מיט דעם עסן.

דוד מיט טאַאַבין האָבן זיך איבערגעקוקט, ווער עס זאָל פריער אָנהויבן.

— נו, זאָל זיין איך פריער—האָט דוד ווי מיט טאַאַביס צושטימונג שטיל געזאָגט.

ער האָט דערציילט דעם אמת. און כדי זיי איבערצייגן, אַז ער נאַרט זיי ניט אָפּ, האָט ער אויפגעהויבן דאָס העמדל און זיי געוויזן די וואונדן אויף זיין פּלייצע. אַלע האָבן זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף פון זייערע פּלעצער. צפורה האָט געקוקט אויף אים מיט צער און פאַרבראָכענע הענט.

פאַרוואָס האָבן זיי דאָס דיר געטאָן? — האָט איר צאַרנדיקער קול מיטאַמאָל איבערגעבראָכן די פיינלעכע שטילקייט.

דודל האָט דערציילט, אַז אַ לערערין האָט שטאַרק געשלאָגן זיינעם אַ חבר. ער האָט אים געוואָלט אַרויסרייסן פון אירע הענט, האָט זי אים

אויך אָנגעהויבן שלאָגן, און שפּעטער האָט ער געגעבן אַ הויב אויף זיין האַנט אויף איר. קיין פּאַטש האָט ער שוין ניט געקאָנט אַראָפּלאָזן. מען האָט אים באַלד פאַרדרייט די הענט און אַוועקגעשלעפּט אין שטראָף־צימער.

נאָכן אויסהערן טאַאַביס געשיכטע, האָבן זיך די מענטשן דורכגערעדט צווישן זיך. צפּורה האָט דערווייל אויסגעבעט צוויי געלעגערס אין אַ ווינקל אויף דעם דיל. זי האָט אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף דודן מיט אַ פאַרטראַכטן בליק, ווי זי האָט ניט געקאָנט באַנעמען די קאָנטראַסטן אין דעם יינגל. אַ שמאָלע פלאַכע פּלייצע, אַן איינגעפאַלענע ברוסט, אַ קינדערשער פּנים, מיט אַ געעלטערטן געקייניטשטן שטערן און אַ זקנישן אויסדרוק אין זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן: — און דאָס איז שוין אַלט פערצן יאָר !...

— גייט דערווייל שלאָפן — האָט איינער זיך געווענדעט צו זיי — מאָרגן וועט איר זיין אין זיכערערע פּלעצער.

אָבער ווי מיד דודל איז געווען, האָט אָבער זיין רייפער שכל ניט געלאָזט אים אַזוי רואיק איינשלאָפן. ער האָט געמוזט וויסן וואו ער געפינט זיך, צווישן וועלכע מענטשן? עפּעס איז אים געווען קשה פון די שלאָפנדיקע אויפן דיל... — וואו בין איך? ווער זיינט איר? — האָט זיך מיטאַמאָל אָן זיין באַוואוסטזיין זיך אַרויסגעכאַפּט די דאָזיקע ווערטער, מיט אומרואיקע בליקן אין דעם אַרום.

דער הויכער רויטער בחור האָט זיך אַרונטערגעלאָזט צו אים אויפן דיל, און זאַכלעך, ווי מען רעדט צו אַ גלייכן, האָט ער אים דערקלערט: אַז דאָס האַלטן זיי וואַך טאָג און נאַכט צו באַשיצן זייער לאָקאַל קעגן די ברוטאַלע אָנפאַלן פון געגנערישע באַנדעס פון אַנאַנדער ריכטונג, וועלכע וואַרפן אַריין אין זייערע לאָקאַלן באָמבעס, שטיינער, מען פאַגראָמירט אינעווייניק ווען זיי קאָנען זיך נאָר אַריינכאַפּן... — האָב נישט מורא, דו ביזט צווישן פריינט — האָט ער מיט אַ צאַרטן טאָן צוגעגעבן...

דודלס מידע אויגן האָבן מיטאַמאָל אויפגעשיינט! און ווידער, ניט טראַכטנדיק, האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט, ווי אַ פריידיקער אויסרוף:

— מיר וועלן אויך גיין אויף וואַך ווען מיר וועלן זיך אַביסל דורכשלאָפן — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דעם האַלב־שלאָפנדיקן טאַאַבי. אַ באַהויכטער ציטער האָט מיטאַמאָל דורכגעשוועבט אין דעם שטילן נאַכטיקן חלל... די אַראָפּגעלאָזטע אויגן אין צייטונגען און ביכער האָבן מיטאַמאָל זיך אויפגעריסן און מיט געריכטע בליקן זיך איבערגעקוקט...

צפורה האָט שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן איר שטילן צער! און האָט זיך הויך צעכליפּעט... מיט צעוויי־טיקטער מאָמעשער צערטלעכ־קייט האָט זי געגלעט דודלס צעשויבערטן קאָפּ, און ווייך מאָמעדיק גע־רעדט צו אים: — שלאָף רואיק, דוד, מיר וועלן זיך איצט באַגיין אָן דיר. הלוואי זאָל כאָטש שפּעטער אַזעלכעס ניט קומען צו דיין רייע...

דודלען האָט דאָס איצט דערמאָנט אין דער גוטער קאָוואַלטשיכע. עס האָט זיך אים געוואָלט אַריינלייגן זיין קאָפּ אין איר שויס און אַרויס־לאָזן דעם אָנגעקליבענעם קוואַל אין זיך. ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן. ער האָט ראַפּטאָם אַריינגעוואָרפן דעם פּנים אין קישן און מיט פּאַרציפּעטע ציין איינגעהאַלטן אין זיך דעם באַפּאַלענעם ציטער פון זיין גאַנצן וועזן...

אין וואַגל

„דער שיינער גרינער בחור“ — אַזוי האָבן דעמצוואַנציק־יאָריקן דודן באַטיטלט זיין קרובֿס דערוואַקסענע קינדער. אַ הויכער, אַ שטאַלטנער און אַ פעסט־געבויטער, אַ גיבור; אויגן טיף־בלויע, ווייכע, פאַרחלומטע; לאַנגע טתקעלע וויעס; אַ וואַלדיקער קאָפּ טונקל־ברוינע האָר, אויס־געלייגט אין געלאָקטע פאַלדן. דאָס לענגלעכע קרעפּטיקע פּנים — אַ ליכטיקס, אַ שמייכלדיקס.

מיט עטלעכע אָוונטן שפּעטער, נאָך אַלע אויספרעגענישן וועגן משפּחה, פריינט און שכנים, האָט דער קרובֿ אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אין דעם שאָפּ וואו ער אַרבעט וואַרט שוין אויף אים אַ ניי־מאַשין — טאָקע לעבן אים. ער וועט אים אויסלערנען צו ווערן אַן אָפּערייטאָר ביי פרויען־מאַנטלען. דוד, ווי זיין טבע איז געווען, האָט גוטמוטיק צוגע־שמייכלט, אָבער אין האַרצן האָט אים אַ מאָדנער אומעט אַ נאָג געטאָן... ער האָט שוין מער קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידן. מיט אַ תירוץ אַז עס שלעפערט אים, איז ער אַוועק צו זיך אין צימער.

ער האָט אפילו ניט פּרובירט זיך צו ישובֿן. ס'איז אים געווען שוין זייער קלאָר אַז ער דאַרף איצט אַליין אָנהייבן זוכן זיין אייגענעם וועג אין לעבן... ס'איז אים געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז ער, מיט זיין הויכן רירעוודיקן קערפּער, מיט זיינע ברייטע, פעסטע פּלייצעס, זאָל זיך אַוועקזעצן אָן איינגעבויגענער, מיט צוזאַמענגעדרייטע הענט און פיס,

צווישן פאַרשטיקטע ווענט, דערביי האָט זיך אים דערמאָנט זיין גאָר פריע קינדהייט אין דאָרף, וואו אַלס פינף יאָריקער יינגל, האָט ער מיט קינדער־שער פרייד שוין געאַרבעט פולע טעג אין פעלד. ווי אַ וועווערקע פלעגט ער קריכן אויף די הויכע סטויגן, אַ פאַרדעקטער אונטער די סנאָפּעס.

אַזוי פון קליינערהייט אָן האָט ער ליב געקראָגן די דרויסנדיקע אַרבעט. פרעסט און שנייען האָבן אים ניט אָפּגעשראָקן. זיין טאַטע פלעגט מיט שטילער פרייד אַריינשמייכלען אין זיין געדיכטער באָרד אַריין און ניט איינמאָל זייטיק אַ וויז טאָן אויף אים און אַ זאָג טאָן צו זיין מאַמען:—אונדזער קליינער צעוואַקסט זיך הויך און קרעפטיק ווי אַ דעמב אין וואַלד.

אינדערפרי האָט ער עס מיטן קרוב געמאַכט קורץ: ער גייט ניט מיט אים אין שאַפּ. ער וועט גיין זוכן אַן אַרבעט אונטער דעם פרייען הימל, אַן אַרבעט וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אים, פאַר זיין הויכן וואוקס און קרעפטיקן גוף...

דער קרוב האָט אַ ווילע אים אָנגעקוקט געפּלעפּט... און באַלד אָן אויפגערודערטער געוואָרפן אים טענות אין פּנים אַריין: — אַ חוצפּה פון אַ גרינעם יונגאַטש, צוריקצעוויזן די געטריישאַפט פון אַן אויסגע־גרינטן עלטערן קרוב.

עס איז אים ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען צו קריגן דעם „דזשאָב" פאַר אים; זיך קוים איינגעבעטן ביי זיין „באָס" אַז ער זאָל אים געבן די מאַשין לעבן אים. ווען ער האָט אָבער געזען אַז ער וועט מיט דוידן גאָר־ניט מאַכן, האָט ער מיט צאָרן אויסגעשריגן: — מער האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו טאָן, קענסט זיך גיין!

מיט אַ שווערן געמיט האָט דוד אַרומגעבלאָנקעט אין די שמאָלע קויטיקע גאַסן פון דער ניו־יאָרקער „איסט־סייד". ער האָט געוואוסט אַז דער וועג צום קרוב איז שוין אָן אָפּגעהאַקטער... זיין האַנט האָט אַ צערטל געטאָן זיין בוזעם־קעשענע, וואו עס איז געלעגן דאָס בייטל מיט די עטלעכע אויסגעביטענע דאָלאַרן וואָס ער האָט געבראַכט פון דער היים. עס איז אים אויך געוועזן אַ שטיקל טרייסט דער אַדרעס פון דעם מאַן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַפריינדעט אויפן שיף. אפשר וועט ער לעבן אים געפינען אַ צימער און עס וועט אים זיין היימלעכער. האָט ער זיך באַלד אַוועקגעלאָזן אויפצוזוכן אים.

זיין שיף־ברודערס שוועסטער, אַ פרוי אין די פריע מיטל־יאָרן, האָט אים אויפגענומען גאָר פריינטלעך. — יאָ, איר ברודער האָט איר

דערציילט פון זיין נייעם פריינט. ער האָט די טעג שוין געוואָלט אים באַזוכן, אָבער ער אַרבעט שוין אין אַ שאַפּ; איר מאַן לערנט אים צו זיין אַן „אָפּערייטער" ביי מענער־קליידער. אפשר וואָלט ער דאָ געוואַרט ביז ער וועט פאַרנאַכט קומען פון דער אַרבעט; אין „פראָנט־רום" זיינען פאַראַן ביכער. דאָס האָט זי אים געלאָזט וויסן, אַז זי ווייסט שוין עפּעס וועגן אים.

איר סימפּאַטיש פּנים האָט אָפן אויסגעדריקט איר אַנטציקונג פון דעם יונגן שטאָלטנעם בחור מיטן אנגענעמען שמייכלדיקן פּנים. אין דעם מאָמענט האָט אין איר אַ צאַפּל געטאָן אַ מאָמעס טיפער וואונטש: זי האָט דאָך אַ דערוואַקסענע טאָכטער, אפשר...

דוד האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין שיף־ברודער... אָט וועט מישע, דער פליייסיקער „עקסטערניק" מיט דער שמאָלער איינגעפאַלענער ברוסט, שוין באַגראָבן דאָרט אין שאַפּ זיינע צעפליגלטע פאַנטאַזיע... דער פרוי האָט ער דערקלערט, אַז ער זוכט אַ צימער און אפשר ווייסט זי אַ פּלאַץ וואו מען קאָן קריגן דרויסנדיקע אַרבעט. די פרוי האָט זיך דערפרייט וואָס זי האָט שוין וואָס צו טאָן פאַר אים. — יאָ, זי האָט שוין פאַר אים אַ צימער, טאַקע אָט־דאָ איבער איר קאָרידאָר. איר שכנה זוכט אַ „באָר־דער", אַ פיינע פאַמיליע. און אָט וועט זי שוין אַרויפטראָגן אַן ענגלישע צייטונג, וואו מען קאָן זיך אויסקלייבן וועלכן „דזשאָב מען וויל נאָר." די פרוי איז געוואָרן איבערראַשט וואָס דוד האָט אַליין אַרויסגעלייענט די דריבנע ווערטער, וואו מען פאַרלאַנגט אַרבעטער. — איר קענט דאָך ענגליש — האָט זי מיט וואונדער אויסגערופן — איר וועט שוין דאָ אייער שטעטל באַשטיין.

דוד האָט געפונען וואָס ער האָט געזוכט: מען פאַרלאַנגט אַרבעטער צו גראָבן קאַנאַוועס און צעלייגן וואַסער־רערן; גוט באַצאָלט אין דעם שטעטל בראַנזוויק. די פרוי האָט זיך ווידער דערפרייט. זי קען דאָס שטעטל. זי האָט דאָרטן אַ לאַנדספרוי, וואָס קומט צו איר אָפּט. עס איז איינגעאַנצן איין שעה רייזע אַהין מיט דער באַן. דוד האָט זיך מער ניט געלאָזט פאַרהאַלטן און געבעטן זי זאָל באַשטעלן פאַר אים דאָס צימער. ער וועט היינט נאָך אפשר קומען צוריק.

אַ דערמונטערטער, מיטן שטיקל צייטונג אין האַנט, האָט ער זיך שנעל דערפרעגט צו דער אַרבעטס־בויראָ. עס איז צוגעגאַנגען שנעלער און גרינגער ווי ער האָט דערוואַרט. דער מאַן פון יענער זייט פענצטערל האָט אים דערלאַנגט אַ באַשריבענעם בויגן פּאַפּיר צו אונטערשרייבן זיין

נאָמען און האָט אַריינגעלייגט אין דעם לאַנגן קאָנווערט אַ באַן־בילעט. דוד האָט זיך געכאַפּט צו דער קעשענע צו באַצאָלן. — מען דאַרף ניט — האָט דער מאַן מיט אַ שמייכל אים געזאָגט — מען וועט שוין דאָרטן אַראָפּרעכענען פון זיינע עשׂכירות. ער האָ אים אונטערגעאיילט, ווייל די באַן פאַרלאָזט אין אַ האַלבער שעה די סטאַנציע.

אין וואַגאָן האָט ער איינגעגראָבן דאָס פּנים אין פענצטער, כדי ניט צו פאַרפעלן צו זען די געגענטן אויסער ניו־יאָרק. עס זיינען פאַרבייגע־פלויגן שטעטלעך, דערפער, ריזיקע פאַבריקן; ער האָט אַלץ נאָכגעפאָלגט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. שפּעטער, ווען עס האָבן זיך צעפּראָלט ברייטע גרינע פעלדער, איז ער מיט זיין גאַנצן וועזן פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם אַרום.. אָט דערקענט ער די זעלבע צעבליטע גערשטן, קאָרן, רעטש־קע; די זעלבע ווי אויף די אוקראַינער סטעפּעס; די זעלבע ווינטעלעך בייגן די הויכע געדיכטע זאַנגען, וועלכע זעען אויס פון ווייטן ווי שטילע עלאַסטישע כוואַליעלעך. די באַן יאָגט, און זיינע ניט געזעטיקטע בליקן יאָגן נאָך איבער די אומענדלעכע פעלדער, און ער ווערט פאַרגאַפּט פון דער רייכער גערעטעניש.

אַ ריר אויפן אַקסל האָט אים אויפגעוועקט. דער קאָנדוקטאָר האָט אים געפרעגט נאָכאַמאָל צו ווייזן זיין בילעט, און דערביי האָט ער אים שוין געלאָזט וויסן, אַז ביי דער קומענדיקער סטאַנציע וועט די באַן שטיין צוואַנציק מינוט. אויב ער האָט ניט קיין שפּייז מיט זיך, קאָן ער דאָרטן עסן מיטאָג. דוד האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף מיט אימפּעט! — וואו איז ער? ווי לאַנג פאָרט ער שוין? ער האָט דאָך איינגאַנצן געדאַרפט פאָרן איין שעה און אַראָפּשטייגן אין שטעטל בראַנזוויק — האָט ער געשטאַמלט מיט שרעק אין די אויגן! נאָך זיין צעקאַליעטשעטן ענגליש האָט דער קאָנדוקטאָר שוין געזען אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ „גרינעם". ער האָט נאָכאַמאָל דורכגעקוקט דעם לאַנגן בילעט און דערביי שוין אַריינגעקוקט אין דעם בויגן באַשריבענעם פּאַפּיר. מיט אַ ברייטן רחמנות בליק האָט ער געקוקט אויף דודס פאַרצווייפלטן פּנים: — האָסט געמאַכט אַ טעות, ברודערקע, יענע שטעטל לעבן ניו־יאָרק רופט זיך ניו־בראַנז־וויק; דיין בילעט איז קיין בראַנזוויק, אין ווייטן דרום. ווּעסט דאַרפן פאָרן צוויי טעג מיט צוויי נעכט. ביזט שוין אַריינגעפאָרן באַלד דריי שעה. אויב דו האָסט גענוג געלט פאַר אַ בילעט קאָן מען דיר שיקן צוריק.

דוד האָט געקוקט אויף אים עטוואָס צעטומלט, ווי ער וואָלט ניט באַנומען וואָס ער רעדט צו אים... דער קאָנדוקטאָר האָט פאַרשטאַנען

זיין פאַרלאָרנקייט: מסתמא האָט ער ניט קיין געלט אויף צוריק. ער האָט געערדעט צו אים מיט ווייכע טאַטעשע רייד: — אייגנטלעך דאַרף דאָך זיין פאַר אים אַלץ איינס וואו ער וועט אַרבעטן; ער פאַרט דאָך צו אַ „דזשאָב״, אין יענעם שטעטל וועט ער קיין אַרבעט ניט קריגן; עס איז איצט אַ קריזיס אין לאַנד. ער וועט ניו־יאָרק ניט פאַרשפּעטיקן מיט זעקס חדשים שפּעטער.

דודס פאַרצווייפלונג האָט אָנגעהויבן נאָכלאָזן: אפשר איז דער קאָנדוקטאָר גערעכט; ער קאָן דאָך פאָרן צוריק ווען ער וועט וועלן.

אויפן דריטן טאָג, אין אַ פריען באַגינען, האָט דער קאָנדוקטאָר אַראָפּגעפירט דודן פון וואַגאָן, וואו עס האָט געוואַרט אויף אים אַ פאַרשוין מיט אַ צעקנייטשטן פאַרברוינטן פּנים, מיט אומרואיקע וואַסערדיקע אויגעלעך. ער האָט זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דער פאַרמאַן פון יענעם פּראָיעקט. זיין נאָמען איז ביל. מיט אַ טשיקאַוון בליק האָט ער דודן אָפּגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט. מיט אַן אויסדרוק פון צופרידנקייט האָט ער אים אַ גלעט געטאָן איבערן פּלייצע. דודן האָט דאָס אויפגערודערט מיט אַ פריקרען דערווידער... ער האָט זיך אויפן מאָמענט דערמאָנט, ווי ביי אַנטאָנען, דעם פערד־הענדלער פון זייער דאָרף, פלעגן די סוחרים אויך אַזוי גלעטן די גלאַנציקע פעל פון דעם פערדס רוקן און אַריינקוקן אין די ציין. עס האָט זיך אים געוואָלט מיט סאַרקאַזם עפּענען דאָס מויל און זאָגן דעם פאַרמאַן: נאַ, קוק מיר אַריין אין די ציין אויך.... ער האָט זיך קוים אָפּגעהאַלטן אַז ער זאָל אים ניט אַ דריגע טאָן מיטן פוס, ווי יענע פערדלעך פלעגן טאָן.

ווי זיין טבע איז געווען, פלעגט זיין שנעלער אויפברויזן באַלד זיך אויסלעשן, און מיט אָנגערעגטן נייגיר גערולדיק וואַרטן, צו זען וואָס ווייטער וועט זיין... אָבער די דאָזיקע באַגעגעניש איז אים גלייך ניט געפעלן געוואָרן... ער איז אַפּאַטיש נאָכגעגאַנגען דעם פאָרמאַן צו אַ נאָענטן רעסטאָראַנדל, וואו עס האָבן געוואַרט נאָך צוויי אַרבעטער, תושבים פון אַן אַרומיקן שטעטל. ער האָט באַשטעלט פאַר אים גריץ־קאַשע מיט ווייסן ברויט און קאַווע; ניט געפרעגט אים צי ער וויל אַזעלכעס. פון דאַרט האָט ער אים געפירט אין דער איינציקער קראָם אויף דער איינציקער געשעפט־גאַס אין שטעטל. פון דאַרטן איז ער אַרויסגעקומען אַן איבערגעטאָנענער, אין טיפע שיך מיט גראָבע זוילן, בלויע אַרבעטס־הויזן און אַ בלויע אויבער־העמד. מיט געהיימען חשד האָט דוד אַלץ געטראַכט פאַרוואָס דער פאַרמאַן האָט פאַר אַלץ באַצאָלט.

אַ קליינער טיפּער וואָגן, ווי אַ קאַסטן, מיט איין פערד, האָט געוואַרט אויף זיי אין אַ זייטיק געסל.

דער וועג איז געווען אַ שטויביקער, צווישן געקייטלטע בערג און נאַקעטן מדבר. פון איין זייט האָט זיך געוויזן אַ שיטער וועלדל; פון דער צווייטער זייט האָט זיך געשפּרייט אַ וויסטעניש פול מיט שטיינער און ווילדע שאַרפע גראָזן.

ביי אַ מייל ווייטער אין דער וויסטעניש האָט ער שוין געטראָפן עטלעכע אַרבעטער לעבן אַ באַרג אייזערנע רערן מיט ברייטע מיילער און העק מיט שאַרפע שפּיצן פוןביידע זייטן. דוד האָט זיך געשטעלט צו דער שווערער אַרבעט. די אַרבעט האָט אים ניט געשראָקן. ער האָט געוואוסט אַז ער וועט זיך צוגעוואוינען. יעדע נייע אַרבעט פאַלט אין אָנהויב שווער.

* * *

עס איז שוין געווען סוף וואָך. די הענט האָבן די אַרבעט שוין געטאָן מעכאַניש. אָבער אין האַרצן האָט געזאָטן אַ שטומער פּראָטעסט... אין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט געדאַנקען, ווי צו געפינען אַן אויסוועג אַרויסצורייסן זיך פון דעם דאָזיקן זומפּ. די שפּייזן האָט ער ניט געקענט פאַרדייען. יעדן טאָג דיזעלבע געווירצטע בעבלעך מיט די געזאַלצענע חזיר־פלייש, צו וועלכעס ער האָט זיך ניט צוגעוווירט. דאָס קויטיקע געלע־גער, אָנגעזאָפּט מיט שמוציקע שווייסן, האָט אים געשטיקט מיט איבל...

ביל, דער פאָרמאַן, ווי אַ געניטער שפּיר־הונט, האָט דערשמעקט דודס אומצופרידנקייט... ער האָט אים גלייך געוואָרנט, אַז ער זאָל ניט וואַגן באַגיין קיין נאַרישקייטן ביז ער וועט ניט אָפּאַרבעטן די סולע סומע, וואָס די קאָמפּאַניע האָ אויף אים אויסגעגעבן.

פון די אַרבעער פון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט בלויז די זומערס, האָט ער צוביסלעך אויסגעפונען, אַז אַ סך פון די, וועלכע ווערן בלויז געבראַכט פון די ווייטע שטאָטן, אַנטלויפן פאַר דער צייט און די וועלכע ווערן געכאַפּט, ווערן אָוועקגעפירט אין די „טשיין־גענגס." דאָרטן נעמט שוין יאָרן ביז מען לייזט זיי אויס... אויב מען בלייבט נאָר ׳לעבן..

עס איז געווען אַ צעגליטער יולי־טאָג. די זון האָט געשרפהט מיט טויזנטער שאַרפע זון־פיילן, זיך אַריינגעשטאָכן אין די האַלב־נאַקעטע לייבער פון די אַרבעער, און די ריטשקעס שווייס האָבן נאָך מער געבריט דאָס צעהיצטע לייב. דוד האָט מיטאָמאָל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער

ערד אַ צוזאַמענגעדרייטער, ווי אַ קנויל. ביל איז באַלד צוגעלאָפן, ווי אַ געניטער דאָקטאָר אים באַטאַפּט דעם קאָפּ, דעם האַלדז, און מיט פרייד אויסגערופן: — ניין, דאָס איז ניט קיין זון־שטורץ! דודס פּנים איז געווען פאַרקרימט פון ווייטאָג! ער האָט שוואַך אַרויסגעשטאַמלט, אַז ער האָט שטאַרקע בויך־קראַמפּן. — אפשר אַ לייכטער זון־ברוך — האָט דער פאַרמאַן שטיל אַרויסגעזיפּט צווישן די ציין.

דוד איז געבראַכט געוואָרן צוריק אין באַראַק. ביל האָט אים אַריינגעגעבן צוויי לעפעלעך ביטערע פּליסיקייט פון אַ פלעשל און האָט עפּעס אַריינגעזאָגט דזשאַנען דעם קוכער, וועלכער איז געווען דער איינציקער קיך־אַרבעטער. דזשאַן האָט געהאַט זיין אייגנס אַ „שעפּערד"־הונט, וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים; געווען מיט אים אַ גאַנצן טאָג אין קיך, אים נאָכגעגאַנגען הין און צוריק, ווען ער האָט געטראָגן דאָס עסן צום טיש. די נעכט איז ער געלעגן אינדורסין ביים טיר פון דזשאַנס שלאָף־קעמערל און אויב עמיצער איז ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען, פלעגט ער מאַכן אַזעלכע בייזע געוואַלדן, אַז דזשאַן פלעגט אַ פאַרשלאָפענער אַרויסלויפן און איבערוואַרטן ביז יענער איז צוריק אַריין אין באַראַק. דוד איז אַלע־מאָל געלאָפן אינדרויסן אַרויס. ער האָט געזאָגט דזשאַנען, אַז זיין מאָגן טרייבט אים.

דזשאַן איז געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן דעם אָוונט־מאָלצייט. מיטאַמאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער דאַרף אַ קוק טאָן צו דודן. דאָס בעטל איז געווען ליידיק. ער איז געלאָפן אים זוכן אין אָפּטריט און ניט געפונען. דזשאַן האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס דוד האָט אָפּגעטאָן.

דזשאַן איז באַלד אַרויף אויף בילס פערד. פון דער קורצער מעלדונג פונם דערשראָקענעם פאַרסאָפּעטן קוכער האָבן בילס מוטנע אויגעלעך זיך צעצונדן, ווי פונקען וואָלטן שפּריצן. ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פערד. דזשאַנען האָט ער באַפוילן נאָכפאָרן מיט דעם וואָגן: — פון דאַנעט וועלן מיר נאָך טרעפן דעם ביטערן הונט אינמיטן וועלדל — האָט זיין קול געציטערט פון צאָרן!

ביל האָט ניט געמאַכט קיין טעות. דוד איז שוין געווען אָפּגעלאָפן האַלב וועג. ער האָט אויך אויסגערעכנט, אַז ער וועט זיך פאַרשטעקן ערגעץ ביז פינצטער און דורך דער נאַכט וועט ער ערגעץ דערגרייכן. אפשר טאַקע צו אַ באַן־סטאַנציע, האָט אים אַ טיפער וואונטש געטרייסט. דוד האָט שוין קוים געכאַפּט דעם אָטעם, ער האָט שוין אָנגעהויבן גיין געלאַסענער. זיין האַרץ האָט מיטאַמאָל אַ צאַפּל געטאָן. אַ קאַלטער

סקרוך איז אַריבער איבערן לייב. ער האָט דערהערט אַ געלויף פון פער־דישע פיס. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן וואו צו אַנטרינען.

— שטיי! אויב ניט שיס איך! — האָט ווי אַ דונער אָפּגעהילכט אַ ווילד דראָענדיק קול! דוד האָט שוין סייווי ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס איז ער געבליבן שטיין ווי אַ געליימטער...

זיצנדיק אויפן פערד, מיטן רעוואָלווער אויסגעשטרעקט קעגן דודן, האָט ביל נאָך אונטערגעוואָרט ביז דזשאָן איז אונטערגעקומען מיטן וואָגן. מיט אַרונטערגעדרייטע, געבויגענע הענט אויפן רוקן האָבן זיי אים, ווי אַ געבונדענעם שעפּס, אַריינגעוואָרפן אין וואָגן. דער קוכער האָט אויפן פערד זיך אָוועקגעלאָזט צוריק צום באַראַק, און ביל מיטן וואָגן — טיפער אין וועלדל.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען ביל האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ מאַסיווער געביידע. מיט אַ פאַרשטיינערטער גלייכגילטיקייט האָט ער געקוקט ווי דער קייטן־שלאָסער פאַרעט זיך מיט קייטן אַרום זיינע פיס, פאַרשליסט די רינגען אַרום זיינע קנעכלען. ער האָט שוין אפילו ניט געדענקט ווי אַזוי ער איז אַריין אין דעם געשטרייפטן אנצוג. ער האָט בלויז דערפילט דעם קאַלטן גרויל, ווען ער האָט דערזען די געשלענגלטע גרינע שטרייפן.

עס האָט אים דערמאָנט אין די גרינע שלענג אין זיין דאָרף, פון וועלכע עס איז אים געבליבן אַ גרוילנדיקע מורא. זינט זייער שכנס יינגעלע, זיין חבר מיטקע, איז געביסן געוואָרן פון אַ שלאַנג. זיי זיינען דאַן ביידע זיבן יאָר אַלט געווען. ער האָט אים מיטאָמאָל נאָכאַמאָל דער־זען ווי ער ליגט אַן אויסגעבלאָזענער, אַ געשוואָלענער, מיט איבערגע־קערטע אויגן, מיט אַן אָפן מויל, און ציט אַזוי שטאַרק דעם אָטעם. זיין מאַמע האָט אים מיט אַ געוויין אַוועקגעריסן פון בעט. ער האָט געוואָלט אים צוהעלפן אָטעמען.

ער איז שוין געשטאַנען פאַר דעם „וואַרהען", אַ הויכער, אַ קנאָ־ביקער, מיט שטרענגע קאַרע אויגן, וועלכע האָבן אַ ווײַלע זיך פאַרקוקט אויף דודן, ווי ער זאָל זיין עפּעס אין ספקות... נאָך אַ ווײַלע נאָכטראַכטן האָט ער אַ זאָג געטאָן צום וועכטער: — אינדערפרי וועסטו אים אַריינפירן אין קיך. ער וועט דאָרטן אַרבעטן און אויך באַדינען די קראַנקע.

אין צווייטן עק פון דעם לאַנגן באַראַק האָט דער וועכטער אים אַריינ־געפירט אין אַ קליינער אָפּטיילונג, אָפּגעצאַמט מיט אַ נידעריק ווענטל,

וואו עס זיינען געשלאָפן עטלעכע ווייס־הויטיקע אַרעסטאַנטן אויף שמאָלע אייזערנע בעטלעך מיט שטרוי־זעק אונטערגעבעט. ער איז אַריינגעפאַלן אין בעטל אַ מידער, אַן אויסגעשפּעטער, מיט די קייטן אויף די פיס.

ער האָט ניט געוואוסט ווי לאַנג ער איז געשלאָפן. אים האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט בלויז געדרימלט, ווייל ער האָט געהערט דאָס היל־כיקע טרוקענע הוסטן און ווייטיקדיקע קרעכצן, וועלכע זיינען געקומען פון דער צווייטער גרויסער אָפּטיילונג פון די טונקל־הויטיקע. אַן אומ־באַגרעניצטער באַגער האָט אים מיטאַמאָל באַהערשט, זיך אַראָפּצוכאַפּן פון בעטל און צוטראָגן די הוסטנדיקע אַביסל וואַסער צום טרינקען. ער האָט זיך אויפגעזעצט, נאָר פון צווייטן בעטל האָט זיך דערהערט אַ בייזער בורטשען: — ליג רואיק, ניַיער, וועסט זיך צוגעוואוינען צו דער דאָזיקער נאַכטיקער „מוזיק״. לאָז שלאָפן, מיר וועלן שוין באַלד דאַרפן אויפשטיין. איז ער שוין שטיל געבליבן ליגן אַזוי די גאַנצע נאַכט. ווי אין אַ קאָשמאַר.

אינדערפרי, אין קיך, האָבן דודן אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן עטלעכע פּאָר פיס מיט נאָכשלעפּנדיקע קייטן. דער פאַרמאַן, אַ יונגער, אַ שלאַנקער, מיט שמאָלע פּלייצעס, אויך אין קייטן, האָט אָנגעוויזן דודן ווי צו פאַרמישן די געלע טייגלעך ברויט און ווי אָנצופילן די טיפע שטאָלענע קעסלען. אַ שוידער האָט דודן אָנגעכאַפּט, ווען ער האָט דערזען ווערים ביים שיטן די קוקורוזע־מעל. די ברוינע בעבלעך זיינען געווען געמישט מיט זאַמד. זיין גאַנצער אינגעווייד האָט זיך אין אים איבער־געדרייט.. ער האָט דערפילט אַן איבל צום ברעכן.— ניין, ער וועט זיך צו די דאָזיקע שפּייזן ניט צורירן. ער וועט דאָ בעסער אויסגיין פון הונגער.

שוין אין די ערשטע טעג האָט דוד אָנגעהויבן נאָכטראַכטן וועגן זוכן ערגעץ הילף פאַר זיין באַפרייאונג. ער האָט אָבער ניט געקענט באַשליסן צו וועמען.— ניין, זיין קרוב זאָל אפילו ניט וויסן. ער וועט האָבן נקמה אין אים... ער וועט ערשט וועלן הערשן איבער אים, וועט אים האַלטן פאַר אַ טויגעניכטס... צו מישען, זיין שיף־ברודער, ווייסט ער איז אָרעם און עס וועט נאָך אַריינברענגען אַ צעריסענעם געפּיל צווישן אים און זיין שוועסטער, וועלכע איז שולדיק אין זיין איצטיקן אומגליק.

די טעג זיינען שווער געקראָכן. די עטלעכע הוסטנדיקע, פיבער־דיקע קראַנקע, וועלכע ער האָט באַדינט, האָט אים באַלד צוגעצויגן דער יונגיטשקער יינגל טאָם, מיט דעם צאַרטן אָפּגעצערטן קינדערשן פּנים, מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע, פון פיבער־גלאַנציקע אויגן. צוליב זיין

העל־ברוינע הויט האָט זיך נאָך מער אָנגעזען די רויטע ברענענדיקע רעדעלעך אויף די אויפגעשפּיצטע באַקן. ביי יעדן הוסט איז אַרויסגע־פאַלן פאַרקוילטע שטיקער בלוט. דוד האָט אַוועקגעגעבן טאַמען יעדן שטיקל פרייע צייט וואָס ער האָט געהאַט; געזעסן לעבן אים, געצערטלט זיינע פאַרגעלטע אָפּגעצערטע הענט. דוד האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון פרעגן טאַמען, וואָס פאַר אַ פאַרברעכן האָט אים געבראַכט אין דעם דאָזיקן גיהינום. ווייל טאָמער איז זיין פאַרברעכן געווען אַזאַ געפערלעכער און ער וועט זיך פאַרשעמען פאַר אים... אָבער טאַם האָט אַליין פאַר אים געעפנט זיין האַרץ:

ער איז פון אַ ווייט שטעטל. ער איז דער איינציקער ביי זיין מאַמען. זיין קראַנקער טאַטע איז געשטאָרבן פון האַרץ־קראַנקייט. ער האָט דאָרט געאַרבעט אין אַ קראָם פון פאַרמערשע אייזן־מכשירים און מעטאַלענע קיך־פּראָדוקטן. זעכצן יאָר איז ער דאַן אַלט געווען, נאָר וואָס פון מיטל־שול. זיין אַרבעט איז געווען אין דעם אונטערשטן טייל פון קראָם, צו אויספּאַקן די קאַסטנס סחורה, צושטעלן אויפן ריכטיקן פּלאַץ, רייניקן, אָפּטראָגן אָרדערס. דער ווייסער „באָס" האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון אים. די אַרבעט האָט געברענט אונטער זיינע הענט. ער האָט אויך אַריינגע־בראַכט ענדערונגען אין דער אויסשטאַטונג פון די סחורות.

דער באָס פלעגט דאָס איבעררײדן פאַר זיין זעכצן יאָריקן זינדל, אַ צעלאָזענער יונג; געווען אַ שלעכטער שילער אין סקול; האָט שטענדיק געהוליעט מיט מיידלעך און מיט יינגלעך אַזעלכע ווי ער אַליין.

דער באָס פלעגט יענעם שטענדיק שטראָפן מיט רייד, און אים, טאַמען, לויבן, ווי אַ ביישפּיל:

עס איז געווען אַ שבת פאַרנאַכט. ער איז געגאַנגען פון דער אַרבעט אַזאַ גליקלעכער! מיט זיינע שכירות אין קעשענע, און דער באָס האָט אים געגעבן אַ מתנה פאַר זיין קראַנקער מאַמען, אַזאַ שטיינערנעם טעפּל, וואו דאָס געקעכץ האַלט זיך לענגער וואַרעם. ער איז געגאַנגען אַ טאַנ־צנדיקער, זיך אונטערגעפייפט אַ פריילעך לידל. דער וועג איז געווען אַ ווייטער. ער האָט געדאַרפט אַריבער אַ פאַרמיסטיקטן ליידיקן שטח אַריינצוקומען אין דעם טונקעלן „פּאַס". מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַ זאַק איבערן קאָפּ, און האַכטע פויסטן האָבן געזעצט איבערן קאָפּ, איבערן פנים. ער האָט זיך אָנגעהויבן ראַנגלען מיט די הענט און מיט די פיס. ער האָט מיטאַמאָל דערהערט אַן אויסגעשריי און אַ פאַל אויף דער ערד. אויפן מאָמענט האָט מען אים אָפּגעלאָזט. ער האָט אַראָפּ־

געכאַפּט דעם זאַק פון קאָפּ. ער האָט דערזען זיין באַסעס זינדל מיט נאָך איינעם זיינען געשטאַנען איבער אַ דריטן, וועלכער איז געלעגן און זיך געוואָרפן אין קראַמפּן מיט אַ קרעכצנדיקן געוויין. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז זיין פוס האָט אים אָוועקגעלייגט... ער האָט אָנגעהויבן לויפן, אָבער אַ זעץ מיט אַ שטעקן אין נאַקן — איז ער אומגעפאַלן באַוואוסטלאָז. עפּעס האָט ער נאָך געפילט טעמפּע קלעפּ, אָבער ער איז געזונקען אַלץ טיפער און טיפער...

ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער זיך שוין געפונען אַ געבונדענער אין אַ פּאָליציי־וואָגן. מען האָט אים געבראַכט גלייך אַהער. ער איז שוין דאָ זעקס חדשים. זיין מאַמע ווייסט ניט וואו ער איז אַהינגעקומען, און אפשר לעבט זי שוין ניט. הייסע ריטשקעלעך טרערן האָבן גערזילט איבער זיין איינגעפאַלן קינדעריש פּנים. — און איך — האָט ער שוואַך פאַרגעזעצט — וועל שוין אויך לאַנג ניט לעבן. נאָך צוויי וואָכן ווערט אים זיבעצן יאָר. זיין מאַמע פלעגט יעדן יאָר פייערן זיין געבורטסטאָג. אין הויז איז אַזוי פריילעך געווען! אויב זי לעבט, זאָל זי כאָטש וויסן וואו זיין קבר איז.

זיי האָבן ביידע פאַרקלערטע געשוויגן. דוד האָט ניט געהאַט וואָס אים צו זאָגן. ער האָט זיך געראַנגלט מיט פינצטערע געדאַנקען וועגן דער וועלט, און מענטשן, מיט אַזויפיל רשעות... ווי אַ טרייסט, האָט ער אים געפרעגט זיין מאַמעס אַדרעס.—פאַרשרייב ניט — האָט ער אים געווארנט — טאָמער געפינט מען עס ביי דיר, וועט מען דיך נאָך שמייסן! געדענק דאָס אויסנווייניק. דוד האָט דאָס עטלעכע מאָל איבערגעזאָגט, ער זאָל זיין זיכער אַז ער וועט געדענקען. דוד האָט שוין געוואוסט, ווי מען פאַרשמייסט דאָרט צום טויט. אָט האָט מען אַריינגעבראַכט איינעם מיט אַ פאַרבלוטיקטן הינטן. ער וואָרפט זיך, ווי אין קאַנוואולסיעס, פון היץ...

אַזוי זיינען אַריבער גאַנצע דריי וואָכן. דוד האָט זיך געשפּייזט מיט אויסגעקליבענע בעבלעך און פאַרטרונקען אַ סך וואַסער; ער האָט פאַרלאָרן אַ סך וואָג.

אין אַ פרימאָרגן איז אים אַנטקעגן געקומען דער וואָרדן. ער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק פון שטרענגקייט און באַדויערונג:— נו, דו קוקסט דאָך שוין אויס ווי אַ ברעט! פאַרוואָס עסטו ניט?

דוד האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ פרעגנדיקן בליק. דער וואָרדן האָט גלייך אָפּגעצויגן.

דוד האָט אָן כוחות זיך געפּאַרעט אין קיך ביים אָוונט־מאָלצייט.

ווען דער וועכטער איז אַריינגעקומען און מיט אַ ניט־נאַטירלעכער העפ־לעכקייט אַרויסגערופן דודן צום ווערדן אין אָפּיס. ער האָט דאָרט גע־טראָפן דריי געפּאַקטע יידן, רייך געקליידעט. איינער אַ הויכער, אַ בייכל־דיקער, מיט אַ בערדל און אַ שוואַרצן קאַפּעלוש, ווי אַ היימישער שול־גבאי. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויף זיינע פּיס מיט די קייטן, און אַלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט צעשראָקענע בליקן. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים פּלוצלינג אַ צאַפּל געטאָן...

אַלץ איז פאַרגעקומען אַזוי פּלוצלינג, אַזוי שנעל. מיטאַמאָל האָט ער זיך דערזען צוריק מיט פרייע פיס אין זיינע אייגענע שיך און זיין אייגענעם אנצוג. מיט וואַקלדיקע טריט האָבן די דריי יידן אים אַרויס־געפירט פון דער מאַסיווער גרויער געביידע. ערשט אינדרויסן האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער מוז זיך געזעגענען מיט טאַמען, ער מוז אים זען... אַלע דריי האָבן, ווי מיט שטאָלענע פינגער, אים אַ צי געטאָן צוריק: — וואָס איז מיט דעם יונג? איז ער משוגע?... — האָבן זיי אַרויסגערעדט צווישן זיך און אים געהאַלטן פעסט אונטער די אָרעמס.

אויף דער בריטשקע האָבן זיי זיך געווענדעט צו אים מיט טענות: — פאַרוואָס ער האָט אַליין ניט געלאָזט וויסן דער יידישער געמיינדע אין שטעטל, אַז ער איז דורך אַ נאַרישן טעות אַריינגעפאַלן אין דער „טשיין־גענג"? האָט ער ניט קיין אייגענע דאָ אין לאַנד? האָט ער געדאַרפט וואַרטן ביז דער וואַרדן זאָל זיי לאָזן וויסן, אַז אַ יידישער בחור איז אַריינ־געפאַלן אין דער „טשיין־גענג" און מען זאָל קומען אים אויסלייזן?

— עס זיינען דאָרטן דאָ נאָך מענטשן... האָט דוד מיד אַרויסגערעדט.

— דו פאַרגלייכסט זיך צו יענע ווילדע ברואים — האָט דער ייד מיטן בערדל ווי אויסגעשריגן! דוד האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן פאַר־לאַנג זיך אַריינלאָזן מיט זיי אין אַ געשפּרעך. ער איז געזעסן אַ פאַר־שטומטער, מיט אַ פאַרשיינערט האַרץ און אַ פינצטער פּנים. — ער איז דאָך איצט פריי! — האָט ער מיטן געדאַנק געזוכט טיף אין זיך אָט יענע פרייד, ווי אַזעלכער ווי ער דאַרף איצט פילן. ער האָט אָבער יענע פרייד אין זיך ניט געפונען... צער און יאוש האָבן געריזלט אין זיין האַרצן, ווי ביי אַזעלכן וואָס האָט שוין דורכגעשוועבט אַלע אָפּגרונטן... וועלכער האָט שוין געוואָגלט איבער אַ לאַנגן פיינלעכן וועג...

דער ייד מיטן בערדל האָט אים פאַרגעשלאָגן אַז ער, דוד, זאָל זיך אָפּ־שטעלן אין שטעטל און זיי וועלן אים געבן אַ גרינגע אַרבעט אין אַ קראָם.

— ניין, ניין! פירט מיך גלייך צו דער באַן. איך וויל פאָרן צוריק

קיין ניו־יאָרק. איך וועל אייך אָפּשיקן די פולע סומע וואָס איר האָט אויסגעגעבן אויף מיר. די יידן האָבן געזען אַז זיי וועלן ביי אים גאָרניט אויספירן.

ניו־יאָרק, ניו־יאָרק... ער האָט אַרנגעלייגט דאָס פּנים אין ביידע הענט און צום ערשטן מאָל פאַר די גאַנצע דריי וואָכן האָט דער גליוועך אין אים נאָכגעלאָזט און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן. די דריי יידן האָבן שווייגנדיק געקוקט אויף אים. זיי האָבן געוואָלט אים טרייסטן, נאָר באַשלאָסן האָבן זיי צו לאָזן אים זיך אויסוויינען, וועט אים ווערן גרינגער.

און דוד האָט אין אַ נייעם קוואַל פון טרערן געלייטערט אַ נייע האָפענונג, אַז אַנדערש וועט שוין זיין פון איצטער אָן. און מיט דערפרישטן מוט האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק. . .

פאָטער און טאָכטער

אייב, כאָטש נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, האָט שוין באַנומען זאַכן אין לעבן, ווי אַן אַלטער, מיט אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג. זיין טאָג־טעגלעכער קאַמף פאַר עקזיסטענץ פון זיין פריסטער קינדהייט אָן, האָט אים געגעבן פּראַקטישע חכמה. אין זיין קורץ לעבן האָט ער שוין געזען מער רשעות ווי גוטסקייט, און שוין קיין גרויסע גליקן ניט דערוואַרט. אָבער איצט האָט ער דערפילט אַן איבערפלוס פון אַזויפיל פריידן! ס'טייטש אַזאַ פאַרמעגן ווי סוזי. זי איז דאָך אים אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל; אַזאַ פשוטע, ליכטיקע נשמה, אַזוי פיל חן און גוטסקייט און ליבשאַפט! די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר אים אָפּגעשפּיגלט אין איר וועזן. אַזאַ גליק האָט זיך דאָך אים אפילו נישט געחלומט.

אָבער ווי שנעל דאָס גליק האָט זיך געענדיקט... זאָל ער אָנהויבן גלויבן אין באַשערט זיין ? . . .

אַ יאָר נאָך זייער חתונה האָט סוזי געבוירן אַ מיידעלע. זיי האָבן דאָס אַ נאָמען געגעבן רות (רוט). אָבער סוזי איז שוין זעלטן אַרויס פון בעט. ביים געבורט איז עפּעס צעשעדיקט געוואָרן אין איר אינגעווייד. דער געשוואָלענער מוסקול האָט זי געמוטשעט מיט די שאַרפסטע ווייטאָגן. פיר יאָר האָט זי זיך געמאַטערט. אַן אויסגעצערטע, אַן איינגע־

שרומפּענע, ווי אַ ניט־דערוואַקסן קינד, האָט זי אויסגעקוקט אין איר טויטן אָרון...

איבּ איז צום צווייטן מאָל געבּליבּן אַ יתום. מיט נאָך טיפערן פיינ־לעכן צער, ווי ווען ער איז געווען אַ קינד, האָט ער נאָך אַזוי ניט געפילט די דאָזיקע אַנגסטלעכע פּייניקונג. זיין לעבּן איז איצט געוואָרן אַן אויס־געלאָשענע וועלט אַרום אים. זיין איינציקער אַנשפּאַר איז געבּליבּן זיין טעכטערל רות — זיין טרייסט און האָפענונג!

אין וועלכער ריכטונג זיין זכרון האָט זיך נישט פאַרוואָרפן, האָט ער זיך אַלץ דערקליבּן צו אַ לעבּנס־וועג פול מיט שפּיציקע שטיינער און דערנער. אין זיין היים־שטעטל, וואו ער איז פאַר׳יתומ׳ט געוואָרן — אָרעמקייט, נויט, הונגער, באָרוועסקייט. און אַז דער פעטער האָט אים שוין אַראָפּגעבּראַכט קיין אַמעריקע און עס האָט האָט אויסגעקוקט ווי אַ ניי לעבּן, איז אָבּער די נייקייט בּלויז בּאַשטאַנען פון די נ י י ע שווע־ריקייטן און צרות.

זיין מומע, די מרשעת... ער וועט איר קיינמאָל נישט מוחל זיין! — די דערנידערונגען, אירע אינסינואַציעס, אירע שטענדיקע פליכטן, וואָס זי האָט אויף אים אַוועקגעלייגט, און די פּעק מיט סחורות, מיט וועלכע דער פעטער האָט אים בּאַזאָטלט צום שלעפּן. ווי גוט ער האָט געטאָן, וואָס ער איז אַוועק פון זיי — און אָפּגעהאַקט דאָס פיינלעך קאַפּיטל.

דערנאָך, אַז אים האָט שוין אָפּגעגליקט און דער שיקזאַל האָט אים פאַרפירט צום פאַרמער נעלסאָן, אַ גוטער, פּשוטער אַמעריקאַנער פאַר־מער, וועלכער האָט אים מענטשלעך בּאַהאַנדלט כּל־זמן ער האָט געלעבּט, און זיין פרוי, נאָך פּשוטער, אָבּער אַזאַ האַרציקע, האָט ער שוין געקראָגן דאָס געפיל, אַז אין ערגיץ שיינט די זון שטענדיק און ווען זיין יונגע טאָכטער סוזי, האָט מיט אירע ליבּע בּליקן זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין גאַנצן וועזן און ער האָט פאַר זיך דערזען ערשט וויפיל גליק און פרייד עס איז נאָך פאַראַן אויף דער וועלט, נישט געקוקט אויף איר רשעות און אומגערעכטיקייטן, איז ער ווי ניי־געבּאָרן געוואָרן.

סוזי... אפשר איז גאָר בּעסער געווען וואָס ער איז געווען אַ יתום... און וואָס ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון זיין פעטער... זיי וואָלטן דאָך אים קיינמאָל אין לעבּן נישט לאָזן חתונה האָבּן מיט אַ קריסטלעך מיידל. אַך, וואָס פאַר אַ גליקלעכע מאָנאַטן זי האָט אים גע־געבּן... און דאָס אַלץ איז איצט אַוועק ווי אַ חלום...

רות איז געוואַקסן אַ שיינהייט. זי האָט פאַרמאָגט איר טאַטנס שוואַר־

צע געלאָקטע האָר, מאַמעס טיף־בלויע פאַרטרוימטע אויגן, און איר רונד חנעוודיק נעזל. אייב האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט איר גייסטי־קער דערציאונג. אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיך, דאָס וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך פון זיין יידישן אָפּשטאַם, און דאָס ביסל סאָצי־אַלן באַוואוסטזיין, האָט ער אַלץ אין איר אַריינגעוועבט.

די אַלטע מרס. נעלסאָן האָט די דערציאונג געלאָזט צום יידישן איידעם, וועמען איר איינציק קינד איז געווען איבערגעגעבן מיט איר הייליקסטער ליבע. די אַלטע האָט בלויז דורכגעפירט איר מיסיע, וואָס זי האָט זיך אַ נדר געטאָן ביי איר מאַנס טויטן אָרון, ווען אין טאָג פון סוזי'ס ערשטן יאָרצייט האָט זיין קראַנק האַרץ זיך אָפּגעשטעלט. די אַלטע האָט דאַן אַריינגערעדט אין אָרון: — זאָלסט וויסן מיין מאַן, אַז איך וועל אויס־האַלטן... ווייל אייב מיט רותן דאַרפן מיך האָבן. — זי האָט אויסגעהאַלטן, די אַלטיטשקע; זי האָט זיך בלויז אָפּגעגעבן מיט זייערביידנס באַקוועמ־לעכקייטן.

אייב'ס פאַרשלאָסענער שוויגן פלעגט זיך אויפלייזן ביי די פולע מעשהלעך, וואָס ער פלעגט דערציילן רותן, פון וועלכע זי פלעגט זוי אַ פאַרכישופטע וועלן נאָך און נאָך. יעדע מעשהלע פלעגט ער צוטראַכטן מיט אַ מוסר־השכל פון גוטס און שלעכטס. ווען זי איז עלטער געוואָרן פלעגט ער איר דערציילן ניט סתם מעשהלעך, נאָר עפּיזאָדן פון זיין אייגענעם לעבן. סיי פון זיין טרויעריקער קינדהייט און לעבנס־שטייגער פון זיין אַלטער היים, און סיי פון זיין קורצן גליק מיט איר מוטער.

אייב פלעגט זיך אַליין שטיל אויסזידלען, וואָס ער וועבט אַריין זיין רותן ווי אַ שותף אין זיינע טרויעריקע דעראינערונגען. עס איז אים אָבער געווען שווער זיך צוריקצוהאַלטן. דאָס איז געווען פאַר אים אומ־באַוואוסטע טרייב־קראַפט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. אָבער ווי אַ קינד, און נאָך ווייניקער שפּעטער, האָט זי לאַנג ניט געקענט ווערן מיטגעריסן מיט איר פאָטערס צער. אירע געלעכטערס פלעגן זיך צעקלינגען איבערן גאַנצן פאַרמערשן הויף. אָבער דאָך מיט רות'ס וואַקסן, איז אויך גע־וואַקסן אַ גייסטיקע חברשאַפט צווישן פאָטער און טאָכטער. זי האָט געפילט, אַז לעבן איר טאַטן ווערט זי פרי קלוגער, אויסגעוואַקסענער. אויף אירע פראַגן, וועגן רעכט און אומרעכט, ווי זי פלעגט נאָכטראַכטן פון זיינע אייגענע דערציילונגען, פלעגט ער איר דערקלערן, אויף וויפיל ער האָט געדענקט פון זיינע פאַרבאָטענע ביכלעך, אין דער אַלטער היים.

ווען רות האָט געענדיקט די מיטלשולע, האָט אייב אויסגעפאָלגט

די עצות פון אירע לערער, אַז ער זאָל זי שיקן אין דער גרויסער שטאָט אין אַ שולע פון פּלאַסטישער קונסט. שוין אין דער ערשטער שולע איז אַנדעקט געוואָרן איר טאַלאַנט צו מאַלעריי. אירע פינגערלעך האָבן קיינמאָל ניט גערוט. יעדן שטיקל פּאַפּיר, יעדן שטיין און העלצל, אין שול־הויף און אויף די פּאַרמערשע פּלויטן, האָט זי באַמאָלט מיט ביימער און בלומען און מיט בילדער פון דער פּאַרמערשער לעבעדיקער באַלע־באַטישקייט. אייב׳ס פאַרם, די ירושה פון די נעלסאָנ׳ס, איז בכלל געווען אַ מוסטער פון פּראָגרעסיווער אַגריקולטור מיט מאָדערנע מאַשינעריע און געצייג.

יעדן שבת פלעגט רות קומען פון שטאָט אַהיים. און ביידע טעג זיך געהאַלטן בלויז לעבן פאַטער, סיי ביי זיינע אַרבעטן און סיי ביי זיין פרייער צייט. זי האָט זיך געטיילט מיט אים, מיט אַלע קלייניקייטן, פון די שטאָטישע איינדרוקן און פון שול־לעבן. די אַלטע מרס. נעלסאָן פלעגט מיט אַ באַהאַלטענער אייפערזיכט זיי נאָכקוקן, ווי מען צעשיידט זיך ניט די מערסטע צייט פון די צוויי טעג, בעת איר, דער באָבען, גיט זי אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט. זי פלעגט זיך דאַן אַוועקשטעלן פאַר איר טאָכטערס בילד און שטיל שעפּטשען: — זיי געטרייסט מיין קינד, דיין קינד קריגט ליבשאַפט פון טאַטן, שוין פאַר דיר אויך... און באַלד האָט די אַלטע זיי אַלץ מוחל געווען, און איינגעאָטעמט אין זיך באַנייטע טרייסט.

* * *

עס איז געווען אין אַ שפּעטן שבת נאָכמיטאָג. די האַרבסטיקע האַלב־טראָפּישע זון האָט נאָך אַלץ געבלענדט און געלאַשטשעט מיט וואַרעמע שטראַלן. ליכטיקע, וואַרעמע טעג זיינען נאָך געשטאַנען און מיט גאָלד באַגאָסן דעם פאַרגעלטן סטעפּ און רויט־געוואָרענע וועלדער. די פעלדער זיינען געלעגן אויסגעליידיקטע. די איבערגעבליבענע פאַרשניטענע שטאָ־מען האָבן ווי געדיכט־האַריקע טעפּיכער צוגעדעקט דעם פּרוכטבאַרן אינגעווייד. וואו־ניט־וואו זיינען געלעגן אויסגעגראָבענע בערגלעך קאַר־טאָפל, בוריקעס, רונדע גאָלדענע אַרבוזן. אַלץ האָט זיך געמינעט אונטער דער זון. פון ווייטן האָבן אַרויסגעהויכט שפּיציקע סטויגן היי, מיט פרישן זאַפטיקן ריח. הינער, מיט צעשפּרייטע פליגלען האָבן זיך גענו־רעט אין די אויסגעשאַרטע זאַמדיקע גריבלעך, און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגעלעך געדרימלט אונטער דער מילדער וואַרעמקייט. דער גאַנצער פאַרמערשער אָרום איז געווען איינגעהילט אין שטילער רו.

אויף אַ באַנק אונטער אַ דעמבן־בוים, איז געזעסן אייב מיט זיין

טאָכטער רות.ביידע האָבן געשוויגן, ווי ניט וועלן שטערן אַ הייליקע שטילקייט. אייב איז געווען טיף פאַרטראַכט, די אויגן געווענדעט צום זייטיקן רויט־געוואָרענעם ווערלדל. רות האָט אים באַטראַכט פון דער זייט מיט שטילער הנאה, האָט זי צום ווי־פילטן מאָל באַוואונדערט זיין שיין געשטאַלט, זיינע פעסטע ברייטע פּלייצעס, זיין מוסקולירטן פון זון־פאַרברוינטן פּנים, זיינע גרויסע טונקל־ברוינע אויגן, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ צאַרטן, טיפן טרויער. זיין געדיכטער געלאָקטער קאָפּ האָר האָט זיך שוין געגרויט ביי די שלייפן, אָבער דאָס האָט אים צוגעגעבן מער חשיבות. „ער איז אַ שיינער מאַנסביל", האָט זי אין געדאַנק זיך געגרויסט מיט אים. מיט אַן איבערפלוס פון ליבשאַפט צו אים.

רות פלעגט זיך היטן ניט איבערצושלאָגן זיינע געדאַנקען. זי האָט געוואוסט, אַז אין זיין פּאַרקלערטקייט, טראַכט ער אַלץ פון איר פאַר־שטאָרבענער מוטער. ווען עס פלעגט איר ווערן אומהיימלעך פון אַ לאַנגן שווייגן, פלעגט זי ביי אים אָנהויבן צו מאָנען אַ מעשהלע. זי האָט איצט אויך מיט אַ צאַרטן באַריר אים אַ טאָרע געטאָן, ווי מען וועקט אויף אַ באַליבטן מענטשן פון שלאָף.

— פּאַ, האָסט נאָך עפּעס אַ מעשהלע פאַר מיר, אַט טאָקע פון דיינע אייגענע?... — אייב האָט געקוקט אויף איר מיט אַן אומעטיקן שמייכל.— יאָ, ער וועט איר דערציילן, אַז וואָס דאָס דאָזיקע רויט־געוואָרענע וועלדל האָט אים איצט דערמאָנט:

— ער איז דאַן אַלט געווען 12 יאָר. ער האָט געאַרבעט ביי חיימקע דעם דאָרפס־שניידער. מען האָט אים גערופן חיימקע, ווייל ער איז געווען אַ קורצער, אַן איינגעבויגענער, פון שטענדיקן שלעפּן שווערע פּעק. ער איז געווען דער איינציקער באַלעבאָס זיינער, וואָס האָט ניט געהויבן קיין האַנט אויף אים. און אָט, אין אַ האַרבסטיקן בין־השמשות האָבן זיי ביידע געשפּרייזט דורך אַ וועלדל צוריק פון אַ דאָרף, מיט שווערע אַלטע פּעלצן אויף די פּלייצעס. מיטאַמאָל האָט חיימקע זיך אָפּגעשטעלט און האָט צו אים אַ זאָג געטאָן שטיל, מיט התפּעלות: — אברהמל, דו זעסט ווי דער וואַלד שטייט שוין שמונה־עשרה, לאָמיר אויך שטיל דאַווענען מנחה. רות האָט קנאַפּ געקענט האָבן אַ וויזיע וועגן „שטיין שמונה־עשרה", אָבער דאָס בילד פונם 12 יאָריקן בחור, ווי ער מאַרשירט מיטן אַלטיטשקן דאָרפס־שניידער, מיט דער לאַנגער באָרד און איינגעבויגענעם רוקן מיט די פּעלצן, האָט שוין אין איר קינסטלעריש־אויפגענומענער וויזיע זיך גענומען ריסעווען די קאַנווע פאַר אַ פאַרטראַכט בילד.

מיטאַמאָל האָט די שטילקייט זיך איבערגעבראָכן. ביידע האָבן זיך אַ וויג געטאָן מיט די פּנימער צום הויף־טויער. אַ טראַסקעדיקער גערויש ווי פון שווערע לויזע רעדער אויף פאַרהאַרטעוועטע הרודעס.

אין הויף איז אַרויפגעפאָרן אַן אַלטער קרעכצנדיקער לאַסט־וואָגן, אָביסל אָנגעפילט מיט קלומקעס און קעסטלעך. פיר מענטשלעכע פיגורן זיינען אַראָפּגעשפּרונגען. אייב און רות זיינען זיי אַנטקעגן געקומען מיט ברייטע פרעגנדיקע בליקן. זייער איבערראַשונג האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט, ווען זיי האָבן דערזען פּנימער פון פאַרשיידענע ראַסן. אַ ברייטלעכער טונקל־הויטיקער מעקסיקאַנער; דער צווייטער, מיט אויפ־געשפּיצטע קינבאַקן און טיפע מאַנדל־אויגן, ווי ביי אַ פיליפּינער, און צוויי עכטע אַמעריקאַנער, אַ מאַן און אַ פרוי, אַלע נאָך יונגע ביי די דרייסיקער.

די פרוי האָט זיך, און די אַנדערע פאַרגעשטעלט און פאָרן פּאַטער מיט זיין טאָכטער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ באַקאַנטע קאַליפאָרניער געשיכטע — אַז זיי זיינען פעלד־אַרבעטער, פון דעם נאָענטן טאָל, וואו עס ווערט געזייט בלויז „לעטוס“, אַז זיי אַרבעטן לאַנגע שטונדן פאַר אַ הונגער־לוין, אונטער דער ברענענדקעיר זון, נישט זעלטן פון הונדערט און דרייסיק גראַד היץ, אַז מען וואוינט אין צוזאַמענגעקלעפּטע כאַלופּעס פון אַלטע ברעטלעך, פאַרזשאַווערטע שטיקלעך בלעך, אַז די אַרבעטער פאַלן דאָרט, ווי פליגן אונטער דעם העלישן פייער פון דער זון. איצט זיינען זיי אַלע אַרויס אין סטרייק. די באַלעבאַטים האָבן געבראַכט סקעבס. זיי ווילן זיי אויך אַרויסוואַרפן פון זייערע אייגענע צוזאַמענ־געקלאַפּטע ביידלעך. איצט פאָרן זיי אַרום צו זאַמלען שפּייז און קליידער, איבערהויפּט פאַר די קינדער, וואָס זיינען אויסגעצערט פון הונגער.

די פרוי האָט גערעדט שנעל, ווי אָפּצוכאַפּן אין איין אָטעם, אַז מען זאָל זי אויסהערן... רות האָט געקוקט אויף איר מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און אָפן מויל, ווי זי וואָלט שלינגען איר יעדן וואָרט. זי האָט האַס־טיק אַ כאַפּ געטאָן איר פּאַטערס האַנט און מיט אַ צאַפּל אין איר שטים אויסגעשריען:

— פּאַ, קום, לאָמיר זיי העלפן אָנפילן דעם וואָגן — און מיט אימ־פּעט, ווי מען ראַטעוועט זיך פון אַ שריפה, האָט זי אין איילעניש אָנגע־פילט קעסטלעך מיט גרינסן, פּרוכטן און מילכיקס. דערנאָך האָט זי זיך גענומען צו די קליידער־שאַפעס. אַ צעפּלאַמטע מיט אַ ווייכן גלאַנץ אין אירע אויגן, האָט זי געהאַוועט, וואָס מער זאַכן אַרויסצוטראָגן פון הויז.

זי האָט זיך באַמיט אויסצומיידן איר באָבעס בייזע בליקן, און האָט מיט־געשלעפּט אירע זאַכן. אייב איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ געהאָרכזאַמער שיק־יינגל, האָט ער איר אַלעס אַרויסגעהאָלפן. די פרוי האָט אָנגעוויזן רותן, אַז זי זאָל אַריינקוקן אין די פלוגבלעטלעך, וואָס זי האָט פאַר איר אָוועקגעלייגט. רות האָט זיך צו זיי נישט צוגעכאַפּט, נאָר ווי זי האָט גענומען לייענען זיינען אירע אויגן פייכט געוואָרן. איר פּנים האָט אויסגעדריקט צער און צאָרן ! . . .

זי האָט זיי געפרעגט, צי מען העלפט זיי אומעטום וואו זיי קומען? זיי האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט מיט אַן איראָנישן שמייכל. . .

— אייניקע — האָט זי צוגעגעבן — רייצן נאָך אָן די הינט אויף אונז. דאָס אַמעריקאַנער פאַר־פאָלק האָבן צוגעשאָקלט די קעפּ מיט פאַרביטערטקייט. רות'ס פּנים האָט זיך צעקרימט מיט אַ צאָרדינקער גרימאַסע . . .

— זעט, גייט ניט צו אונזערע אַרומיקע שכנים. איך וועל מאָרגן זיי אַליין באַזוכן. — קומט מאָרגן מיט אַ ליידיקן וואָגן — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערדיקן קול. רות האָט אַ גאַנצן אָוונט געשוויגן אין פאַר־קלערטקייט. זי האָט געהאַט איצט פון וואָס צו טראַכטן: איר טאַטנס מעשהלעך פון „גוטס און שלעכטס", זעט זי איצט אין דערווירקלעכקייט.

אויף מאָרגן האָט זי שוין מער באַגריפן די פאַרביטערטקייט פון די סטרייקערס... ווען אַ גרויסע צאָל פאַרמערס האָבן זי אויפגענומען מיט חוזק און איר געוואָרנט, אַז זי זאָל ניט שטופּן איר קאָפּ וואו מען דאַרף ניט... אָבער רות האָט נאָך מער געברויזט מיט דרייסטקייט... זי האָט זיי געשטופּט מיט פלוגבלעטלעך. — נאַט זעט — האָט זי גערעדט מיט האַסט: — ווי מענטשן אַרבעטן שווער און הונגערן און פאַלן ביי דער אַרבעט. די שילדערונגען פון די פלוקבלעטלעך האָט זי שוין געקענט אויף אויסווייניק. די פאַרמערס האָבן געקוקט אויף איר און געפּלעפּט פון איר אָראַטאָרישן טאַלאַנט. זי איז צוריקגעפאָרן מיט אַ פולן וואָגן שפּייז. אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך צעווייערט אַרום אירע פולע, רונדע ליפּן. זי האָט דערפילט, ווי אַ וואולקאַנישע לאַווע האָט דורכגעבראָכן אַ עפּענונג און זי דערלייזט פון אַ דריקנדיקן קלעם...

סוף וואָך האָט רות געלאָזט וויסן איר טאַטן, אַז שבת און זונטאָג וועט זי זיין אין טאָג ביי די סטרייקערס; אַז זי וויל זיך מער באַקענען מיט זייער לעבן. און זי וועט אויך דאָרט אָנהויבן מאָלן בילדער פון דער לאַנדשאַפט און זייער אָרעמקייט.

איצ איז געוואָרן אַ געפּלעפּטער... זי איז נאָך אַלץ אַ קינד, זיין רוטעלע. זי האָט זיך אפילו ניט אַנגעפרעגט ביי אים, אַליין אַוועק אין אַזאַ געפערלעכן פּלאַץ. פּשוט דעם טויט אַנטקעגן... ער ווייסט ווי נקמה־דיק די באַלעבאַטים קענען זיין... ניין, רות איז זיין איינציקער אָנשפּאַר איצט אין זיין לעבן... ער טאָר דאָס ניט דערלאָזן! אַ שרעק איז אים באַפאַלן. ער האָט באַשלאָסן, אַז גאַנץ פרי וועט ער אַוועק אין טאָל, און אפילו מיט גוואַלד זי אַוועקנעמען.

נאָך אַ קורצן שלאָף האָט איצ אויפגעוואַכט. אַרום איז געווען נאַכטיק שטיל. ער האָט געוואוסט אַז עס איז נאָך פרי. אַ פיינלעכער פּאַרדרוס האָט אים אַרומגענומען אויף דער לאַנגקייט פון דער נאַכט... אַן אינערלעכער אומרואיקער געאייל האָט געפּיבערט אין אים, ווי ער זאָל חלילה עפּעס ניט פאַרשפּעטיקן. ער האָט אומגעדולדיק געוואַכט אויפן באַגינען.

רות האָט זיך זייער דערפרייט ווען זי האָט דערזען איר טאַטן שפּרייזן צוםביידל, וואו זי איז געשטאַנען מיט אַ גרופּע דאָרטיקע איינ־וואוינער. — אָט איז ער אויך געקומען זיי העלפן זאַמלען שפּייז — איז איר דורכגעלאָפן אַ פריידיקער געדאַנק. דערפאַר איז איר אנטוישונג געווען נאָך גרעסער ווען ער איז איר באַפאַלן מיט אויפגעברויזטן צאָרן! זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטעלן אַז זי וועט אים אַמאָל זען אַזעלכן.

— פאַ, דו, דו? — האָט זי מיט שטוינונג געשטאַמלט. איר גאַמבע האָט זיך געטרייסלט. זי האָט מער ניט דערקענט איר ליבן גוטמוטיקן פאָטער. זיינע אויגן צעפינקלט מיט אַן אומהיימלעכן פייער; זיינע רייד ציטערנדיקע, זיינען געפאַלן ווי שטעכיקע שפּיזן...

— האָסט גאָרניט אַ טראַכט געטאָן, ווי ברוטאַל דו ביסט פּלוצים געוואָרן צו מיר און צו דיין געטרייסטער גוטהאַרציקער באָבען? צו פאַרוויסטן אונזערע לעבנס מיט דעם איינשטעלן דיין אייגן לעבן. וואָס טרייבט דיך צו אַזעלכע געפאַרן? דיר פעלט דאָך קיין זאַך ניט!

רות האָט מיט ביידע הענט פאַרדעקט דאָס פּנים. — גענוג, מיין קלוגער, גוטער טאַטע, האָסט מיך אַנדערש געלערנט... די סטרייקער און זייערע פרויען האָבן פּרובירט אים איינשטילן, אים טרייסטן, אַז זי וועט זיין באַשיצט; אַז זי וועט האָבן אַ שטענדיקע וואַך אַרום זיך.

איצ האָט דערזען, אַז ער פאַרלירט זיין איינציקן אָנשפּאַר אין זיין לעבן... רות איז איצט געשטאַנען פאַר אים, ווי אַ פלאַם פייער... אירע

בלויע פּאַרטרוימטע אויגן האָבן געקוקט אויף אים ערנסט און דרייסט... ער האָט זיך געפילט, אַז קיין שום כוח וועט ניט ברעכן איר ווילן...

אייב האָט ניט געדענקט ווען ער איז געקומען אַהיים. און ווען ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. מיט קראַנקהאַפטער מידקייט איז ער פאַרזונקען אין אַ שווערן פאַרטראַגענעם שלאָף. ער האָט אויפגעוואַכט פון אַ צאַרטן באַריר אויף זיין אַקסל. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען פאַר זיך זיין אַלטעטשקער שוויגער, מיט צעשראָקענעם בליק אין אירע אויסגעלאָשענע מידע אויגן.

— וואָס איז מיט דיר, אייב? ביסט קראַנק? ביסט אַריינגעפאַלן אין בעט מיטן אָנטאָן, און נישט געגעסן. פון איר צאַרטער באַזאָרגטער שטים האָט אים אַ ריס געטאָן אין האַרצן. — זאָל זי כאָטש ניט דערוויסן, די גוטע אַלטיטשקע, אַז זייער קינד, זייער איינציקער אַנהאַלט איז אין טויט־געפאַר — האָט ער מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן. — איך בין בלויז מיד, מוטערל — האָט ער קוים אַרויסגעזיפצט די ווערטער.

— דאָס עסן שטייט אויפן טיש, איך האָב דיר ניט געוואָלט וועקן. איך האָב אַליין אָפּגעגעסן און בין שוין ביים טיש איינגעשלאָפן. איך גיי איצט אין בעט אַריין. זי האָט גערעדט צו אים אין אַ באַזאָרגטן מאַמעשן טאָן.

אייב איז געבליבן ליגן מיט טעמפּן געפיל, ווי אָפּגעריסן פון אַלע פעדים פון לעבן. ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם גרויען נאַכטיקן אומעט אין שטוב. מיטאַמאָל האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ מוראַדיקע אומ־היימלעכקייט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אַרויס אין דרויסן. אַ טריבע פינצטערניש מיט אַ פייכטן נעפּל האָט אויף אים אַן אָטעם געטאָן. ער האָט דורכגעשפּאַנט דעם הויף. אַ קאַלטע עלנדע פרעמדקייט האָט געלויערט אויף אים פון די נאָענטע געביידעס, און פון די ליידיקע פעלדער. — אָט ערשט נעכטן איז יעדער שטעגעלע, ביז דעם קלענסטן צווייגעלע. געווען פאַר אים אַזוי פאַראייגענט, היימיש. אַלע יאָרן איז פאַר אים געווען אַ וואונדער, ווי מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט ער איז געוואָרן צוגעבונדן צו ערד־אַרבעט און פאַרמערשן אינווענטאַר. איצט האָט ער זיין אייגענע נחלה ניט דערקענט. ער האָט זיך דערפילט ענג, ווי אין אַ שטייג. עס ווילט זיך אים בלויז ערגעץ לויפן, אַנטלויפן ווי פון אַ נאָכגעיאָגטער איינזאַמקייט... אַנטלויפן פון זיינע נייע גריזשענדיקע געדאַנקען, וואָס מאַנען ביי אים חשבון. און זיין טאָקטערס רייד, וואָס האָבן געשמיסן זיין נשמה ווי פייערדיקע בייטשן... ווי בייזע שאָטנס

וויל ער פאַרטרייבן די דאָזיקע גרויזאַמע מאָמענטן... סיי זיינע אייגענע, און זיין טאָכטערס... אַ מין ווייטאָגדיקע שאַנד און שולד האָט אים גע־פייניקט. וואַכנדיק און אין שלאָף, האָבן קליינע אויסטערלישע מאָנס־טערלעך געטאַנצט קעגן אים מיט חוזק און געלעכטער...

די אַלטע מרס. בעלסאָן איז געוואָרן באַזאָרגט פון אייב׳ס קרענק־לעכן אויסזען. די עטלעכע פיינלעכע טעג האָבן אים געמאַכט פאַר אַ זקן. ער פלעגט איר אַלץ ענטפערן, אַז עס איז אַ שטימונג, עס וועט איבערגיין. די אַלטע האָט דאָס באַנומען, אַז דאָס איז אַ באַנייטע שטאַרקע בענקשאַפט נאָך זיין געליבטער סוזען.

רות איז צופיל פאַרשלונגען אין איר ניי וועלטל, אַז זי זאָל זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג, אָדער באַגרייפן איר פאָטערס פייניקונגען. צווישן אירע נייע פריינט פון פאַרשיידענע אָפּשטאַמען, וועלכע האָבן געהאַט אַ סך צו דערציילן פון פאַרשיידענע לעבנס־דערפאַרונגען, איז געוועזן פאַר איר אַ ניי אַנטדעקטער קוואַל. ניט נאָר פון ברוטאַלע טאַטן, נאָר אויך פון געוואַגטע הערצאישקייטן, וואו זי האָט געשעפּט נייעם מוט און אייגענע דערהויבונג. צום פאָטער האָט זי איצט געפילט מער רחמנות ווי פאַרדרוס, ווי צו אַ ליבן קראַנקן ברודערל, וואָס שפּינט צעפליגלטע פאַנטאַזיעס און האָט קיין כוח ניט זיך אויפצוהויבן...

* * *

טעג זיינען געלאָפן און פאַרשלונגען געוואָרן אין וואָכן. רות פלעגט שרייבן אָפטע פריוועלעך צו איר פאָטער און צו איר באָבען. צו איר האָט זי געשריבן, אַז זי איז שטאַרק פאַרנומען מיט איר שול־אַרבעט פאַר אַן עקזאַמען; אַז זי וועט שנעל קומען זיך זען מיט זיי ביידן.

יעדן שבת אָדער זונטאָג פלעגט אייב זיך באַווייזן אין טאַל, אויף אַ געהיימען אופן. ווי אַן אויסשפּירער פלעגט ער שוין געפינען די פלע־צער וואו רות מאָלט אירע בילדער. און פון באַהעלטענישן פלעגט ער לאַנג וואַכן איבער איר. רות האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז די טעג ווען זי איז אין טאַל, וועט איר פאָטער קומען איר זען אפילו פון דערווייטן. איר וואַנדערנדיקער בליק פלעגט אים אַלע מאָל דערזען פאַרשטעקט צווישן ביימער אָדער פעלזן. אַ ווייטאָגדיקע פרייד פלעגט זי אַרומנעמען. זי האָט אויך געוואוסט, אַז איר טאַטע וועט זיך ניט אַזוי גרינג אונטער־געבן. זי האָט שוין געהאַט אַ באַגריף פון זיין שווייגנדיקער עקשנות. דאָס האָט זי זיך נאָך דערוואוסט פון אַ פּאָר שכנים־פריינט, וועלכע האָבן

געהאַלטן אַז איר טאַטע איז נאָך צו יונג זיך צו פֿייניקן מיט אַ בזירישן לעבן. זיי האָבן געדענקט, אַז דאָס וואָס ער וויל ניט הערן וועגן נאָכאַמאָל חתונה האָבן, איז ווייל רות וועט ניט צושטימען צו טיילן זיין ליבע מיט נאָך אַ פֿרוי. זיי פֿלעגן גאָר אָפּט איר וואָרענען, אַז איר טאַטן דער־וואַרטעט אַן עלנדער, איינזאַמער לעבן, ווען די אַלטע וועט צומאַכן אַן אויג, ווי עס איז שוין נעענטער ווי ווייטער, און זי וועט חתונה האָבן.

נאָך אַזעלכע רייד פֿון איר שכן פֿלעגט איר אָנכאַפּן אַ רחמנות אויף איר טאַטן. זי פֿלעגט שוין בעטן דעם שכן, אַז ער זאָל אים איבער־געבן איר צושטימונג. זי פֿלעגט אָבער פֿיל מאָל באַמערקן ביי געוויסע שטילע שמועסן פֿון דעם שכן מיט איר טאַטן, ווי זיינע צוויי טיפֿע קנייטשן צווישן די ברעמען ווערן נאָך טיפֿער איינגעשניטן, די אויגן באַקומען אַן אומהיימלעכן גלאַנץ, און ער לאָזט זיך אַוועק שפּרייזן מיט שנעלע טריט, ווי נאָכגעיאָגט פֿון בייזע שאָטנס. דער שכן פֿלעגט איר דערנאָך זאָגן: — דיין טאַטע איז אַ שווייגנדיקער עקשן.

* * *

דער שפּעט־גאָלדענער האַרבסט האָט אָנגעהויבן פֿאַרשלונגען ווערן אין כמורנע רעגנדיקע טעג און קילע ווינטן. אין איינעם אַזאַ שפּעטן נאָכמיטאָג האָט אייב נאָכאַמאָל דערהערט דעם באַקאַנטן גערויש פֿון לויזע וואַקלדיקע רעדער אויף אַ רודעסדיקן באָדן. ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז און געבליבן שטיין פֿאַר די צוויי באַקאַנטע פּנימער ווי ער וואָלט זיי געזען דאָס ערשטע מאָל: דער בלאָנדער אַמעריקאַנער און דער פֿיליפּינער. זיי זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון לאַסט־וואָגן און זייער פֿאַרזיכטיק אַרויסגעוויקלט פֿון שמאַטעס אַ גרויסע בילד.

דאָס האָט רות געשיקט צו דיר איר ערשט פֿאַרענדיקט בילד, זאָלסט דאָס אָנקוקן איידער זי נעמט דאָס צו „ראַפֿלען" אין סקול פֿאַר אונז סטרייקערס. זיי האָבן זיך געווענדט צו אייבן מיט אַ טאָן פֿון שולדיקע געגן אים. זיין פּנים האָט זיך פֿאַרקרימט אין אַ ווייטאָגדיקן שמייכל. אַ שאַרפֿע קנאה האָט אים אַ שטאָך געטאָן, ווי אַ דינע שפּיז. אַ שווייגנ־דיקער האָט ער גענומען קוקן אויפֿן בילד. ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון בילד און זיך פֿאַרטראַכט מיט אַ ווייט־פֿאַרטראָגענעם בליק. דער פֿיליפּינער האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ ווייכן שמייכל פֿון זיינע קלוגע מאַנדל־אויגן:

— אָט־דאָס וואָס דו זעסט אויפֿן בילד, אייב, דאָס איז די אמתע

שילדערונג פון אונדזער לעבן. אָט אַזוי לעבן מיר, און אַזוי שטאַרבן מיר.

דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט: אַ ברייט פעלד מיט געדיכטע גרינע קעפּלעך לעטוס, אָפּגעטיילט מיט סעמעטרישע ברוינע, זאַמדיקע סטעזשקעס, פון אויבן אַ העל־בלויער הימל מיט אַ צעגליטער ברענענדיקער זון מיט צעצווייגטע פייערדיקע פעדים. וואו־ניט־וואו זיינען אויף די ברוינע סטעזשקעס געלעגן האַלב־נאַקעטע מענטשלעכע קערפּערס אויסגעצויגן מיטן פּנים אַראָפּ און צעשפּרייטע הענט. אינצווישן זעט זיך ווי צוויי מענער טראָגן אויף אַ טראָג־בעטל אַן אויסגעצויגענעם טויטן קערפּער מיט אַן אָפן מויל, פאַרגלאָצטע אויגן, מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט אויפן ברוסט. אין פאָדערגרונט האָט זיך געזען אַ שטיק ברוינער שטח, מיט נידעריקע צעבראָכענע חורבות. פרויען און קינדער מיט פאַרבראָכענע הענט און צעשראָקענע אויגן, קוקן אין דער ריכטונג צו דעם געטראָגענעם טויטן.

אייב איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי אַ פאַרטראָגענער, געביסן די נעגל פון זיינע לאַנגע פאַרהאָרעוועטע פינגער. די צוויי מענער האָבן גערעדט צו אים וואַרעמע פריינטלעכע רייד, אַז זיין טאָכטער איז באַשיצט, אַז ער דאַרף זיין שטאָלץ מיט איר טיפער מענטשלעכער נשמה און גרויסע באַגאַבטקייט, אַז זי וועט נאָך ווערן ברייט באַרימט. אייב האָט מער געפילט ווי געהערט, אַז די רייד פון די פרעמדע האָרעפּאַשנע מענטשן גלעטן און טרייסטן, ווי עס וואָלט זיך צעגאַנגען אַ געדיכטער נעפּל.

אַזוי האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַרויסשיילן פאַר אים שטיקער פאַרלאָפן לעבן פון זיין פאַריתומטער קינדהייט. אָט זעט ער פאַר זיך לייזער דעם קצב, ווען ער האָט אים אויסגעבאָרגט ביי בערקע דעם שניי־דער, אויף אַ נאַכט צו פליקן גענדז פאַר דעם מאָרגנדיקן מאַרק־טאָג. דערפאַר וועט בערקע קריגן אַביסל גענדזענע שמאַלץ אויף פּסח. לייזער מיט דער רויטער בייזער באָרד, האָט אים אַלעמאָל געטרייסלט מיט רשעות ווען זיין קאָפּ פלעגט אַראָפּזינקען פון באַפאַלענעם שלאָף. ביז ער איז אַריין אין דער רציחה און דערלאַנגט מיט אַ ווידל פון אַ קו אין זיין נאַקן. ער איז באַלד באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט פון נאָז און מויל. לאה, זיין ווייב, האָט אים געוואַשן דאָס בלוט און שטיל געוויינט איבער אים. אָט זעט ער שמעון דעם שמש, ער האָט אים דערלאַנגט מיט אַ גראָבן מחזור איבערן מוח. ער איז אַ פּריטשמעלעטער געפאַלן אויף דער ערד, ווייל עס איז אים ניט געפעלן געוואָרן ווי ער האָט אויפגעראַמט די שול, ער האָט געפונען אַביסעלע שטויב אויף אַ שטענדער.

ווי אין אַ פאַרפּלאָנטערטן חלום איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען אין פאַרקלעמטן שווייגן. די צוויי מענער האָבן צוריקגענומען דאָס בילד און אַרויף מיט דעם אויף דעם לאַסטוואָגן און זיך געלאָזט צום אַרויספאָר. איבּ האָט זיך אַ וויג געטאָן, מיטאַמאָל איז אים אַלעס קלאָר געוואָרן, אַז ער טאָר ניט פאַרלירן די דאָזיקע מענטשן. אַ הייסער שטראָם פון נאָענט־קייט האָט זיך אַ הויב געטאָן אין אים, אַן אומרו ווי ער האָט שוין עטוואָס פאַרשפּעטיקט... ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן לאַסטוואָגן. זיי זיינען שוין געווען אַרונטער דעם באַרג פון זיין נחלה. ער האָט געשריען און געפאָכעט צו זיי מיט די הענט. זיי האָבן אים דערזען און זיך אָפּגעשטעלט. ווען ער איז צוגעקומען, האָבן זיי געשטוינט פון אַזאַ שנעלער פאַרוואַנד־לונג פון אים. די אויגן, דאָס גאַנצע פּנים אויפגעלויכטן...

— זאָגט מיין רותן, אַז דעם שבת און זונטיק וועל איך קומען צו איך, מיט וואָס איך וועל קענען וועל איך העלפן. ער האָט אויפן מאָמענט אַליין ניט דערקענט זיין פריש מונטער קול. זיי האָבן אים קרעפטיק געדריקט די הענט.

— גוט אַזוי! גוט־ברודער, איבּ, מיר וועלן זיך פרייען מיט דיר. זיי האָבן געפאָכעט מיט די הענט איינע צו די אַנדערע, ביז דער לאַסט־וואָגן האָט זיך פאַרלאָרן אין דעם געדיכטן וועלדל.

איבּ האָט געשפּאַנט צוריק מיט אַן אינערלעכער באַנייאונג, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ לאַנג־יאָריקע מידקייט פון אייגענער רעזיגנאַציע. דאָ סערשטע מאָל פאַר לאַנגע יאָרן האָט אין אים אויפגעלויכט אַ ניי געפיל, אַז ער האָט איצט געוואונען אַ ווייטערדיק באַנייט לעבן.

— סוזי, וועסט מיר פאַרגעבן, איך מוז וואַכן איבער אונדזער קינד.
— האָט ער אין געדאַנק גערעדט צו איר. און ערשט איצט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, און מיט אַלץ ווי עס איז געווען ביז איצט.

פאַר אייביקע זעקס חדשים

אין דער צייט ווען עס זיינען נאָך אָנגעגאַנגען ביטערע קאַמפן אין דער סאָוועטישער רוסלאַנד מיט די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען, האָבן שיפן אין סאַן פראַנציסקער האַפן אַריינגעבראַכט יעדן טאָג הונדערטער פון דעם רוסישן אַדל, פון אַלערליי הויכע מיליטערישע ראַנגען, אַנטלאָפענע דורכן פּאַסיפיק. גאַנצע משפּחות פלעגן אַרויסקימען פון די שיפן מיט גרויסע שווערע קאַסטנס.

ס'איז פרימאָרגן. איך קום אַריין אין אַ ניי־געעפנטן שאַפּ פון „קאָטן־דרעסעס, ערשט דער פאָרמאַן פירט מיך צו דער לעצטער מאַשין אין ווינקל, און ווענדט זיך צו מיינע נאָענטסטע שכנים אין רוסיש: — אָט־די פרוי קען די אַרבעט. איר וועט נאָכקוקן ווי זי אַרבעט וועט איך זיין גרינגער.

זעקס פּאָר אויגן, צוויי ברוינע און פיר בלויע, האָבן צוגעוואָרפן פאַרשנדיקע בליקן אויף מיר, און שוייגנדיק זיך איבערגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. ביי דער צווייטער מאַשין לעבן מיר איז געזעסן אַ יונגע שלאַנקע בלאָנדינקע מיט אַ רונדן, ווייסן, צאַרטן פּנים, מיט גרויסע, טיפע, בלויע אייגן — אַזעלכע פלעגט מען ביי אונז באַצייכענען אַלס אַ פריציש פּנימל... די אַנטקעגנדיקע האָט אויסגעקוקט אין די דריי־סיקער. זי האָט געהאַט אַ מאַטאָווע הויט מיט סעמיטישע געזיכט־שטריכן. אירע גרויסע ברוינע אויגן האָבן אַרויסגעגעבן אַ פאַרדעכטיקטן שאַרפן גלאַנץ. די צווייטע פון איר, אַ מיטליעריקע, אַ דיקע, מיט פלאַקסענע האָר, האָט געהאַט שמאָלע העל־בלויע אויגעלעך. אירע הויכע קינבאַקן און אַ קירץ פאַרריסענע נאָז האָט איר צוגעגעבן אַ מאָנגאָלישן אויסדרוק.

מיט אַ געדריקטן שוויגן האָבן אַלע דריי געהאַלטן אָנגעשטרענגט זייערע בליקן אונטער דער נאָדל פון מיין מאַשין, און אויף די אַרויס־געדרוקטע אָפּגעשטעפּטע טיילן. — איר קענט נעמען אָט־די טיילן און זיי באַקוקן — ווענדע איך זיך צו זיי אין רוסיש. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט ברייט־צעעפנטע אייגן און האָבן זיך אַלע דריי איבערגעקוקט שמייכלענדיק. די אַנטקעגנדיקע האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט. די עלטערע לעבן איר האָט מיר צוגעוואָרפן אַ קורצן שמייכל. די בלאָנדע לעבן מיין זייט האָט מיט אַ ווייכן קול אַרויס־

גערעדט: — אַ דאַנק — און האָט צוגערוקט די אָפּגענייטע שטיקלעך צו זיך און אַביסל צוגעוואָרפן צו די אַנדערע.

דער טאָג איז אַוועק ווי אַ ברוגז־טאַנץ. נאָך אַלע מיינע אָנווייזונגען ווי צו מאַכן די אַרבעט, האָבן זיי מיר פון צייט־צו־צייט שטיל געענטפערט מיט אַ קורצן אָפּגעכאַפּטן דאַנק.

מיט קנאה־בליקן האָבן זיי זיך איבערגעקוקט, ווען איך האָב מיין „באַנדל" אַרויסגעענדיקט, און זיי האָבן געשטעקט נאָך ווייט פון האַלב. ווען איך בין צוגעקומען מיט דעם צווייטן „באַנדל" אַרבעט, האָבן זיי אָפּגעהאַקט די רייד צווישן זיך. אויף זייערע פּנימער איז געווען אויסגעדריקט אַ קריגערישע שטימונג.

די בלאָנדע פון מיין זייט האָט מיר באַלד אַ פרעג געטאָן, מיט אַ טאָן מער פון אַ באַשטימונג ווי אַ פראַגע, צי איך בין אַ יידישע? מיט אַ צעשפּילטער פאַרב אויף איר פּנים און מיט אַ טאָן פון אונטערגעדריקטער אויפרעגונג האָט זי זיך געווענדט צו מיר מיט אַ פראַגע, ווי לאַנג איך קען שוין די אַרבעט, און ווי לאַנג וועט דאָס איר נעמען זיך אויסצולערנען.

די וועלכע איך לערן די אַרבעט, וואָס ס'האָט טאַקע אָנגעהויבן גיין ביי איר שנעלער און בעסער פון די אַנדערע צוויי, האָט אין אַ שטילן טאָן מיר אָנגעהויבן דערציילן וועגן אירע פריינדינס: די, אַנטקעגן מיר, איז דאָס ווייב פון אַ מיליטערישן דאָקטאָר. די „באָלשעוויקעס" האָבן אים געהרגעט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט העלפן די פאַרוואונדעטע „רויטע". אָבער יענע פאַרדעכטיקט אַז די יידן האָבן אים געהרגעט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט העלפן די יידישע פאַרוואונדעטע. די צווייטע, די עלטערע, איז דאָס ווייב פון אַ גענעראַל, וועלכער האָט היפּשלעך אונטערגעטרונקען אין דער היים, און איצט איז ער קיינמאָל ניט ניכטער. און א י ר מאַן איז אַ פאַלקאָווניק, איז געוואָרן זייער מעלאַנכאָליש און קען זיך נישט צופּאַסן צו קיין אַרבעט. זיי האָבן צוויי קינדער, פון צוועלף און אַכט יאָר. זי האָט אויך מיטגעבראַכט איר אַלטע מאַמע, און פאַר זיי אַלע דאַרף זי איצט מאַכן אַ לעבן.

איך שטעל איר אָפּ מיט אַן אומשולדיקע מינע:

איר מיינט צו זאָגן, אַז אייער מאַן איז ג ע ו ע ן אַ פאַלקאָווניק?

— ניין — כאַפּט זי אונטער מיט פעסטער זיכערקייט אין טאָן — ער איז נאָך א י צ ט אויך אַ פאַלקאָווניק און ער וו ע ט נאָך זיין אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. — עס צעשפּילט זיך אין איר ווידער אַ טיפע ראָזעווע פאַרב אין פּנים. זי רעדט מיט האַסט: — מער ווי נאָך זעקס חדשים וועלן

די באַלשעוויקעס זיך נישט האַלטן. ניין, נישט מעגלעך! — רעדט זי ווי פאַר זיך אַליין און זי גיט זיך צו מיר אַ שאַרפן קער: — איר ווייסט, — רעדט זי אַרויס ווי מיט אַזיגערישן־אויסרוף — עס זיינען דאָך דאָרט פאַרבליבן בלויז „בעזגראַמאָטנע״. מיר וועלן זיך שנעל אומקערן צו אונזער הייליקער רוסישער ערד! — זי האָט געטראַכט אַ ווײַלע און געשטעלט אויף מיר אַ פאַרשנדיקן בליק — ניין, דו ביזט צו גוט צו זיין אַ באַלשעוויק. אויף דיר וועל איך אַזעלכעס ניט גלויבן... נאָך זעקס חדשים און נישט מער! — באַטאָנט זי מיט נייעם עקסטאַז! וועלנדיק מיך טאַקע איבערצייגן, כאַפּט זי אַרויס אַ בילעט פון איר בייטל און דערלאַנגט אים מיר מיט אַ דערקלערונג: דעם יערלעכן מיליטערישן באַל אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע פירן זיי דערוויל דורך אין סאַן פראַנ־ציסקאָ אין דעם רייכסטן האָטעל אין שטאָט און אַ בילעט גיט זי מיר אַלס מתנה, דערפאַר וואָס איך לערן איר די אַרבעט. „דער בילעט קאָסט אַ סך געלט.״ נאָר איר מאַן האָט די אויפזיכט איבער די בילעטן, האָט זי אַראָפּגענומען עטלעכע.

זי האָט מיך אָפּגעוואָרט אין דער באַשטימטער צייט, ווי עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז זי זאָל מיך גלייך אַרויפפירן אויף דער גאַלעריע, וואו איך זאָל אַלץ קענען זען און זיך נישט וואַרפן אין די אויגן מיט מיין פּשוטער קליידונג.

אין אַ לאָזשע אויף דער גאַלערייע האָט זי מיך פאַרגעשטעלט פאַר צוויי פרויען, איר מאַמע און אַ מומע. איר מאַמעס מאַסיווער שמאַלציקער קערפּער איז געווען אַריבערגעפאַלן פוןביידע זייטן שטול, ווי אַריבער־געפלאָסטענע ראַשטשינע פון אַ דייזשע. די מומע איז געווען פונקט דער היפּך: אַ דינע, אַ ביינערדיקע, מיט אַ לאַנגן האַלדז, אַ צעקנייטשט פּנימל, ווי אַ שמאָל ברעטלדיקע טשוטשעלע אין אַ גאָרטן. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע שטעקלדיקע הענט. ביידע האָבן צו מיר געשמייכלט, קאַלט און העפלעך.

אין דער גאַנצער פּאַנאָראַמע פון דעם גרויסן בלענדענדיקן זאַל האָב איך באַלד דערקענט דעם קייזערלעכן באַל פון טאָלסטאָי׳ס בוך „קריג און פרידן״. מענער פון פאַרשיידענעם עלטער, אין אַלערליי מיליטערישע קאָסטיומען, וואָס האָבן באַצייכנט יעדן ראַנג. עס האָבן זיך געמינעט פאַרשיידענע קאָלירן: בלוי, גרין, געל און ווייס. די מער־סטע מיט שמאָלע געפּאַסטע הויזן, מיט זילבערנע און גאָלדענע טאַשמעס אין די זייטיקע נאָטן און גאַנצע פּלאַכטעס גאָלדענע מעדאַלן אויף דער

ברוסט און עפּאָלעטן. די גלאַנצנדיקע שפּאָרן אַרום די קנאָפּל פון די לאַנגע שוואַרצע שטיוול האָבן אַרויסגעגעבן אַ שאַרפן גרילצנדיקן קלאַנג. יעדן מאָל האָט אַ קלענערער ראַנג סאַלוטירט אַ העכערן מיט אַ גלייכער אייסעצויגנקייט, מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט ביי אַ זייט שטערן, מיט אַ קונציקן קלאַפּ פון די שפּאָרן איינעם אין דעם אַנדערן. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן דעם געזשום פון איינע און די זעלבע ווערטער: „אייער איידל געבוירנקייט." „אייער הויכע געזאָלבטקייט." די פּערל און דימענטן פון די פּרויאישע קעפּ, הענט און העלדזער, האָבן געבלענדט ווי מיט בליצנדיקע רעגנבויגן־קאָלירן. צווישן דעם געדיכטן העל־קאָלירטן עולם האָבן זיך דורכגעפּלאָנטערט פיגורן אין ציווילע שוואַרצע קאָסטיו־מען, און מיט געבויגענע רוקנס הכנעהדיק זיך געגריסט מיט די מיליטער־רישע ראַנגען. אייניקע האָבן אויסגעקוקט ווי נעבעכדיקע קאַרליקעס קעגן די הויכע מאַסיווע קערפּערס מיט הויכע שטאָלצע לייבן־קעפּ. זיי האָבן באַלד נידעריקער זיך געבויגן פאַר די דאַמען, געקושט זייערע אויס־געשטרעקטע פינגער מיט טיפער ווירדיקייט.

ווען איך האָב אָנגעקוקט דעם קאָפּ פון זאַל, האָט די פּעטע גע־קוקט אויף מיר מיט אַן אַרויסרוף־בליק... ווי פון אַ זיכערן זיגער. עס האָט מיר געשטשיפּעט ביים צונג זיך אַ רייץ צו טאָן מיט איר:

— הייסט עס, ווי אַלע יאָר, וועט איר דורכפירן אַזאַ מיליטערישן באַל אין סאַן פראַנציסקאָ—וועגן איך זיך צו איר אין אַ טאָן פון באַשטעטיקונג.

— גאָט באַהיט — כאַפּט זי באַלד אונטער מיט אויפרעגונג אין קול — דעם קומענדיקן ווינטער וועלן מיר אָט־דעם באַל פּראַווען אין פּעטער־גראַד און אין מאָסקווע. אונדזער הייליקע רוסלאַנד וועט צוריק געבענטשט ווערן מיט דער הייליקייט פון אַ נייעם קייסער.

אירע צעפּנטע שמאָלע ליפּן האָט געציטערט מיט בלויקייט, ווי נאַקעטע פליגעלעך פון אַ פריש־אויסגעביקט פייגעלע. די צווייטע דיניקע איז געזעסן אַן איינגעשרומפּענע, ווי אַן איינגעצויגענער יאָזשיק, און פרום געשעפּטשעט: — גאָט באַהיט אונז!

* * *

פיל וואַסערן זיינען אַריבערגעלאָפן זינט יענער צייט. איינמאָל בין איך אָנגעקומען אין אַ נייעם דרעס־שאַפּ אין ברוקלין. מיטאָג־צייט, צווישן די אַרומגעזעצטע, ביי אַ ספּעציעלן עס־טיש, מערסטע דינע יונגע איטאַליענישע מיידלעך, האָט זיך אויסגעטיילט אַ דיקע רונדע פיגור. איר מאַסיווער, שווערער קערפּער אויף דעם הויכן רונדן בענקל, האָט

מיר אַן אימיצן דערמאָנט. ווען זי האָט אויפגעהויבן די אויגן האָבן אונ־זערע בליקן זיך באַגעגנט און זיך אָפּגעשטעלט איינע אויף דער אַנדערע.. מיט אַ פרעגנדיקן אויסדרוק:

— האָסטו געוואוינט אַמאָל אין סאַן פראַנציסקאָ ? — פרעגט זי מיר מיט אַ שאַרפן ר־ר־ר־שיקן אַקצענט. מיר האָבן זיך גלייך דערקענט און זיך אָנגערופן ביי אונזערע נעמען. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ פריידיקע איבעררעשונג וואָס זי האָט מיך נאָכאַמאָל באַגעגנט. אויף מיין פראַגע, ווי זי קומט אַהער? האָט זי מיר גלייך אָנגעהויבן דערציילן מיט אינטימען צוטרוי ווי צו אַן אַלטן פריינט:

אַ סך אומגליקן האָט איר געטראָפן. איר מאַמע און איר מאַן זיינען געשטאָרבן, און זי זיפצט דערביי אַרויס שטיל צווישן די ציין; פאַר צרות געוואָרן אַן אַלקאָהאָליקער און איז פאַרברענט געוואָרן פון דעם שטאַרקן געטראַנק. די טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ זון פון דעם רוסישן אַדל, אַ לאָיער. ער האָט זיך אָבער ריינגעלאָזט אין געוויסע טונקעלע געשעפטן מיט געפעַרלעכע פּערזאָנען און איז נישט געבליבן. זיי וויסן אפילו ניט צי ער לעבט צי ער איז טויט. די טאָכטער איז געבליבן מיט צוויי קינדער, זיינען זיי געקומען קיין ניו־יאָרק צום זון. ער איז געהאַט אַוועקגעפאָרן נאָכן סקאַנדאַל מיט איר טאָכטערס מאַן, און אנשטאָט צו לערנען ווייטער פאַר אַן אינזשעניר, איז ער גאָר געוואָרן אַ טראַק־דרייווער. אָבער דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי שלעכט, ער פאַרדינט גוטע געלט און העלפט אַרויס.

אָבער דער גרעסטער אומגליק האָט איר געטראָפן מיטן זון ! ער האָט זיך דאָ אָנגעשטעקט מיט דער „רויטער פּעסט." ער איז געוואָרן אַ באָלשעוויק — רעדט זי אַרויס אין אַ פּיינלעכן טאָן... „ער לאַכט אָפּ און שילט זיין אייגענעם שטאַם", דערציילט זי ווייטער מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן אין צעוויטיקטן קול — אַז ער האָט אָנגעהויבן צו באַווירקן דער טאָכטער אויך. און ווען די היגע „באָלשעוויקעס" האָבן געפייערט דעם סאָוועטישן יובילייָ, האָט ער געבראַכט אַ פלעשל רוסישן בראָנפן און געטרונקען מיט דער שוועסטער אַ טאָוסט פאַר דער אייביקער סאָוועטן־רוסלאַנד! זי איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. איז ער אַרויסגעלאָפן פון הויז, און עס איז שוין אַ וואָך צייט אַז ער וויזט זיך נישט, און די טאָכטער שפּילט איר אויך אַ ברוגז..

זי האָט אויפגעהויבן אירע קלענער־געוואָרענע טיפע בלויע אויגן. אויף אירע פולע רונדע באַקן האָבן זיך געקייקלט טרערן אין אונטער

דעם שיין פון לעמפּל האָבן זיי אָפּגעגלאַנצט ווי זילבער־טראָפּנס.
כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס אַ שטיקל חוזק... — און איך האָב געמיינט אַז איר זייט שוין לאַנג צוריק אין רוסלאַנד. זי כאַפּט אויף מיר אַ דורכ־דרינגענדיקן בליק. דער פאַר'צער'טער אויסדרוק אויף איר אויסגעפּולטן פּנים ווערט מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. מיט אַ בייזער גרימאַסע רעדט זי אַרויס האַרט און טרוקן: „ווען נישט אייער רוזוועלט, „דאַבל קראָסער", וואָלטן אַלע אונדזערע שוין געווען דאָרטן צוריק, אָבער מיר וועלן נאָך דאָרטן זיין. דער איצטיקער פּרעזידענט איז אַן אונדזעריקער... מיר'ן נאָך זיין!" — רעדט זי אַרויס שנעל מיט האַסט, פּונקט ווי דעמאָלט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש אין סאַן פראַנציסקאָ.

איידער זי הויבט אויף איר שווערן מאַסיוון קערפּער, גיס איך אָן צוויי גלעזער קאָקאַ־קאָלאַ פון דעם פלעשל מיט וועלכן זי האָט מיר גע־וואָלט טראַקטירן. „איך שליס זיך אָן אין דעם סאַלוט פון דיין זון און טאָכטער!" — הייב איך אויף מיין אָנגעפּילטע גלאָז — פאַר די אייביקע זעקס חדשים. זי האָט מיר צוגעוואָרפן אַ פיינטלעכן בליק און ווי אַ שיף צווישן כוואַליעס האָט זיך איר שווערער קערפּער אַוועקגעוויגט איבער דעם לאַנגן, טונקעלן שאַפּ.

ווען שלמה האָט געעפנט די אויגן

(געווידמעט 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע)

עס האָט שוין געגומען טונקלען, ווען דער סקריפּנדיקער פּולער לאַסט־וואָגן מיט וועג־אַרבעטער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ לאַנגער, שמאָ־לער געביידע, צוזאַמענגעקלאַפּט פון רויע ברעטער — די איינציקע געביידע אין דעם וואַלדיקן ישוב. אַ געמיטלעכע שטילקייט האָט זיך איינגע־שטעלט צווישן וואַלד און פעלד. איינס נאָכן אַנדערן האָבן זיך אויסגעלאָשן די בלאַסע פלעמעלעך פון די לעמפּלעך אין דעם לאַנגן נידעריקן באַראַק.

שטיל פון מידקייט פון די צוויי מעת־לעת רייזע, פון ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן, זיינען די ניי געבראַכטע וועג־אַרבעטער אַוועק־געפאַלן אויף די שמאָלע אייזערנע בעטלעך. בלויז דער פאַרמאַן, אַ הויכער, אַ דינער, מיט אַ שאַרפן טרוקן פּנים, איז געבליבן שטיין אויף דעם אויסגעטראָטענעם שמאָלן שטעגל און מיט אַ קליינעם ליכט־

וואַרפֿער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. מיט אַן אָנגעשפּיצטן געהער האָט ער אויפֿגעכאַפּט אַן אָפּהילך פֿון לאַנגזאַמע טריט, און האָט זיך געלאָזט די טריט אַנטקעגן.

— העי, שלמה לעווין! — האָט ער מיט בייזקייט אויסגערופֿן — וואָס וואַנדערסטו אַרום איינער אַליין? אַלע שלאָפֿן שוין.

ער איז צוגעקומען נעענטער צו שלמהן, האָט מיט אַ שטרענגן בליק אים טיף אַריינגעקוקט אין פּנים און איראָניש אים צוגעוואָרפֿן:

— דו מיינסט, אַז מען האָט דיך דאָ געבראַכט צו ציילן שטערן? מאָרגן וועסטו האָבן צו טאָן מיט שטיינער.

דער בחור האָט געגעבן אַ שפּאַן פֿאָראויס און טראַציק, מיט אַ פֿעסטער שטימע אים געענטפֿערט:

— איך האָב ניט קיין מורא.

מיט אַ שטאָלצן גאַנג האָט ער זיך געלאָזט גיין צום באַראַק.

די נייע אויפֿרודערונג האָט אים אַרויסגעשלאָגן פֿון זיין מידקייט. קיין שלאָף האָט אים ניט גענומען. ער איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און וואַכע חושים. ערשט צוויי טעג פֿון זיין נייעם קער אין זיין יונגן לעבן און שוין אָנגעטראָטן אויף שטעכיקע דערנער... נאָכאַמאָל האָט זיך אַ שטעל געטאָן פֿאַר זיינע אויגן יענער פֿרימאָרגן מיט צוויי טעג צוריק, ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ פֿריען באַגינען איבער דער געדיכט באַוואוינטער אַרעמשאַפֿט פֿון ניו־יאָרקער „איסט־סייד." די געגנט איז נאָך געווען איינגעהילט אין נאַכטיקער שטילקייט. שנעל, ווי מורא האָבנדיק אַז עמיצער זאָל דאָס פֿון אים ניט אויסכאַפּן, האָט ער זיך אָוועקגעטראָגן צום וואַסער־ברעג, צו די פֿאַראַנקערטע אָנגעלאָדענע באַרזשעס, צו די לאַנגע רייען לאַסט־וואַגאָנען, דאָרט וואו עס וויברירט די ערלעכע מענטשלעכע מי פֿון קרעפֿטיקע אָרעמס און פֿעסטע פּלייצעס.

עס געדענקט זיך אים יענער אומבאַשטימטער צאַפּל, ווען ער האָט דערזען דאָס הילצערנע שילדל אויף זוים פֿונם פֿאַרמאַכטן טויער: „שטאַרקע מענער פֿאַרלאַנגט." קיין רגע ניט טראַכנטדיק איז ער אינסטינקטיוו אַריינגעצויגן געוואָרן אינעווייניק. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיין דער ערשטער, אָבער ער איז געבליבן געפּלעפֿט ווען ער האָט דערזען די לאַנגע ריי יונגע מענער. ערשט שפּעטער, ווען ער איז שוין געשטאַנען אינמיטן, און נאָך אים האָט זיך געצויגן אַ לאַנג ריי אַזש ביז דעם אַרויסגאַנג, האָט ער פֿון דער זייט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן און אויפֿגעכאַפּט פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע געזיכט־שטריכן. דאָ נעמט

ער ערשט באַמערקן, אַז ביי פיל זיינען די אַרבל אַרויפגעקאַטשעט, ווי זיי וואָלטן וועלן באַווייזן זייערע שטאַרקע מוסקולן. מיט נייגעריקייט האָבן זיינע אויגן געמאָסטן זיינע אייגענע נאַקעטע אָרעמס. אַ געפיל פון זיכערקייט האָט אים אַרומגענומען, ווען ער האָט באַטראַכט זיין פון זון פאַרברוינטע הויט און האַרטן מוסקולן. אַ נייער שטאָלץ האָט זיך אין אים דעמאָלט צעהעלט. איצט פּרוּוווט ער זיך אָנהאַלטן אין יענעם געפיל, ווי ער וואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן די שפּעטערדיקע עדרפאַרונגען. ער פּרובירט איינצושלאָפן, אָבער עס טראַכט זיך פאַרט.

אָט דערזעט ער זיך אין באַן־וואַגאָן צווישן דער אויסגעקליבענער גרופּע „שטאַרקע מענער“. אַלע אַכצן זעצן זיך צוזאַמען. אַ פריידיקע באַרויִשונג באַהערשט אים, וואָס ער, אַ ייִד, איז אויסגעקליבן געוואָרן צו שווערע אַרבעט. ער וויל אויסדריקן זיין געהויבענע שטימונג צו די אַנדערע, אָבער זיין בליק האָט גראַד אָנגעטראָפן אויף צוויי, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים מיט חוזק... איינער, מיט אַ ברייטן געשטופלטן פּנים, און דער צווייטער, מיט הויכע צעוואַקסענע אַקסלען. אַ מאָדנע קעלט איז אים דורכגעגאַנגען. ער האָט דורכגעפירט די בליקן צו די אַנדערע, אייניקע זיינען געזעסן פאַרטראַכט און געקוקט אין דער לופטן אַריין. אַנדערע האָבן אים געענטפערט מיט אַ שמייכל. די צוויי מיט די חוזק־בליקן האָבן זיך צערעדט אין דער רוסישער שפּראַך, מיט בליציקע וויצן און אַלע מאָל אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער. ער האָט אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ, ווי ער זאָל ניט הערן... אָבער מיטאַמאָל האָט דער געשטופלטער זיך געווענדעט צו אים אין פּויליש:

— ווי קומט אַ ייִד זיך צו נעמען צו אַזאַ שווערע אַרבעט, ווי ברוי־קירן גאַסן? פאַרוואָס עפנסטו ניט אַ געשעפט? אַ באַנק? דו ביזט נאָך אַזוי יונג, דו קענסט דאָך שנעל רייך ווערן?

— דו האָסט טאַקע שטאַרקע אָרעמס? — האָט דער צווייטער מיט לאַטווישן אַקצענט, אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און געפּרוּווט אַ טאַפּ טאָן זיינע מוסקולן.

אַ גליק וואָס דער ערנסט־פאַרטראַכטער פינלענדער מיט אַ ברייטן רויטן שראַם אויפן שטערן, האָט מיט אַ שאַרפן דראָענדיקן בליק אַוועק־געריסן יענעמס האַנט. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט דאַן געפילט, ווי זיין אַרויפגעצויגענע גלייכגילטיקייט ווערט אַנטרונען: ער וואָלט געוויס איופגעהויבן די האַנט אויפן אַנטיסעמיטישן לאַטיש. ער האָט אפילו איצט מורא אַ טראַכט צו טאָן, וואָס עס וואָלט אַרויסגעקומען פון אַזאַ

געשלעג... אַ געשלעג צווישן אַרבעטער... דער טיוול זאָל עס נעמען! און היינט ביים אָונט־מאָלצייט האָט זיך ווידער געהויבן זיין האַנט אַראָפּ־צולאָזן אַ פּליאַסק דעם געשטופּלטן פּאַליאַק מיט די כיטרע אויגעלעך, ווען ער האָט אַלעמאָל אַריינגעקוקט אין זיין טלער און געשטוכעט זיין שכן ער זאָל זען ווי ער טיילט אויס די שטיקלעך חזיר־שמאַלץ פון די פּרעזערווירטע בעבלעך. דער פאַרשווין האָט אויסגעשאָסן מיט אַ גע־לעכטער אים אין פּנים אַריין. און ווידער איז דער פינלענדער מיט דעם שראָם געווען אויף דער וואַך און האָט אויף דעם געשטופּלטן פּאַליאַק אַ געשריי געטאָן: — פאַרמאַך שוין אַמאָל דיין פּיסק! און מיט דעם פינגער אים אַ סטראַשע געטאָן... און כדי איינצוהאַלטן זיין אויפ־געברויזטן כעס, האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון דעם באַראַק און אַרומ־געבלאָנקעט אין וואַלד און פעלד, וואו ער האָט געוואָלט פאַנאַנדער־פּלאָנטערן זיינע צעטומלעניש און קומען צו אַ טאָלק, ווי אַזוי ער זאָל פּאַרט האַנדלען קעגן אַזעלכע אַנטיסעמיטישע באַנעמונגען.

ער דערמאָנט זיך מיטאַמאָל זיין קרוב'ס איינטענהן מיט אים:

פאָלג מיך, שלמה, איין שוואַלב ברענגט ניט קיין פרילינג; נעם זיך בעסער צו ביזנעס, זיי נישט קיין עקשן...

און ער האָט באַגריפן אַז זיין קרוב וועט שוין קיינמאָל נישט פאַרשטיין זיין עקשנות. נאָך אין דער ישיבה, ווען ער האָט געקראָגן די ערשטע „געהיימע ביכלעך" האָט ער שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז בלויז דורך שווערער אַרבעט וועלן יידן איבערצייגן די שונאים, אַז זיי זיינען נישט קיין פּאַראַזיטן... וואָס ווייטער איז ער מער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די גאַנצע יידישע יוגנט דאַרף זיך אַריינוואַרפן אין אַלגעמיינער פיזישער אַרבעט. עס איז ביי אים געוואָרן ווי אַ מין לעבנס־אויפגאַבע צו איבערצייגן זיינע אייגענע פּאַרטיי־חברים, אַז דאָס וועט זיין דער בעסטער מיטל צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטישן סם אין די אַרבעטער רייען.

— פון „טעאָריע צו פּראַקטיק" איז געווען זיין לאָזונג ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע חברים און אַוועק אין דאָרף צו זיין פעטער צו לערנען זיך ערד־אַרבעט אויף זיין אַרענדע. ניט אַזוי גרינג איז עס אים אָנגעקומען. די מאַמע האָט געמאַכט געוואַלדן, אַז אין אַלע דורות זיינען אין איר משפּחה געווען בלויז רבנים און סוחרים. און ער, איר בכור, מיטן רבנישן קאָפּ, וויל גאָר פאַרשעמען די גאַנצע משפּחה...

דער טאַטע, דער פרומער שוחט, האָט מיט פאַרביסענע ליפּן שטיל

געשעפטשעס: — איידער זיך שמדן, זאָל ער שוין בעסער גראָבן די ערד. ער האָט שנעל דערלערנט ווי אומצוגיין מיטן אַקער. די פויערים פלעגן אים מאַכן קאָמפּלימענטן, אַז זיין אַרבעט איז ניט ווי פון אַ יידן. „און אפשר האָט זיין מאַמע געזינדיקט"... פלעגן זיי זיך וויצלען. אָבער די מאַמע האָט זיך שפּעטער געבעטן ביי אים: זאָל ער שוין בעסער פאָרן קיין אַמעריקע צו טאָן דאָרטן וואָס ער וויל, אַבי די שאַנדע זאָל ניט זיין אַזוי נאָענט.

אַ נייע זאָרג באַפאַלט אים מיט אַמאָל: אויב ער וועט זיך ניט אויס־שלאָפן, וועט ער נאָך דורכפאַלן אין אָט דער נייער אַרבעט... מאָרגן איז דאָך זיין יום הדין. מער ניט טראַכטן, מאַכט ער אָפּ ביי זיך אין געדאַנק. אין פענצטער לעבן זיין בעטל האָט אַריינגעשיינט אַ בלאָע לבנה־ליכט...

גאַנץ פרי נאָך מיט שלאָף אויף די וויעס, איז שלמה דער ערשטער אַרויס פון באַראַק. ער איז אַרויס מיט אימפּעט, ווי ער זאָל עפּעס ניט פאַרשפּעטיקן. אַרום איז נאָך געווען האַלב טונקל. בלויע שטיקער וואָלקנס זיינען געהאַנגען איבער די בערג. אין דעם גרויען טאָג־ליכט האָט ער דערזען אַנטקעגן לעבן אַן אויסגעטראָטענעם וועג, הורבעס זאַמד, שטיינדלעך, שווערע זעק צעמענט. אויף ליידיקע טאַטשקעס זיינען גע־לעגן אַלערליי גראַב מכשירים מיט שאַרפע שפּיצן... מיט קינדערשער נייגעריקייט האָט ער יעדן שטיקל באַטאַפּט מיט דער האַנט.

אין באַראַק האָט זיך אָנגעהויבן רודערן. אַ טעמפּער קלאַנג פון גלעקל האָט גערופן צו פרישטיק. אַ מאָדנער געפיל האָט זיך אויסגע־דריקט אויף שלמהס פנים ווען דער פינלענדער האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן אים.— ער האַלט מיך פאַר אַ „צוציק" — האָט ער וויטאַגדיק אַ טראַכט געטאָן. ער האָט אויפגעכאַפּט אַ פּאָר חוזק־בליקן פון אַנדערע אין דער ריכטונג צום פּאָלאַק און דעם לאַטיש, וועלכע האָבן ביים טיש אויך זיך געהאַלטן צוזאַמען:

אַ רוף פון אַ פּאָליצײ־פייפל, אַלע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איב־דרויסן און זיך אויסגעשטעלט לעבן דעם פאָרמאַן. ער האָט אָנגעהויבן אויסטיילן די מכשירים צו געוויסער אַרבעט, אַ פּאָר ביי דעם פלאַכן ברייטן קאַסטן צו צעמישן די געדיכטע ליימענע לאַווע, אַ פּאָר ביי דעם קעסל צו צעשמעלצן די סמאָלע. עטלעכע האָט ער געגעבן שפּיציקע גראַבאייזנס אויף אויפצוררייסן די ערד; אַ פּאָר האָט ער אָנגעוויזן צו נעמען די ליידיקע טאַטשקעס און זיי אָנפילן מיט זאַמד און שטיינער. ווען דעם פאָרמאַנס בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שלמהן, האָט ער אים גע־

געבן אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער זאָל ערשט דערזען זיין ברוין ענערגישן פנים, זיין געדיכטע שוואַרצע טשופּרינע און זיינע ברייטע פעסטע פּלייצעס. שלמה האָט אים צוגעוואָרפן אַן אַרויסרוף־בליק. מיט אַ זויערע מינע האָט דער פאַרמאַן לאַנגזאַם אַוועקגענומען פון אים די אויגן און אים אָנגעוויזן צו נעמען אַ טאַטשקע.

— וועסט פירן די שטיינדלעך — האָט ער אַ מורמל געטאָן אין זיין דרומדיקן אַקצענט.

אַלעמענס אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט שלמהס אָנגעפילטע טאַטשקע. מען האָט זיך איבערגעקוקט מיט וואונדער, ווי דאָס פאַדערשטע רעדל דרייט זיך ביי אים אין אַ גלייכער ליניע, און ווי ער אַליין שפּאַנט אַזאַ גלייכער, און ווי פעסט זיינע אָרעמס זיינען איינגעשטייפט אויף די הענטלעך פון דער טאַטשקע.

— דער יונג אַרבעט, ניט נאָר מיט כוח, נאָר אויך מיט שכל — האָט דער פינלענדער זיך געווענדעט צום בלאָנדן שוועד, זיין מיטאַרבעטער.

— איז ער טאַקע אַ ייד? — האָט דער שוועד ווי זיך אַליין געפרעגט, קוקנדיק אויף שלמהס רואיקן פנים.

פינף שעה שפּעטער האָט זיך דערהערט דאָס גלעקל צום מיטאָג. מיט הונגעריקער געאיילטקייט האָט מען זיך געלאָזט צום באַראַק. שלמה איז נאָכגעגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט און מיט אַ אָפּערטראַכן שטערן, ווי זיין טבע איז געווען.

מיטאָמאָל האָט די גאַנצע גרופּע זיך אָפּגעשטעלט צו וואַרטן אויף אים, בלויז דער געשטופּלטער פּאָליאַק און דער ברייט־פּלייציקער לאַטיש האָבן אָנגעהאַלטן דעם גאַנג.

טאָני, אַ פריילעכער איטאַליענער האָט שלמהן אַ גלעט געטאָן איבער דער פּלייצע און אים אַריינגענומען אין מיטן. אָבער דער פאַרמאַן האָט כסדר אויסגעמיטן אַ קוק צו טאָן שלמהן אין פנים אַריין. ווען ער האָט אים געדאַרפט בייטן די אַרבעט, האָט ער מיט אַ ברוגזן פנים אים אָנגעוויזן וואָס צו טאָן.

טעג זיינען פאַראיבער, אָבער אונטער דער לאַסט פון שווערער פּראַצע האָבן זיי זיך לאַנגזאַם געצויגן. איידער מען איז נאָך פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אָוונט־מאָלצייט, איז די זון שוין געווען טיף אונטער די וואַלדיקע בערג. שלמה פלעגט נאָך פאַרכאַפּן אַרויפצוקוקן אויף די גאָלד־באַגאָסענע שפּיצן פון די בערג־ביימער. מידע, אויסגעשעפּטע, פון אַ לאַנג טאָג אַרבעט, פלעגט מען זיך אַרונטערלאָזן אויף דעם פייכטן

גראָז לעבן באַראַק, אָבער נאָך דעם ערשטן אויסטויש פון ווערטער, זיינען קעפ אַרונטערגעזונקען אין אַ שווערן פאַרמאַטערטן שלאָף, אויף די שמאָלע האַרטע געלעגערס. שלמהן האָט זיך גראַד געוואָלט שפּאַצירן אָבער די מידקייט האָט אים אויך גובר געווען און מיט אַ נאָגנדיקן געפיל פלעגט ער זיך איבערגעבן דעם האַרטן שלאָף.

יעדן טאָג אין אַן אומבאַשטימטער צייט פלעגט צופאָרן אַ גרויער אויטאָמאָביל, וועלכן מר. עדן, דער פאַרמאַן, פלעגט לויפן אַנטקעגן. עס פלעגט אַרויסשטייגן דער קאָנטראַקטאָר, אַ מיטל־וואוקסיקער מיט אַן איבערגעלייגטן רויטן קאַרק, אַ שמאַלציקן פּנים און קליינע פאַרגאָ־סענע אויגעלעך. דער פאַרמאַן פלעגט מיט אונטערטעניקייט אַרומ־שפּרייזן ביים זוים פון יעדן נייעם אויסגעפּלאַסטערטן שטח, און דערנאָך געבליבן שטיין און מיט אַנגעשטעלטע בליקן מעסטן יעדן איינעמס באַ־וועגונג ביי דער אַרבעט. די אַרבעטער פלעגן זיך דאַן פילן דענערווירט, ווי פון אַרומגעפאַדעטע גיפטיקע בינען.

אין אַ שבת נאָכמיטאג איז מיט מר. קראָסבין, דעם קאָנטראַקטאָר, אַרויסגעשטיגן אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ דינער, מיט אַ בלאַסן פּנים און איינגעפאַלענער ברוסט. דער פאַרמאַן האָט אים צוגעפירט צו שׂמחהן און פאַרגעשטעלט:

— דאָס איז דער יונגער מר. שעפּ, דער זון פון דעם יידישן שותּף פון מר. קראָסבי. ער וויל זיך באַקענען מיט דיר. שלמה האָט אים אָנגעקוקט מיט צעטומלטקייט און אָנגעהאַלטן דאָס מישן די געדיכטע לאָווע מיט אַן אייזערנער קאַטשערע.

— דו מעגסט אָפּשטעלן די אַרבעט און זיך דורכריידן מיט מר. שעפּן — האָט דער פאַרמאַן פלוצלונג אַרויסגעוויזן אַ ניט באַקאַנטע איידלקייט, און זיי געלאָזט אַליין. אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע געשוויגן. שלמה האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם פון מר. שעפּס איינגעשטאָכענע אויגן אויף אים.

— איר ווילט עפּעס פרעגן? — האָט שלמה דער ערשטער אָנגעהויבן. דער יונגערמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי פון טיפער פאַרטראַכטקייט.

— אָ, יאָ, מר. קראָסבי, און מר. עדן, האָט אונדז דערציילט פון אייך. בין איך געקומען אייך איינלאַדן. עס איז מאָדנע: אַ יידישער בחור אַליין אין דער פרעמד צווישן ניט־יידן, און איר קומט ניט זיך באַקענען מיט די עטלעכע יידן אין שטעטל. אין דעם מאָמענט האָט קאַזימיר, דער געשטופּלטער פּאָליאַק, דורכגעפירט אַ פולע טאַטשקע מיט צעפּירטער

לאָוע. ער האָט ווי אומגערן זיך אַ בייג געטאָן און פּלאַכטעס ליים זיינען אַרויסגעפאַלן אויף דעם יונגנמאַנס ווייסע שיך און העלע הויזן. מר. שעפּ האָט געגעבן אַ שפּרונג אָפּ מיט אַ בייזן אויסדריק. זיי זיינען ביידע אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט. ביידע אַנטיסעמיטן, קאַזמיר מיטן לאַטיש, האָבן זיך איבערגעוואונקען און זיך געשטיקט פון געלעכטער.

— ווי קומט איר אָהער צווישן אָט־דעם כאַמולישן עלעמענט? — האָט מר. שעפּ אַ פרעג געטאָן מיט פאַראַכטונג, און דערביי געכאַפּט אַ קוק אויף זיינע באַשפּריצטע שיך און אַנצוג. שלמה האָט אים באַטראַכט און בייסקי אַרויסגערעדט:

— אָט־דער „כאַמולישער” עלעמענט פלאַססערט אויס ברייטע, גלאַטע וועגן פאַר אייער אויטאָמאָביל... שלמה איז גלייך געבליבן שטיל, ווען ער האָט דערזען ווי שעפּס פּנים באַגיסט זיך מיט אַ קרענקלעכער רויטקייט, ווי ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און שטיל גערעדט, ווי צו זיך אַליין:

— ניין, איר קוקט ניט אויס צו באַלאַנגען אין דער סביבה און ניט צו דער דאָזיקער אַרבעט. איר קוקט דאָך אויס צו זיין אַ געבילדעטער בחור.

אָבער שאַרף און בייסיק האָט שלמה אים גלייך באַצאָלט:

— איך בין שטאָלץ מיט מיין אַרבעט; איך האָב דאָס אַליין אויסגעקליבן. אַנטשולדיקט, איך דאַרף צוריקגיין צו מיין אַרבעט. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן פאַראויס, אָבער גלייך דערפילט ווי צו געבן אים אַ שפּילקע. ער האָט זיך צוריק אַ קער געטאָן צו אים און געפרעגט איראָניש אין יידיש:

— מר. שעפּ, קומט אייער טאַטע ניט אַרויס פון די סלאָוויטער שאַפּיראָס?

— איך ווייס ניט וואָס איר מיינט.

— איך מיין, אַז אייער נאָמען „שעפּ” איז מסתמא פאַרקירצט פון שאַפּיראָ... ער האָט אים צוגעוואָרפן אַ חוזק־שמייכל און אָוועקגעשפּרייזט.

ביים טיש האָבן אַלע באַמערקט שלמהס פאַרוואָלקנדיקן פּנים און אַ ווייטע פאַרטראַגנקייט. די באַגעגעניש מיט דעם מר. שעפּ האָט אים אַנגערירט נאָך גאָר אַ פרישע וואונד... אָבער גלייך האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן וואָס ער איז דעם דאָזיקן יונגן מענטשן, וואָס האָט גראָד געוואָלט זיין צו אים פריינטלעך, אַזוי אומגעלומפּערט באַפאַלן...

פאַרן שלאָפן האָט שלמה, ווי יעדן, אָוונט, זיך צוגעזעצט אַ ווילע

לעבן דעם אַלטן שומר סטיוו. אין דער קורצער צייט האָבן זיי זיך נאָענט באַפריינדעט און אָפט געשמועסט.

סטיוו איז געווען אַן אַלטער תושב אין שטעטל. ער האָט גוט גע־קענט די קליינע יידישע געמיינדע, און ווען שלמה האָט אים געפרעגט וועגן דער משפחה שעפּ, ווייל ער האָט פאַר יאָרן לאַנג געדינט ביי שעפּן ווי אַ גערטנער און אַן אַלגעמיינער משרת, האָט ער אים איבערגעגעבן, אַז דער אַלטער מר. שעפּ פאַרמאָגט די גרעסטע קראָם, די איינציקע אין שטעטל, פון פאַרם־ און וועג־בוי מכשירים, און ער האָט שוין אָפּגע־שפּאָרט עטלעכע גאַסן הייזער און אַ גאַנצע רייע קראָמען. אָבער קיין מזל אין זיין פאַמיליע־לעבן האָט ער ניט, האָט סטיוו ווי מיטגעפילט — זיין ווייב איז פאַראַליזירט אויף ביידע פיס. זי רוקט זיך אין הויז אין אַ רעדל־שטול, און דער איינציקער זון, וועמען זיין אַלטע מוטער האָט אויפגעצויגן, האָט זיך אונטער איר איינפלוס גענומען לערנען פאַר ראַבינער אין אַ ווייטער גרויסער שטאָט. אָבער עס האָט זיך אין אים אָפּגערופן שווערע קינדערשע אַסטמע. איצט דרייט ער זיך אַרום אין זיין פאָטערס געשעפט, כאָטש ער איז צו קראַנק עפּעס צו טאָן. מען דערציילט אויך וועגן אים, אַז ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ פולן צימער מיט ביכער און שטענדיק לייענט ער.

סטיוו האָט אים אויך איבערגעגעבן, אַז די אַנדערע צוועלף יידישע פאַמיליעס אין שטעטל פאַרמאָגן קראָמען און זיינען זייער רייך. און כאָטש זיי גיבן צדקה פאַרן קלויסטער און אַלע אַנדערע קריסטלעכע אינסטיטוציעס, און באַטייליקן זיך אפילו אין די קריסטלעכע לוויות, האָט מען זיי דאָרטן ניט ליב...

סטיוו איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט אַז ער האָט שוין צופיל דערציילט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, קענטיק אַז ער האָט וועגן עפּעס דורכגעטראַכט, האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף שלמהס אַקסל און שטיל אַרויסגעשעפּטשעט: — יאָ, איך בין זיכער אַז דו ביזט אַן ערלעכער, גוטער בחור און איך מעג עס דיר דערציילן, טאָ וויס־זשע: מר. עדן, דער פאַרמאַן, האָט דיך אויך פיינט, ווי אַלע יידן אין שטעטל. ער וואָלט דיך באַלד געוואָרן אָוועקגעשיקט פון דאַנען מיט דעם תירוץ, אַז דו טויגסט ניט צו דער אַרבעט. האָט אָבער מר. קראָסבי, דער קאָנטראַקטאָר, באַמערקט דיין אַרבעט און יעדעס מאָל וואָס ער קומט, האַלט ער דיך אין איין לויבן; און קראָסבי איז אויך אַ גוטער ברודער מיט שעפּן, זיי טוען צוזאַמען ביזנעס. אויך אונזער

פּאַרמאַן האָט אַ סך טובות פון מר. שעפן. דו פאַרשטייסט? ער וואָרגט זיך איצט מיט דיר.

סטיוו האָט געוואָרפן אַ גלעטנדיקן בליק אויף שלמהן און צעגע־געבן: — איך דענק אַז ער האָט דיך נאָך מער פיינט פאַר דעם וואָס דו האָלסט זיך שטאַלץ קעגן אים. דו לעקסט זיך ניט אונטער. אָבער גוט אַזוי, מיין ייִנגל, איך האָב דיך ליב דערפאַר. מיין מאַמע — האָט ער אין אַ וויכן טאָן גערעדט ווי צו זיך אַליין — איז געווען פון צפון, מיט ליבעראַלע אידייען. דאָרט האָט מען שטאַרק פיינט געהאַט די דרומדיקע גרויסהאַלטונג און זייער ברוטאַלער חוצפּה, איבערהויפּט צו די נעגערן. זי האָט מיך געלערנט צו זיין מענטשלעך. איך בין גענוג צרות אויס־געשטאַנען. „רעבעל״ האָט מען מיך גערופן. איצט בין איך שוין צו אַלט. איך קוק און שווייג.— עס האָט זיך געפילט אַ טיפער טרויער אין זיין קול.

* * *

יעדן זונטיק נאָכמיטאָג פלעגט סטיוו דער שומר אין דעם לאַסט־וואָגן זיי אָפּפירן אונטערן וואַלד צום טייכל, וואו זיי פלעגן זיך אויס־באָדן און רוען דעם צווייטן האַלבן טאָג. מען איז שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו אָן איינגעטשעלטער רוטין: זיך אויסציען אויפן גראָז אין אַ קרייז און זיך דערציילן מעשיות און וויצן פון אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבנס־שטייגער. שלמה האָט אַלעמאָל געדאַרפט זיין דער וואָס האָט געדאַרפט אָנהויבן. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט די דאָזיקע גייסטיקע אונטערהאַלטונג. וועגן קיין ערנסטעס, ווי די פאַר־ביטערונג וואָס האָט זיך אָנגעקליבן יעדן טאָג אַלץ מער, האָט מען ניט געקענט רעדן, ווייל סטיוו דער שומר האָט ניט געטאָרט אָפּטרעטן פון זיי אויף אַ מינוט. שלמה פלעגט פאַר זיי לייענען וואַלט וויטמאַנס לידער. די וועלכע האָבן שוין געקענט אַ בעסערן ענגליש, האָבן איבערגעגעבן דעם אינהאַלט צו די אַנדערע אויף זייער אייגענעם לשון. איבערהויפּט איז מען געווען גערן צו הערן שלמהס מעשהלעך וועגן די נביאים און ביבלישן פאָלקלאָר.

דעם זונטיק האָט זיך שלמה אַרויסגעדרייט, ווי אונטער דער האַנט ניט געבליבן. שלמה האָט איצט געוואָלט זיין מיט זיך אַליין צו מאַכן אַ טאָלק אין זיינע נייע פאַרפלאָנטערטע געדאַנקען. ער האָט געשפּרייזט ביים זוים פון וואַלד. די רואיקע געמיטלעכקייט פון דעם וואַלדיקן אַרום האָט אים איינגאַנצן פאַרשלונגען. ס'איז אים מיטאַמאָל געבליבן אַן אויסגעליידיקטער מוח. בלויז איין שטיקל אָפּגעריסענער געדאַנק האָט

זיך געפּלאָנטערט אין אים ווי אַן עכאָ: די רייד פון זיין קרוב — פּאָלג מיך, שלמה, טרייסל זיך אָפּ פון דיינע פאַנטאַזיעס; איין שוואַלב ברענגט נים קיין פרילינג.

ער איז אַריין אַביסל טיפער אין וואַלד, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ליגנדיקן שטאַם פון אַ בוים. אַ מילדער זומער־ווינטל האָט געלעקט זיינע געדיכטע האָר אויפן קאָפּ. די שמעקנדיקע ריחות פון די וואַלד־רויזן, די זאַפטיקע ליכטלעך אויף די שפּיצן פון די נאָדל־ביימער האָבן אים ווי פאַרשיכורט. דער נאַגנדיקער אומעט און צווייפל איז מיטאַמאָל אַנטרונען. אַן אנגענעמע מידקייט האָט אים אַרומגענומען. עס האָט זיך אים געוואָלט איינדרימלען. פּלוצים האָט אַ שאָרכן פון ברעכנדיקע צווייגלעך פון אונטער שווערע טריט אים אויפגעוועקט. ער האָט אויפּ־געהויבן די אויגן: ערשט עס איז קאַרזאָן, דער פינלענדער. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט שמייכלענדיקע בליקן.

—זיי זיינען אַלע אַוועק צום טייכל און מיך האָט מען באַשטימט צו בלייבן מיט דיר , האָט קאַרזאָן אים געגעבן די דערקלערונג, ווי אַן אַנטשולדיקונג וואָס ער איז אים נאָכגעגאַנגען. אַ ווײַלע זיינען זיי געזעסן פאַרטראַכט און געשוויגן. קענטיק אַז יעדער האָט געוואַרט אַז דער צווייטער זאָל אָנפאַנגען רעדן. קאַרזאָן, וועלכער איז שוין געווען אַריבער די דרייסיקער און אַ היבש דורכגעמאַכטער און דערפאַרנער מענטש, האָט אַ קער געטאָן זיין פּנים צו שלמהן און אַרויסגעזאָגט אין אַ ווייכן קול:

—הער זיך איין, ברודערל! איך האָב דיך די גאַנצע צייט ניט געפרעגט וואָס עס האָט דיך געבראַכט אַהער צו אָט־דער אַרבעט. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס איז ביי דיר אַן אידייע־זאַך, אַ געוויסע מיסיע. ווייל מיט דיין אינטעליגענץ קענסטו קריגן אַ גרינגערע און אינטערעסאַנטערע אַרבעט. דו ביסט אָבער נאָך יונג און נאַאיוו און דאַרפסט זיין אויף דער וואָך, אַז דו זאָלסט זיך ניט לאָזן צעברעכן און ניט פאַרלירן קיין מוט. מיט אידייען דאַרף מען זיך לאָזן פאַרהאַרטעווען

ער האָט דערזען אַ טרויעריקן וואָלקן, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אויף שלמהס פּנים און זיך געפילט גערירט. נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ פעסטן טאָן:

שלמה, איך פיל אַז איך קען זיך פאַר דיר פאַרטרויען. איך וועל דיר דערציילן ווער איך בין. דו זעסט אָט דעם שראַם אויף מיין שטערן? דאָס איז געבליבן פון פאַליציאַישע קלאַפּס, פון סטרייקן נאָך פון דער אַלטער היים. אַ פאַרבלוטיקטן האָט מען מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ טורמע־

קעמערל. איך האָב געמוזט זיין אַ גיבור, אַז איך בין לעבעדיק געבליבן. אַ גאַנצע נאַכט האָט געשטראָמט פון מיר דאָס בלוט, ביז דאָס צענומענע ריטשקעלע איז פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס איז שוין געבליבן אויף מיין גאַנץ לעבן אַ „קלאַסן־פּאָרטרעט.‟ און אַזוי פאַר פילע יאָרן פון ביטערע קאַמפן, טורמע, קלעפּ. מיין קאָפּ איז שוין געווען געפּרייזט אין די הונדערטער. מיינע חברים האָבן מיך געצוואונגען אַפּצוטרעטן, איידער איך פאַרליר אים. און אַט בין איך דאָ, אפשר אויך מיט אַ מיסיע און געטריבן דורך אייגענער נויט.

די דאָזיקע ווערטער האָבן שלמהן איינגאַנצן צענומען. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ טיפע חרטה וואָס ער האָט זיך איינגערעדט אַז קאַרזאָן האַלט אים נאָר בלויז פאַר אַן עמאַציאַנעלן יינגל און זיך דערפאַר געהאַלטן פון פון אים פונווייטן. כאָטש אין געוויסע מאָמענטן האָט ער געגאַרט נאָך אַ נאָענטן מענטשן מיט וועמען ער זאָל זיך קענען טיילן מיט נייע פריידן, און אַלטע צווייפלען... ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ טיפע נאָענטקייט צו קאַרזאָנען. ער האָט אויך פאַר אים געעפנט זיין האַרץ: וועגן זיינע זוכענישן, צו לייזונג, אַראָפּצונעמען דעם בלבול אַז יידן זיינען אַ פאָלק בלויז פון האַנדל און וואַנדל. דאָרט אין דער אַלטער היים האָט מען ניט צוגעלאָזט, אָבער דאָ אין פרייען לאַנד דאַרף מען באַווייזן דעם כוח, אַז יידן זיינען ניט קיין פוילענצער. ער האָט אים אויך דערציילט פון די טראַדיציאָנעלע שטערונגען, וואָס ער האָט געהאַט אין דער היים, און די אַנטוישונג פון דער באַגעגעניש מיט דעם יידן פון שטעטל.

קאַרזאָן האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף שלמהן מיט אַ פריידיקן גלאַנץ אין די אויגן און געשלונגען יעדן וואָרט זיינעם. ער האָט זיך צוגערוקט צו אים נעענטער, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף זיין אַקסל:

— ברודער שלמה — האָט זיך קאַרזאָן אָנגערופן אין אַ צאַרטן טאָן:

— דיר אויפקלערן וועגן דיינע אַנטוישונגען און צווייפלען איז ניט אַזוי פשוט. דו וועסט דאָס שוין דאַרפן דערלערנען אויף דעם שייד־וועג, צווישן קלאַס און פאָלק. און אין גאַנג פון יאָרן און דערפאַרונג וועסטו זיך אויך אויסלערנען וואו צו זיין געדולדיק און וואו צו ווערן אויפגעברויזט מיט האַס און צאָרן. אָבער ווי עס זעט אויס, שלמה, זעסטו ניט די ווירקלעכקייט וואָס עס טוט זיך דאָ ביי אונז אונטערן נאָז. דו זעסט ניט אַז מיר זיינען דאָ אַרעסטאַנטן. מיר אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג בלויז פאַר דעם עסן און פאַר דעם געלעגער, און פון דעם דאָזיקן עסן

קוקן מיר שוין אויס ווי האַלבע מתים. דריי מאָל אַ טאָג קאָנסערווירטע בעבלעך, איינגעזאַלצענע חזיר־שמאַלץ, מאָגערע געטרוקנטע פיש. אונ־זערע קליידער זיינען אויף אונז לויז געוואָרן. די אַרבעט ווערט יעדן טאָג שווערער. פשוט די כוחות רונען אויס. דו פרעגסט זיך אפילו ניט ווארום דו אַליין ביזט אויסגעמאָגערט געוואָרן. מיר קריגן בלויז אַ דאָלער אַ וואָך, אויף אַ טרונק אין שטעטל און טאַבאַק פאַר אַ גאַנצער וואָך. דער פאַרמאַן זאָגט אונז צו יעדן שבת אַז מען וועט אונז אויסצאָלן די שכירות מיטאַמאָל. איך וויס אָבער, אַז דאָס איז גענאַרט.. די אַלע אַנדערע האָבן דאָס שוין איינגעזען, די פאַרביטערונג וואַקסט... עס ווייזט אויס, טוען די קאָמפּאַניס שטענדיק אַזוי. זיי קלייבן אויף די גרינע אין די מזרח־שטאַטן און מען שיקט זיי אַוועק אין דעם ווייטן דרום ; ווייט פון אייגענע און לאַנדלייט, פון אַלע פרעמד־שפּראַכיקע צייטונגען, אין וועל־כע ס'איז באַשריבן גאַנצע פּלאַכטעס וועגן די גליקן וואָס די גרינע וועלן אַריינכאַפּן ביי ברוקירן די וועגן. מיר זיינען דאָ אַריינגעכאַפּטע שקלאַפּן... שלמה, איך טראַכט יעדן טאָג, אַז איך זאָל זיך מיט דיר דורכריידן וועגן דעם. עפּעס דאַרף געטאָן ווערן, און דאָס מוז פאַלן אויף אונז ביידע.

שלמה האָט זיך אַריינגעטאָן אין קאַרזאַנס רייד מיט זיין גאַנצן וועזן. ערשט איצט האָט ער דערפילט, ווי פאַרכאַפּט ער איז געווען די גאַנצע צייט, פון דעם דערפאָלג פון זיין אַרבעט. און ווי טיף עס האָט אים געפּרייט יעדער צוגעקומענער געפּלאַסטערטער שטיק שטח. ווי שטאָלץ ער איז געווען, וואָס זיינע הענט האָבן אויך אַ חלק אין דעם. ווי ער פלעגט מיט די אויגן צערטלען יעדן נייעם שטיקל גאַנצנדיקע גלאַטקייט, ווי עס וואָלט בלייבן זיין אייגנס. זיי זיינען לאַנג געזעסן און אַרומגערעדט די גאַנצע לאַגע.

דורך דער וואָך האָט קאַרזאָן און שלמה אויסגענוצט יעדן גינסטיקן מאָמענט און זיך דורכגערעדט מיט יעדן איינציקן, מיטן אויסנאַם פון די צוויי פאַרקאָרענירטע אַנטיסעמיטן, קאַזימיר און דער לאַטיש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די אַלע אַנדערע היטן זיך אויך פאַר די דאָזיקע צוויי, און מען האָט זיי היבשלעך פיינט. יעדער איינער האָט זיך אַראָפּ־געערעדט פון האַרצן, וועגן דער פאַרביטערונג וואָס זיי טראָגן אין זיך, פון די האַרץ־רייסנדיקע בריוו פון זייערע אייגענע, ווי זיי וואַרטן און קוקן אַרויס אויף זייער הילף.

זונטאָג איז מען ווי אַלעמאָל אַרויסגעפאָרן צום טייכל. סטיוו האָט שוין געוואוסט צו וואָס מען גרייט זיך, און אָפּגערעדט מיט שלמהן, אַז

ער זאָל אים רופן אויף אַ שפּאַציר, אַז עס זאָל אַרויסקומען, אַז ער, סטיוו, איז ניט געווען דערביי ווען קאַרזאָן וועט אויפקלערן די אַרבעטער וועגן זייער לאַגע און פּלאַן.

שלמה מיט סטיוון האָבן לאַנג אַרומגעוואַנדערט צווישן די בערג.

ווען מען איז געקומען צוריק אין באַראַק, האָט זיך שלמה דער־וואוסט, אַז יעדער איינער האָט געגעבן אַ שבועה ניט צו פאַרראַטן איינעם דעם אַנדערן, און קאַזימירן מיט קוטינען, דעם פּאָליאַק און לאַטיש, איז געגעבן געוואָרן אַ שטרענגע אַנצוהערעניש, אַז מען וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען אויב זיי וועלן עפּעס אַרויסגעבן.

מאָנטאָג אינדערפרי, נאָכן פרישטיק, האָט זיך דערהערט דער קור־צער שאַרפער פייף פון דעם פאָרמאַנס פּאָליציי־פייפל. ווי יעדן אינדער־פרי האָבן אַלע זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן. שלמה האָט דער ערשטער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטאָם פון אַן אָפּגעשניטענעם בוים. די איבעריקע האָבן זיך אַרומגעזעצט, ווער אויף שטאַמען און ווער אויפן גראָז. קאַרזאָן האָט מיט צוויי שטיפטן צוגענעגלט צו אַ בוים אַ באַ־שריבענעם ווייסן בויגן פּאַפּיר און זיך אַוועקגעזעצט צווישן די אַנדערע. אַלעמענס אויגן זיינען געווען אָנגעשטרענגט צום פּלאַץ, וואו דער פאָר־מאַן איז געשטאַנען מיט דעם קאָפּ פאַרריסן צום באַראַק צו. עס האָט זיך דערהערט אַ צווייטער פייף. עס זיינען אַוועק אַ פּאָר מינוטן, מען האָט דערזען דעם פאָרמאַן לויפן ווי אַ חיה. ער איז געבליבן שטיין קעגן דעם פּאַפּיר אויפן בוים. ער האָט עס שנעל דורכגעקוקט און דאָס אַראָפּגעריסן. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו די זיצנדיקע און מיט אַ ריטשנדיק קול אַ געשריי געטאָן:

— איר הינטישע זין! צו דער אַרבעט שנעל! איידער איך שיס אייך אויס איינציקווייז.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן זיינען אַלע געזעסן, ווי פאַרגליווערטע מומיעס. ער האָט אַ רגע געוואַרט. מיט פאַרשטומטן צאָרן האָט ער זיך געלאָזט לויפן צום באַראַק. ער איז אַרויסגעקומען מיט צוויי ביקסן, און איינעם אַריינגערוקט צו סטיוון אין די הענט אַריין.

— נו, צו דער אַרבעט, איידער איך לייג אייך דאָ אַלע אַוועק! —

האָט זיין קול געדעוועט מיט אַ הייזעריקן געוואָי. אינסטינקטיוו האָבן אַלעמענס אויפגעבליצטע אויגן זיך אַ קער געטאָן צו אים. די ביקס האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן ביי אים. ער האָט זי אַרונטערגעלאָזט אויף דער ערד. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קאַנטאָרל פון באַראַק וואו דער

טעלעפאָן איז געהאנגען. מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן. מען איז אַלץ געזעסן באַוועגלאָז אין פחד׳דיקער שטילקייט. דער פאַרמאַן האָט זיך מער ניט געוויזן ביז עס איז צוגעפאָרן דער גראָער אויטאָמאָביל. עס זיינען אַרויסגעשטיגן דריי מענער: דער קאָנטראַקטאָר, אַ שעריף מיט הענט־קייטן אין די הענט, און דער אַלטער מר. שעפּ. זיי זיינען מיט דעם פאַרמאַן אַריין אין קאָנטאָרל לעבן באַראַק. אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי אַלע פיר אַרויסגעקומען. דער קאָנטראַקטאָר האָט געהאַלטן אַ פּעקל פאַרשריבענע פּאַפּירן אין די הענט. מיט אַן אָנשטעל פון גע־לאַסנקייט האָט דער קאָנטראַקטאָר זיך געווענדעט צו די אַרבעטער:

— באַיעס, עמיצער האָט אייך דאָ פאַרפירט, אייך אָנגערעדט צו געפערלעכע זאַכן. איר ווייסט אָבער ניט אַז איר שפּילט זיך מיט פייער. אָט וועל איך פאַר אייך לייענען די קאָנטרקאַטן, וואָס יעדער איינער פון אייך האָט אונטערגעשריבן: אַז איר וועט דאַרפן אָפּאַרבעטן פאַר די רייזע־קאָסטן, אַהער און צוריק קיין ניו־יאָרק; אַרונטער פאַר עסן, פאַר שלאָפן, און פון אייערע שכירות גייט אויך פאַר וואַשן אייערע זאַכן. קיין געשולטע אַרבעטער זענט איר קיינער ניט, אָבער איך צאָל אייך אַ גוטן פּרייז, דריי דאָלער אַ טאָג. אָבער פאַר פינף וואָכן אַרבעט האָט איר אפילו קיין האַלב ניט אָפּגעצאָלט אויף אייער חוב. איך וועל אָבער זיין מיט אייך יושרדיק: איך וועל אַראָפּנעמען ווייניקער אויף אייער חוב און איר וועט קריגן אַ פּאָר דאָלער מזומן. איר וועט אויך קריגן דריי מאָל אַ וואָך פרישע פליישׁ.

ער האָט גענישטערט אין דעם פּאַפּיר מיט די אָנגעשריבענע פאָדע־רונגען, ער האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן איבער אַלעמענס פּנימער. מיט אַ שטעכעדיקן בליק האָבן זיינע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויף שלמהן. ער האָט פאַרגעזעצט:

— די טעג הייבן שוין אָן צו ווערן קלענער. וועט איר שוין סייווי אַרבעטן מיט אַ שעה ווייניקער. און איצט שטעלט מיר פאַר אייער אָנ־פירער, צי ער איז מסכים. זיין קול האָט שוין געקלונגען איראָניש און מיט דראָאונג. ער האָט אַ רגע געוואַרט. קיינער האָט זיך ניט קיין ריר געטאָן.

— איך ווייס אַז איר האָט מורא אַרויסצוגעבן — האָט זיין קול געדונערט.

— איך וועל אייך פרעגן איינציקווייז. — זיין בליק איז באַלד געפאַלן אויף קאַזימיר, דעם געשטופּלטן פּאָליאַק.

— קום מיט מיר — האָט ער אים שטרענג מיטגערופן. מיט אַן

אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט זיך קאַזימיר אויפגעהויבן און אים נאָכגעגאַנגען. אויגן האָבן זיך שטיל איבערגעקוקט, ווערטער האָבן זיך געפלאָכטן דורך שווייגן... עס האָט לאַנג ניט גענומען, דער קאָנטראַקטאָר איז אַרויסגעקומען מיט אַ פאַרפלאַמטן דערצאָרנטן פּנים.

— איך דאַרף זיך שוין מער ניט פרעגן — האָט ער זיך געווענדט צום שעריף. — נעם אָט־די צוויי — אָנווייזנדיק אויף קאַרזאַנען און שלמהן...

— זייביידע וועלן שוין אָפּאַרבעטן זייער חוב אין די „טשיין־גענג״, עס וועט זיי נעמען אַביסל לענגער... — האָט ער מיט געררייצטן געלעכטער זיך געווענדעט צו דעם אַלטן מר. שעפּ. וועלכער האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען זיינען אויגן פון שלמהן. דער שעריף האָט אַ פּאַק געטאָן קאַרזאַנען, און דער פאַרמאַן שלמהן. דער שעריף האָט זיי צוזאַמענגעקייטלט. די צעשראָקענע, דערשטוינטע בליקן פון די איבעריקע זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף די צוויי מיט די קייטן אויף די הענט. דער שעריף האָט זיי ביידן אַ שלעפּ געטאָן. אַלע זיצנדיקע האָבן מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ שטעל אויף.

— האַלט, איך וועל באַצאָלן דעם חוב פאַר דעם בחור לעווין, לאָז אים פריי — האָט דער אַלטער מר. שעפּ אַ געשריי געטאָן מיט אַ בייזן באַסאָווען קול. דער שעריף האָט אָפּגעשלאָסן זיין האַנט. שלמה איז געבליבן שטיין פאַרוואונדערט. ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אַן אָנגעשטרענגטע מאָמענטאַלע שטילקייט, מיט אַלעמענס בליקן אויף שלמהן. שלמה האָט אָנגעכאַפּט קאַרזאַנס האַנט.

— איך וועל גיין וואו ער וועט גיין — האָט שלמה געענטפערט מיט אַ רואיקער און פעסטער שטימע. דער פאַרמאַן האָט אים אָנגענומען פאַר די לאַצן פון העמדל.

— וואַרט! — האָט דער קאָנטראַקטאָר אַ געשריי געטאָן. זיי האָבן אַלע דריי שטיל גערעדט צווישן זיך. דער שעריף איז צוגעגאַנגען צו קאַרזאַנען און גענומען אָפּשליסן זיינע הענט.

— פיר זיי אַרויס, אָט־די ממזרים! זאָלן זיין אויף די וועגן הונגערן, די שמוציקע וואַגאַבונדן — האָט דער קאָנטראַקטאָר מיט אַ צעקרימטן פּנים באַפוילן דעם פאַרמאַן. דער פאַרמאַן האָט זיי אַ רוף געטאָן זיי זאָלן אים נאָכגיין. מיט אויפגעשטראַלטע פּנימער האָבן די אַלע איבעריקע געשמייכלט צו זיי. טאָני, דער גוטמוטיקער איטאַליענער, האָט מיט פריידיקן עקסטאַז אָנגעחאַפּט שלמהס האַנט: — ביזט אַ גוטער ייִנגל, שלמה, מיר האָבן דיך ליב! — האָט ער אַרויסגערעדט מיט באַגייסטע־

רונג. טאַדעאוש, דער שלאַנקער וויצלדיקער פּאָליאַק, האָט אַ שפּאַן געטאָן נעענטער צו זיי. ער האָט שוין אָבער ניט באַוויזן אָנצוכאַפּן זייערס אַ האַנט, ער האָט צוזאַמענגעדריקט זיינע ביידע הענט און זיי נאָכגעפּאַכעט אין דער לופטן:

— מיר וועלן אייך ביידע געדענקען, שלמה — האָט ער זיי נאָכגעשריגן אין פּויליש. דער קאָנטראַקטאָר האָט אויף זיי געקוקט מיט אַ געפּלעפּטן אויסדרוק. ער האָט אַ וואונק געטאָן צום שעריף, און דער שעריף האָט זיך געלאָזט גיין צו טאַדעאושן און מיט אַ שטומען רוף צו טאָנין, קלינגענדיק דערביי מיט די האַנט־קייטן. אַלע איבעריקע האָבן זיך אַ וויג געטאָן פאָראויס מיט צעפּינקלטע אויגן. דעם קאָנטראַקטאָרס פּנים איז מיטאַמאָל בלייך געוואָרן. ער האָט אויסגעשאָסן אין אַ קאָמיש געלעכטער, מיט אַ פאַרשטיקטן כריפּ. דער שעריף האָט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ און געקוקט אויף אים מיט שטוינונג.

— לאָמיר זיי מער ניט שרעקן, דזשים! — דער שעריף האָט אים פאַרשטאַנען און זיך אומגעקערט צוריק.

— איר זעט, באָיעס, עס ווילט זיך אַמאָל אַ שפּאַס טאָן אויך — האָט ער זיך צו זיי געווענדעט מיט געמאַכטער פריילעכקייט.

— עדן, טראָג אַרויס אַ פּאָר פלעשער און מיר אַלע וועלן איצט אויסטרינקען פּאַר גוטברודערשאַפט. דער שעריף מיט שעפּן האָבן אָפּגעצויגן צום אויטאָמאָביל. טאָני מיט טאַדעאושן האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך געלאָזט צום אַרבעטס פּלאַץ. די אַלע אַנדערע האָבן זיי באַלד נאָכגעפאָלגט. קאַזימיר איז די גאַנצע צייט געזעסן אַליין אַן אַ זייט, האָט געקוקט צום קאָנטראַקטאָר מיט אַ פרעגנדיקן בליק. ער האָט אַ וואונק געטאָן, אַז ער זאָל אויך גיין אַהין. ווען ער איז אים פאַרבייגעגאַנגען האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: — האָב ניט קיין מורא, איך וועל דיך באַשיצן. האָב וואַכע אויערן.

דער פאַרמאַן איז אַרויסגעקומען מיט צוויי פלעשער און אַ קוישל גלעזלעך. ער האָט דערזען קראַסבין, דעם קאָנטראַקטאָר, שטיין אַליין אָנגעשפּאַרט לעבן אַ בוים פאַרטראַכט. ער האָט מיטאַמאָל אַלץ פאַרשטאַנען... און איז אַוועק מיט די פלעשער צוריק אין קאַנטאָרל.

דער שעריף האָט קאַרזאַנען מיט שלמהן אַראָפּגעלאָזן וויט פון שטעטל, לעבן אַ באַן־סטאַנציע ניט וויט פון שטאָט. קאַרזאַן האָט אַרויסגענומען זיין טייסטערל און אָנגעהויבן חשבונען, ווי וויט ער וועט קענען פאַרפאָרן...

— איך פאָר אין דער וועסט... האָסטו עפעס געלט מיט זיך אויף מיטצופאָרן מיט מיר? — האָט ער שלמהן געפרעגט.

— ניין, איך וועל גיין צוריק אַיסט. איך האָב ווייניק געלט, אָבער איך וועל זיך שוין דערשלאָגן מיין וועג — האָט שלמה געענטפערט, נאָך אַלץ מיט אַ פאַרטראַכטן בליק... אין באַן־סטאַנציע האָבן זיי אויסגעפונען אַז די באַן צו מערב וועט באַלד אָנקומען. זיי האָבן ערשט איצט זיך אָנגעקוקט מיט בענקענדיקע בליקן.

— זאָג מיר, שלמה, פאַרוואָס ביזטו איצט אַזאַ צעטראָגענער? אויפן וועג האָב איך דיר גאָרניט געקענט פרעגן, ווען יענער איז געזעסן לעבן אונז. אָבער דו ביזט נאָך אַלץ פאַרטראַכט. וואָס זיינען דיינע פּלענער? — האָט קאַרזאָן אים געפרעגט מיט וואַרעמקייט, ווי אַ צערטלעכער פאָטער. שלמה האָט זיך צוגערוקט צו אים און געצויגן מיט ווייכקייט די ווערטער:

— עס טראַכט זיך מיר נאָך אַלץ דאָס זעלבע וואָס דאָרטן, ווען מיר זיינען געשטאַנען צוזאַמענגעשמידט און אָנטקעגן אונדז זיינען געשטאַנען דער מר. שעפּ מיטן קאָנטראַקטאָר אַקסל צו אַקסל, מיט זייערע געמיינ־שאַפטלעכע פאַרבינדונגען. און דאַן האָב איך דערפילט, אַז מיט מיין צוגעקייטלטער האַנט צו דיינער בין איך שוין אויף שטענדיק צוגעקייטלט געוואָרן, ניט נאָר צו מיין פאָלק, נאָר נאָך שטאַרקער צו מיין קלאַס.

אַ נייער ברייטערער וועג עפנט זיך איצט פאַר מיר און אַ מער זיכערער, מיט אַזעלכע ווי דו, קאַרזאָן.

עס האָט זיך דערהערט דאָס פייפן פון דער אָנקומענדיקער באַן. קאַרזאָן האָט אים צוגעדריקט צו זיך און שנעל געפּליסטערט: — שלמה, ברודערל מיינער, דו האָסט שוין באַוויזן אַז דו דו קענסט זיין אַן אויס־געהאַלטענער קעמפער. דו וועסט זיכער די ווערט האָבן די פרייד פון זיג.

עס האָט זיך שוין געהערט דער לעצטער רוף פון דעם קאָנדוקטאָר. זיי האָבן זיך פעסט געדריקט די הענט. קאַרזאָן איז פאַרשלונגען געוואָרן דורך דעם שמאָלן דורכגאַנג אין אַן ענג־געפּאַקטן וואַגאָן.

שלמה האָט זיך אַ ווײַלע דערפילט ווי פאַר׳יתומ׳ט. אַ מוראדיקע פאַרלאָרנקייט האָט אים באַהערשט. ער האָט אַרומגעשפּאַנט אַרום די באַן־פענצטער, ביז ער האָט דערזען קאַרזאָנס שמייכלדיקן פּנים צו אים. ער האָט צוזאַמענגעדריקט די הענט און צו אים אַרויפגעשריען:

— ברודער קאַרזאָן, מיר וועלן זיך נאָך זען; מיר׳ן זיך נאָך באַגעגענען!

די באַן האָט אָנגעהויבן גיין. ער האָט זי נאָכגעקוקט, ביז זי איז פאַרשוואונדן אין דער ווייטקייט.

אונטער אַ כמאַרע

פּאַלין איז, ווי יעדן טאָג אין דער צייט, אַריינגעפאַלן אין הויז מיט אימפּעט, באַלאַדן מיט שפּייז־פּעקלעך. סטיוו, איר עלף יאָריקער ייִנגל איז ווי אַלעמאָל געלאָפן איר אַנטקעגן, זיך אָנגעהאַנגען מיט ביידע הענט אַרום איר האַלדז, און אויסגעקושט איר פּנים. מיט אַ פריידיקן שמייכל האָט זי געקוקט אויף זיין צעשטראַלטן פּנים.

— נו, האָסט מיך שוין אָפּגעקושט, לאָז מיך שוין אָפּ — האָט זי צערטלעך צענומען זיינע הענט פון איר האַלדז. סטיוו האָט אַ פיר געטאָן די אויגן איבער די שפּייז־פּעקלעך.

— מאַ, בערנאַרד קומט היינט עסן מיט אונדז? — זי האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן מיט אַ פינטל פון אויג. — ער האָט מיר צוגעזאָגט ברענגען אַ פּענסיל מיט אַ צירקל, יענער האָט זיך צעבראָכן.

— אַז דו האָסט אים געזאָגט, וועט ער ברענגען — האָט די מוטער אים פאַרזיכערט. זי האָט ווי אַלעמאָל אַ קוק געטאָן אין אייז־קאַסטן אויפן פלעשל מילך, צי ער האָט געטרונקען קומענדיק פון סקול.

פּאַלין האָט זיך איילִיק גענומען צוגרייטן דעם אָוונט־מאָלצייט. יעדעס מאָל ווען בערנאַרד האָט געדאַרפט קומען, האָט זי יענעם טאָג גענומען בלויז פופצן מינוט צו עסן מיטאָג און די אַנדערע דריי־פערטל שעה האָט זי זיך געאיילט מיט דער אַרבעט, כדי זי זאָל האָבן מער צייט שפּעטער אויף איינצוקויפן. די אַנדערע מיידלעך אין אָפיס האָבן שוין געוואוסט, אַז אין אַזאַ טאָג קומט איר „באַי־פרענד" צו איר.

ביידע, מוטער און זון, האָבן זיך געפילט יום־טובדיק ביי אָט־די ספּעציעלע צוגרייטונגען. סטיוו האָט אָנגעגאָסן פרישע וואַסער אין בלומען־ וואַזע, און דערביי באַמערקט, אַז די בלומען זיינען נאָך פריש, און בערנאַרד וואָלט ניט געדאַרפט קיין נייע. פּאַלין האָט שטיל גע־שמייכלט. זי איז שנעל פאַרטיק געוואָרן מיט איר אַרבעט, כדי זי זאָל האָבן מער צייט זיך אָפּצורוען. מוטער און זון האָבן זיך אַרומגעקוקט צי אַלץ איז אין אָרדענונג. אין די דאָזיקע אָוונטן האָט פּאַלין געמוזט נאָכגעבן דעם ייִנגל, אַז אויסער דעם גרויסן לאָמפּ זאָלן אויך די קאָלירטע וואַנט־לעמפּלעך זיין אָנגעצונדן.

סטיוו האָט זיין טאַטן ניט געקענט. זיין פאָטער איז געפאַלן אין דער מלחמה אויפן פּאַסיפיק, נאָך איידער סטיוו איז געבאָרן געוואָרן. דאָס

ייִנגל האָט בלויז געוואוסט אַז ער טראָגט זיין טאַטנס נאָמען. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אינדרויסן זיך שפּילן מיט קינדער, האָט ער אָנגעהויבן צו בענקען נאָך אַן „אמתן" טאַטן. די קינדערשע באַרימע־רייען: וואָס דער פּאַפּאַ האָט זיי געבראַכט און וואָס דער פּאַפּאַ וועט זיי ברענגען, פלעגן צערודערן זיין קינדערשן געמיט. ערפלעגט פיל מאָל אַריינלויפן אין הויז מיט אַ געוויין, אַז ער וויל אויך האָבן אַ פּאַפּאַ ווי די אַנדערע קינדער.

פונדעסטוועגן האָט סטיוו רעוואָלטירט ווען זיין מאַמע האָט אים איינמאָל דערציילט, אַז זי האָט אַ גוטן פריינט, וואָס וועט זיין ווי אַן אייגענער טאַטע צו אים, ווייל ער האָט לאַנג געבענקט נאָך אַ קינד. זיין קראַנקע פרוי האָט קיין קינד ניט געהאַט און איצט איז ער געבליבן אַן אַלמן. מיט צאָרן האָט זיך סטיוו געוואָרפן און געסטראַשעט, אַז ער וועט דעם פריינט אירן אָפּטאָן עפּעס שרעקלעכעס, אויב ער וועט זיך אַריינ־רייסן צווישן זייביידן. אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז זיין מאַמע באַוואַשט זיך מיט טרערן, און זי האָט אים דערקלערט, אַז איר לעבן וואָלט געוואָרן אַ סך גרינגער, זי וואָלט מער ניט געדאַרפט גיין אַרבעטן און זי וואָלט אים אויך געקאָנט בעסער צוזען, האָט שוין סטיוו מיט אַ געמישטן געפיל פון פאַרביטערטקייט און רחמנות צו זיין מאַמען, דערלויבט דעם פריינט אַריינצוקומען.

סטיוו האָט זיך אַליין ניט פאַרגעשטעלט, אַז ער וועט בערנאַרדן אַזוי שנעל ליב קריגן. ער האָט אַליין ניט געוואוסט צי עס איז דערפאַר וואָס ער קומט ניט קיינמאָל מיט קיין ליידיקע הענט, ברענגט אים מתנות, העלפט אים אַרויס אין זיין סקול־אַרבעט, נעמט אים אַרויס צו „באָל־גיימס", צי אויך דערפאַר, וואָס אינדערהיים איז מיט אים געוואָרן פריי־לעכער. זיין מאַמעס אומעטיקע אויגן האָבן באַקומען אַ נייעם גלאַנץ, און זי איז צו אים געוואָרן אפילו צערטלעכער ווי פריער.

מיט געמיטלעכער דערוואַרטונג האָבן זיךביידע אַוועקגעזעצט אין פראָנט־צימער; סטיוו ביי דער ראַדיאָ, און פאַלין האָט גענומען אַריינקוקן אין צייטונג. נאָר מיטאַמאָל האָט פאַלין אַ ציטער געטאָן מיט איר גאַנצן וועזן. זי איז שטאַרק בלאַס געוואָרן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט, איז זי געבליבן זיצן מיט אַ פאַרטראָגענעם בליק. פון דעם קלונג אין טיר האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן.

— מאַ, וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? עס איז דאָך בערנאַרד — האָט דאָס ייִנגל זיך אַ כאַפּ געטאָן, און מיט אימפּעט געלאָפן עפענען די טיר.

פּאַלין האָט פון ערשטן בליק אויף בערנאַרדס כמורנעם פּנים מיט דער ציטונג אונטערן אָרעם, שוין אַלץ פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט שטומע בליקן. זי האָט צוגעלייגט צוויי פינגער צום מויל, ווי אַ צייכן אַז סטיוו זאָל פון גאָרניט וויסן.

דער מאָלצייט איז דורכגעגאַנגען מיט געמאַכטער רואיקייט. סטיוון האָט מען געלאָזט פּלאַפּלען מער ווי אַלע מאָל וועגן זיינע באַליבטע העלדן אין די ראַדיאָ־פּראָגראַמען און די „בייז־מאָל" שפּילער. אָבער אפילו ער האָט געפילט, אַז היינט איז ניטאָ די געמיטלעכע פריילעכקייט ווי ביי די אַלע אַנדערע מאָלצייטן ווען בערנאַרד איז דאָ.

— וואָס חלומט איר ביידע ? — האָט ער מיטאַמאָל איבערגעריסן זיינע אייגענע רייד, ווען ער האָט דערזען אַז זיי זיינען ביידע שטום פאַרטראַכט. זיי האָבן ביידע געענטפערט מיט אַ שוואַכן שמייכל.

ווען פּאַלין איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער קיך־אַרבעט, איז זי אַריין אין פראָנט־צימער. בערנאַרד איז געווען פאַרנומען מיט העלפן סטיוון אין זיין אַריפמעטיק־לעקציע. פּאַלין האָט דערפילט פון בערנאַרדס אָנגעשטרענגטן שטערן, אַז ער מאַטערט זיך מיט זיין איצטיקער אויפגאַבע. האָט זי געבעטן דעם אינגל, אַז ער זאָל היינט גיין פריער שלאָפן, ווייל בערנאַרד האָט אַ קאָפּ־ווייטאָג. בערנאַרד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער זאָל אים היינט באַפרייען. מיט אַ ברוגזער מינע האָט סטיוו צוזאַמענגעלייגט זיינע סקול־העפטן. זיינע גרויסע ברוינע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ פייכטן גלאַנץ; די פולע רונדע באַקן האָבן געגליט ווי פייער. דאָס איז שוין געווען זיין שטענדיקער צייכן פון אויפרעגונג. ער האָט מיטגענומען פון קיך זיין קליינע ראַדיאָ, האָט זיי ביידן אַ ברוגזן קוש געטאָן און אַוועק אין שלאָפצימער.

בערנאַרד איז געבליבן זיצן שווייגנדיק, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף בייד עהענט אויפן טיש, מיט די פינגער געפירט איבער דעם ברייטן שטערן, ווי ער זאָל טאַקע פילן אַ קאָפּ־ווייטאָג. פּאַלין האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שטאַרן בליק.

— מען האָט אים שוין אַוועקגעשיקט פון דער אַרבעט? — האָט זי שטיל איבערגעריסן דאָס שווערע שווייגן.

— איך ווייס ניט — האָט ער שטיל געענטפערט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט פאַרביטערטקייט און פאַרוואורף. דאָס האַרץ האָט אין איר אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט פרעגנדיקע אויגן. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— אַלע מיינע פּלענער, מיינע דערוואַרטונגען זיינען מיטאַמאָל צערונען געוואָרן.

— פאַרוואָס? — האָט זי געפרעגט מיט פאַרהאַלטענעם ציטער.

— ווייל דיין שוואָגער איז אַ פּלאַפּלער, און איך גלויב ניט צי ער האָט אַ שטאַרקן רוקן־ביין. מען וועט אים צעטומלען, וועט ער אַריינשלעפּן דיך, און מיך אויך...

— ביזטו זיכער אַז ער איז טאַקע אין עפּעס שולדיק? — האָט זי געפרעגט, ווי מורא האָבנדיק פאַר זיין ענטפער.

ער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם:

— איך האָב דאָס ניט געמיינט — האָט ער ווייך געענטפערט. ער האָט זיך אָבער צופיל גוועאָרפן מיט זיין קריטיק און דער רעגירונג, און דו פלעגסט דאָך אויך מיט אים איינשטימען — האָט בערנאַרד מיט פאָרוואורף געזאָגט — און דו ווייסט דאָך די איצטיקע צייט, ווענט האָבן אויערן און באַלד לייגט מען אַרויף אַ רויטן שטעמפּל... אירווינג האָט געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק שוין צוליב זיין דזשאָב אַליין...

פאַלין איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט. זי האָט געקוקט אויף בערנאַרדן מיט אַ פאַרגליווערטן בליק, ווי זי וואָלט אים צום ערשטן מאָל דערזען: אַזאַ וויטן, אַזאַ פרעמדן... ער האָט דאָס דערפילט. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, איז צוגעקומען צו איר, האָט צערטלעך אַריינגענומען אירע הענט אין זיינע. זי האָט פּרובירט זיי אַרויסנעמען. ער האָט זיי אָבער פעסט געהאַלטן אין זיינע הענט. אַ צעוויטיקטע גרימאַסע איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. מיט געבעט האָט ער שטיל געשטאַמלט:

— פאַרשטיי מיך, טייערע, איך האָב דאָך אַמאָל געאַרבעט מיט אירווינגן אין איין אָפיס. איך האָב דאָך אַזויפיל געהאָפּט און געוואָרט אַז דאָס יאָר זאָל אריבער און איך וועל קאָנען אָנהויבן אַ גליקלעכן פאַמיליע־לעבן. און מיטאַמאָל אַזאַ קלאַפּ. עס האָט מיך אינגאַנצן דערשלאָגן. . .

זיי האָבן דערהערט אַ געמאַכטן הוסט, ווי אַן אָנצעהערעניש אַז עמיצער איז נאָענט. זיי האָבן באַמערקט סטיוון דורכלויפן פון וואַשצימער. באַלד זיינען זיי געבליבן זיצן אָן לשון.

— דענקסט אַז ער האָט אַלץ געהערט? — האָט ער געפרעגט דערשראָקן.

— אפשר — האָט זי געענטפערט פלעגמאַטיש — און אויב יאָ, מאַכט אויך ניט אויס.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר; האָט איינגעלייגט זיין פּנים אין אירע ביידע הענט. זי האָט געפילט די צוקן פון יעדן נערוו אויף זיין

פנים, און האָט צוריק דערפילט צו אים אַן אינטימע נאָענטקייט. זי האָט געפילט אַז ער ראַנגלט זיך מיט ווערטער, וועלכע ס'איז אים שווער אַרויסצורײדן. זי איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— זאָג, וואָס דאַרפן מיר טאָן? וואָס איז דער אויסוועג? — האָט זי מיטאַמאָל איבערגעריסן די באַפאַלענע שווערקייט. ער האָט זי אָנגע־קוקט מיט אַ נעבעכדיקן פנים.

— עס איז ניטאָ קיין אויסוועג — האָט ער געצויגן די ווערטער.

— דיין הויז וועט געוויס זיין באַוואַכט. מען וועט שוין היטן ווער עס קומט צו דיר; אַלץ וועט פאַרשריבן ווערן. ער איז אַנטשוויגן גע־וואָרן, ווי עס זאָל אים ענג געוואָרן אין האַלדז.

— רעד — האָט זי שוין געצויגן די ווערטער פון אים. און מיט אַ געבראָכענעם קול האָט ער פאַרגעזעצט:

— איך גלויב אַז דאָס בעסטע פאַר אונז ביידע וועט זיין, אַז איך זאָל נישט קומען דאָ פאַר אַ געוויסער צייט. מיר וועלן זיך דאַרפן טרעפן ערגעץ אין אַנדערע פּלעצער.

ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן אירע אַנגעשטעלטע פאַרשנדיקע אויגן. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער שטיל געשטאַמלט:

— דו טאָרסט קיינעם ניט רופן פון דיין משפחה, ניט אויפן טעלעפאָן, און זיך ניט טרעפן פּערזענלעך. אָט־דאָס איז דער איינציקער אויסוועג. און ווער ווייסט צי דאָס וועט העלפן — האָט ער פאַרצווייפלט צוגעגעבן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר. ביידע האָבן זיך אַ צאַפּל געטאָן, זיך אָנגעקוקט מיט שרעק און זיך ניט גערירט פון אָרט. עס האָט זיך דערהערט אַ צווייטער, אַ לייכטער קורצער קלונג. — גיי עפן — האָט ער שטיל געזאָגט. דער קורצער קאָרידאָר האָט זיך איר אויסגעוויזן אומענדלעך לאַנג אין איר וואַקלדיקן גאַנג. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי געקומען צוריק, נאָך אַלץ בלאַס.

אַ שכנה האָט געוואָלט צובייטן פינף דאָלער. איר טאָכטער האָט ניט קיין קלייך־געלט צו פאָרן אינדערפרי צו דער אַרבעט — האָט זי גע־ענטפערט אויף זיין שטומער פראַגע.

— זי קומט אָפט אַריין צו דיר? — האָט ער געפרעגט מיט פאַרדאַכט.

— ניט אַזוי אָפט.

— בּו, זי לייענט דאָך צייטונגען, אויררווינגן קען זי. האָט זי שוין געוויס געוואָלט זען ווער עס איז דאָ ביי דיר... זעסט שוין, אַז דאָס בעסטע וועט זיין, אַז מען זאָל מיך ניט זען דאָ אַ געוויסע צייט...

קיין שלאָף האָט איר יענע נאַכט ניט געוּמען. אַ פײַנלעכע אימה האָט איר געדריקט. זי איז אַלע מאָל צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום שויב. אין מוח האָט געקלאַפּט ווי אַ האַמער. די נאַכט האָט זיך אומענדלעך גע־צויגן, ביז אַ פּאַס ליכט האָט זיך אַרײַנגעריסן דורך די פענצטער. פאַלין האָט זיך אַרומגעקוקט: די זאַכן אַרום איר האָט איר אויסגעקוקט ניי און פרעמד. אַן אַפּאַטיע און אַ דריקנדיקע אײַנזאַמקייט האָט זי באַהערשט.

— כאַ, שטיי אויף! — האָט זיך דערהערט סטיוו קלינגענדיק קול.

עס האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח: וואָס איז מיט איר? האָט זי פאַרגעסן אַז זי האָט אַ קינד? עס האָט איר געגעבן אַ טראָג אַראָפּ פון בעט: — מען דאַרף אַנגיין ווייטער מיט דעם לעבן — האָט זי ווי אונטער־געפירט אַ סך־הכל פון אירע געדאַנקען. דאָס איז שוין געווען איר נאַטור: קוים האָט זי באַנומען אַן אומגליק, האָט זי שוין אין זיך געזוכט דאָס אַריבערצוטראָגן.

טעג האָבן זיך געצויגן גרויע מיט אײַנגעגעסענעם אומעט. די אַרבעט אין אָפיס און אין הויז האָט איר געדריקט ווי אַ שווערע לאַסט.

נאָך די פרײַדיקע וואָכן מיט בערנאַרדס באַזוכן, האָט זיך איצט אין דער וואוינונג געלאָזט פילן אַן ערנסט מוראַדיקע לײדיקייט. דער טעלע־פאָן איז פאַרשטומט געוואָרן. זעלטן ווען עס האָט זיך געהערט אַ קלונג אין טיר. סטיוו האָט אָנגעהויבן מאָנען: פאַרוואָס קומט ניט בערנאַרד? זי האָט געזען אַז דאָס אינגל בענקט נאָך אים. ער האָט שוין עטלעכע מאָל איבערגערעדט אַז עס זײַנען דאָ אינטערעסאַנטע באַל־גיימס. זי האָט באַמערקט דערבײַ אַ פײַכטן גלאַנץ אין זײַנע אויגן און האָט אים געזאָגט, אַז בערנאַרד איז אַוועקגעפאָרן פאַר אַ שטיקל צײַט. ווען ער וועט קומען וועט ער אים אַלץ גוט מאַכן.

— אָבער פאַרוואָס קומט ניט די טאַנטע, דער אַנקל, די קוזינס? פאַר־וואָס רופן זיי ניט אָפּ אויפן טעלעפאָן? איר פלעגט דאָך אַוועקריידן גאַנצע אָוונטן?... עס איז איר ניט געווען אַזוי גרינג אָפּצופּאַטערן מיט אַ תּירוץ. דאָס ייִנגל איז אויך געוואָרן דענערווירט פון אירע שטענדיקע פראַגן:

— וואָס האָט ער גערעדט מיט דער לערערין? וועגן וואָס רעדט ער מיט די קינדער אין סקול? ער פלעגט זיך אַ וואָרף טאָן מיט כּעס:

— ער קען ניט געדענקען וואָס ער רעדט און וואָס די אַנדערע ריידן צו אים.

נאָך דער ערשטער באַגעגעניש מיט בערנאַרדן ערגעץ אין אַן עק שטאָט אין אַ רעסטאָראַן, האָט זי באַשלאָסן אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע

מאָל, אַלץ איז אויס, פאַרענדיקט... ווען זי איז געקומען אַהיים, האָט זי גענומען נאָכקלערן בערנאַרדס רייד, זיינע אומרואיקע אויגן, ווי ער האָט זיי געוואָרפן אין אַלע זייטן מיט פאַרדעכטיקטע בליקן, ווען זיי זיינען געזעסן צוזאַמען. ער האָט איר אַנגעשטעקט מיט אַן אוממפאַרשטענדלע־כער מורא. ווי אַ גריל האָבן אין איר מוח געבויערט זיינע רייד:

— אַז זיינע קאָלעגן אין פאָסט־אָפיס מיידן אויס צו ריידן מיט אים פונדערווייטן... מסתמא האָבן זיי זיך שוין דערוואוסט אַז ער האָט אַמאָל געאַרבעט מיט אוירוויגגן און געווען פריינט מיט אים.

די ווערטער האָבן זיך געצויגן ווי אַ זלינדע פליג און זי האָט זיך אליין געפרעגט:

— פאַרוואָס זאָלן זיינע קאָלעגן אים פלוצלינג ווען אויסמיידן?... וואָס האָבן זיי מורא פאַר אים ? און מיטאַמאָל גיט איר אַ זעץ אין מוח:

— ווער, איינגנטלעך, האָט געמסרט אוירוויגגן? ווער?...

זי האָט מיטביידע הענט צוזאַמענגעדריקט דעם קאָפ, ווי עס וואָלט איר דאַרטן געוואָרן שטאַרק ענג. עס שווימט אויף אין איר זכרון ווי בערנאַרד האָט איר פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס זי האָט אָפט איינגעשטימט מיט די ווערטער פון איר שוואָגער. זי שפּרינגט אַראָפּ פון בעט און שפּאַנט אַרום איבערן צימער, ווי זי זאָל וועלן אַנטלויפן פון אירע געדאַנ־קען. איר בליק פאַלט אויף דעם בלומען־טעפּל, וואו זיינע פרישע בלומען האָבן שטענדיק געבליט. זי שטעלט זיך אָפּ און פאַרטראַכט זיך: אָט דערזעט זי בערנאַרדס גוטמוטיקן פּנים, אַזאַ היימישער, אַ נאָענטער. סטיוו האָט אים אמת ליב געקראָגן. ווי אַן עכאָ קלינגען איר אָפּ זיינע געטרייע רייד:

— איך האָב די אַלע יאָרן פון מיין פאַרהייראַטן לעבן געבענקט נאָך אַ זון. איצט אַז איך נעם ערגעץ אַרויס סטיוון און זע ווי ער קוועלט און האָט הנאה, פרייט זיך אין מיר מיין האַרץ ווי פון אַן אייגן קינד, און איך פיל טאַקע ווי ער וואָלט געווען מיין זון. איך וועל נעמען אַן אנטייל אין זיין ווייטערדיקער דערציאונג...

ער האָט אויפריכטיק גערעדט צו איר. זי האָט אים געגלויבט מיט דעם גאַנצן האַרצן. איז עס מעגלעך אַז ער זאָל זיין אַזוי פאַרשטעלט? גיט אין איר אַ לויף דורך אַ געדאַנק. זי דערפילט אַ היץ אין מוח. זי פאַלט צוריק אין בעט און שיסט אויס אין אַ געוויין.

ווען סטיוו איז צוריקגעקומען פון זיינע חברים און האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין מאַמען, איז ער געבליבן שטיין מיט ברייטע פרעגנדיקע

אויגן. אירע אויגן און דאָס פּנים זיינען געווען געשוואָלן פון טרערן. ער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף איר, ווי ער זאָל עפּעס געוואָלט דורכ־טראַכטן. מיטאַמאָל האָט ער געגעבן אַ פאַל צו איר, איר אַנגעהויבן קושן און גערעדט מיט האַסט:

— מאַ, זאָל בערנאַרד גיין צום טייוול! מאַ, איך שווער דיר, אַזוי שנעל ווי איך וועל נאָך אַביסל אונטערוואַקסן, וועל איך גיין אַרבעטן. איך וועל מאַכן פאַר דיר אַ לעבן, מאַ. איך וועל קיינמאָל ניט חתונה האָבן. איך וועל שטענדיק זיין מיט דיר...

זי האָט היסטעריש געוויינט און געלאַכט; האָט אים געגלעט דעם קאָפּ, אים געקושט.

— ס'איז ניט דאָס, מיין קינד— האָט זי דורך געוויין און געלעכטער פּרובירט אים באַרואיקן.

— איך האָב ליב געהאַט בערנאַרדן ווי אַן אייגענעם טאַטן. איצט האָס איך אים, איך האָס אים — האָט ער בייז געמורמלט.

— וועסט אים נאָך צוריק ליב קריגן — האָט זיך ביי איר אַרויס־געכאַפּט. דאָס האַרץ האָט אין איר אַ צאַפּל געטאָן, ווי פון אַן אַנגעזאָגטער פריידיקער בשורה..

* * *

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון אירווינגס שטעלן זיך צו דער אויספאָרשונג־קאָמיטע. פאַלין איז געוואָרן מער אָנגעשטרענגט. זי האָט געפילט די אַנגסט וואָס איר שוועסטער און די אַלע אַנדערע אין דער משפחה לעבן דורך, און זי קען זיך אפילו ניט דורכריידן מיט זיי. איר אייגן לעבן איז איצט אָפּגעשלאָסן אין איינזאַמקייט. זי איז געווען צופרידן וואָס זי האָט דורכגעלאָזן די לעצטע באַגעגעניש מיט בערנאַרדן. זי האָט שוין מורא געהאַט צו ריזיקירן צוליב זיין האַלטונג בנוגע אירווינגס מאָרגנדיקן יום־הדין, טאָמער וועט ער זיך אַרויסריידן מיט עפּעס אַזוינס, וואָס וועט איר אינגאַנצן פאַרשטויסן... ווען דער טעלעפאָן האָט זיך פלוצלינג צעקלונגען, איז זי אויפגעשפּרונגען פון איבעראַשונג. נאָך מער איבעראַשט איז זי געוואָרן, ווען זי האָט דערקענט בערנאַרדס שטימע, אַ ציטערנדיקע, אַן אויפגערעגטע: „ער האָט געוואָרט אויף איר, ער איז אומרואיק, ער וויל וויסן וואָס האָט פּאַסירט מיט ארי"— זי האָט געענטפערט אַז זי איז געווען פאַרקילט און האָט אים ניט געקאָנט לאָזן וויסן. נאָך זיין אומבאַשטימטן מורמלען האָט זי פאַרשטאַנען אַז ער גלויבט איר ניט. ער האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל מיט אַן אָפּגע־האַקטן „אָקעי" און מיט אַ טיפן זיפץ.

אויף מאָרגן איז פּאָלין ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. נאָך אַזאַ אַנגסטלעכער נאַכט, וואָס זי האָט דורכגעלעבט, האָט אויך געגריזשעט אַ פּיינלעכער צווייפל: אפשר האָט זי מיט איר האַלטונג צו בערנאַרדן אָפּגעשטויסן דאָס געגאַרטע שטיקל גליק אין איר לעבן. אויב אפילו איר פאַרדאַכט וועגן בערנאַרדן זאָל זיך אַרויסווייזן חלילה פּאַר אַן אמת, וועט דאָס אויך זיין פּאַר איר דער שטאַרקסטער קלאַפּ. זי איז אויפ־געשטאַנען איינגעצאַנצן אַן אויסגעשעפּטע.

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געהאַלטן די ראַדיאָ אָפן; וועט זי הערן עפּעס וועגן אירווינגן? סטיוו איז אַריינגעלאָפן פון סקול אַן אויפגערעגטער: אַ שכנה האָט אים אָפּגעשטעלט ביי דער טיר און האָט אים געזאָגט, אַז זיין אַנקל אירווינג איז אַ רויטער און מען נעמט אים היינט אויף אַ פאַרהער אין וואַשינגטאָן.

— גלויב איר ניט! — האָט זי געגעבן אַ געשריי מיט אַזאַ קול, אַז סטיוו האָט זיך אַזש דערשראָקן.

ער האָט אַראָפּגעשלונגען די גלאָז מילך וואָס זי האָט אים דערלאַנגט און האָט איר געזאָגט, אַז ער גייט צו אַ חבר קוקן אַ טעלעוויזיע פּראָגראַם. אַ ציטער איז איר דורכגעלאָפן, טאָמער וועט ער נאָך אין דער טעלעוויזיע דערזען אירווינגן אויפן עדות־שטול.

— גיי ניט, איך בין קראַנק — האָט זי מיט ווייכקייט זיך געבעטן ביי אים. אָבער זעענדיק ווי ער איז געבליבן שטיין מיט אַ צעקלעמטן אויסדרוק, האָט זי באַלד צוגעגעבן: גיי, אָבער זיי דאַרט ניט צו לאַנג.

ער איז מיט אימפּעט אַרויס פון הויז און איר איז ווידער באַפאַלן אַן אַפּאַטיע צו אַלץ און אַלעמען. — זאָל עס שוין פּאַסירן וואָס גיכער. זי האָט שוין מער ניט קיין כוח צו שטיקן אין זיך די אַנגעיאָגטע מורא.

דער אָוונט־ברויט איז שוין געווען גרייט, עס איז געווען צייט צו עסן און סטיוו איז נאָך אַלץ ניט געקומען. זי איז געוואָרן אומרואיק: ווער ווייסט וואָס מען וועט דעם קינד דאַרט איינריידן און וואָס מען וועט וועלן פון אים אַרויסקריגן? אירע געדאַנקען האָבן זיך געוויקלט ווי אַ צעפּלאָנטערטער קנויל. פּלוצלינג האָט זי דערהערט אַ קורצן לייכטן קלונג אין טיר. זי האָט דערקענט אַז דאָס איז אַ שכנה, וועלכע פלעגט געוויינלעך אַזוי קלינגען. זי האָט זיך געוואונדערט, ווייל די שכנה איז שוין לאַנג ניט געווען ביי איר. זי האָט געעפנט די טיר און עס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי איר אַ קרעכץ פון איבעררראַשונג. בערנאַרד איז גע־בליבן שטיין אינעווייניק לעבן דער פאַרמאַכטער טיר און דערשטוינט גע־

קוקט ווי זי האָט האַסטיק געגעבן אַ טראַט צוריק און זיך געלאָזן גיין אין פראָנט־צימער. ער איז איר שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען געבליבן שטיין איינער קעגן אַנדערן. עס האָט זיי ביידע געצויגן צו פאַלן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס, אָבער זיי האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט.

פאַלינס פנים האָט אויסגעדריקט פאַרביטערטקייט. אויף דער צונג זיינען איר געלעגן גאַליקע ווערטער. זי האָט אים געוואָלט ווי טאָן, זיך אָפּרעכענען, וואָס אין אַזעלכע פיינלעכע טעג פון מורא, האָט ער זי איבערגעלאָזט אַליין, איינזאַם. אָבער איר צונג איז געבליבן שטום. אין זיין פנים האָט זי דערקענט וואָס ער האָט לעצטנס דורכגעלעבט. ער איז געשטאַנען פאַר איר אַ דערשלאָגענער, מיט אַן אָפּגעצערטן בלאַסן פנים. זיינע מידע, ווי ניט־אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן געקוקט אויף איר מיט געבעט. זי האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער סאָפע, איינגעגראָבן דאָס פנים אין די הענט און שטיל זיך צעכליפּעט. ער האָט זי אַנגענומען ביי די הענט:

— פאַלין, איך האָב גוטע נייעס, דאָ אין דער לעצטער צייטונג.

זי האָט אויפגעריסן דעם קאָפּ, אַרויסגעכאַפּט די צייטונג פון זיינע הענט. אירע הענט האָבן געציטערט און זי האָט ניט געקענט געפינען דעם קאָלום. ער האָט פון איר צוגענומען די צייטונג און גענומען לייענען: „אווירווינג ברים האָט ניט געענטפערט אויף קיין שום פראַגן. פאַרקערט, ער האָט דעם אויספאָרשער אָפּן באַשולדיקט, אַז ער, דער אויספאָרשער, איז אַ שונא פון לאַנד, אַן אַנטיסעמיט, אַ פאַשיסט"...

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט מיט שטומע בליקן. ער האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן. זי האָט מיטאַמאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריגן מיט עקסטאַז:

— גוט אַזוי! גוט! — זי האָט אַרויסרופנדיק אים אַריינגעקוקט אין די אויגן: נו, וואָס דענקסטו איצט וועגן אַזאַ „פלאַפלער" מיט אַזאַ ווייכן רוקנביין?

— ער געפעלט מיר — האָט בערנאַרד געענטפערט מיט אַ שולדיקן אָבער צופרידענעם אויסדרוק...

— מער וויל איך ניט מורא האָבן, מער ניט! זאָל זיין וואָס עס ווילט זיך — האָט פאַלין אַרויסגעזאָגט שטיל, נאָר מיט פעסטן באַשלוס: — איך גיי שוין אָפּרופן מיין שוועסטער, זי זאָל באַלד קומען צו מיר.

— און איך וועל איר גראַטולירן — האָט ער אונטערגעכאַפּט. זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט גיין צום טעלעפאָן־טישל.

ענדזשי׳ס דערפאַרונגען

איין שאַפּ האָט זיך געטומלט. פּעני די „פינישערין״, שוין אין די טיפע פופציקער, אַ קליינע, אַ דינע, מיט אַן אַרויסגעהויבענער פּלייצקעלע, האָט ווי מיט קינדערשן שוואונג אַרומגעשוועבט צווישן די געדיכטע רייען מאַשינען. נאָך יעדן קער אירן איז געבליבן שטעקן אַ שלייפעלע פון שמאָלע קאָלירטע סטענגעלעך אויפן רוקן פון מאַשין. באַלד האָבן די געדיכטע רייען מאַשינען אויסגעקוקט ווי בייטן מיט ווייענדיקע קאָלירטע בלומען. פּעני האָט אַ פיר געטאָן מיט אירע גרויסע בלויע אויגן, דער איינציקער אַנציענדיקער פאַרמעג אויף איר קליין פּנימל. זי האָט צופרידן געשמייכלט. באַלד האָט זי זיך ווידער אַרומגעבלאָנקעט צווישן די שמאָלע רייען מאַשינען. עס האָבן ווידער אַ העל געטאָן אַ פּאָר קאָלירטע בלימעלעך אויף פּרויענשע קעפּ. דער געזשום פון רייד איז כסדר געוואָרן באַלעבטער און העכער. דאָס איז געווען דער איינציקער טאָג ודרכן יאָר, וואָס דער באָס, מר. פינקל, האָט איר געלאָזט זיך דערפילן דערהויבן און ווירדיק, ווי אַ גלייכער מיטגליד פון שאָפּ, ווען ער פלעגט איר איבערגעבן די צוגרייטונג פון ענדזשי׳ס געבורטסטאָג.

צום לעצט האָט פּעני זיך גענומען צום לאַנגן שמאָלן „פינישינג״ טיש, וואו ענדזשי, די עלטסטע זקנה פון שאַפּ, און די אַנדערע עטלעכע „פינישערס״ זייַנען געזעסן מיט יום־טובדיקער געשפּאַנטקייט... פּעני האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַזע מיט בלומען אויפן טיש, באַשטעקט אַלע־מענס קעפּ מיט בלימעלעך און אָנגעטאָן אויף ענדזשי׳ס קאָפּ אַ געפלאָכטן בלומענקרענצל, וואָס איז אויך געווען פּעני׳ס אייגענע מייסטערשאַפט.

באַלד האָט זיך איבערן שאָפּ צעטראָגן דאָס געזאַנג פון אַ „העפּי בוירטדעי, דיער ענדזשי!״

דאָס געזאַנג — אַ געמיש פון שפּאַניש, איטאַליעניש און אפילו יידיש, וואָס דער לאַנגער סעם, דער וויצלער פון שאַפּ, האָט געזונגען מיט אַ באַזונדערן טעם.

ענדזשי האָט קוים באַוועגט מיט דער נאָדל אין האַנט. זי איז געזעסן אַן אויסגעפּוצטע, מיט אַ פאַרשלאָסן מויל און וואַכע חושים. איר פאַר־טראַכטער שטערן איז קענטיק געווען פאַרנומען מיט געוויסע טראַכטונ־גען... דאָס איז שוין געווען ענדזשי׳ס 70טער געבורטסטאָג און די פינפטע

פּייערונג אין שאָפּ. אָט דער נומער זיבעציק, האָט איר ווי מיט עפּעס אומהיימלעכעס געדראָט.. און מער ווי אַלעמאָל האָט זי זיך דאָס מאָל אַוועקגעטראָגן צוריק צו דער פּאַסירונג מיט פינף יאָר צוריק, ווען זי האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דעם שאָפּ אויף שטענדיק. מיט שטאָלץ האָט זי ווי אַלעמען אָנגעזאָגט: אַז ביז 65 יאָר איז גענוג צו אַרבעטן, איצט וועט זי זיך אויסרוען פאַר אַלע יאָרן. אַלע האָבן זיך דאַן געוואונדערט: וואו האָט זי באַהאַלטן צען יאָר פון איר עלטער, אַז זי קוקט אויס ניט מער ווי 55. ניין, זי האָט זיך דאַן ניט פאַרגשטעלט, אַז מיט דריי חדשים שפּעטער וועט זי צוריק אין שאָפּ אַריין, אַ דערשלאָגענע פון אָפּגענאַרטער פרייד... זי האָט דאָך פריער אַזויפיל געחלומט וועגן נעמען דאָס לעבן גרינגער, שלאָפן נאָך אַ שעה, גיין זען אַ נייע „מואווי", אַלטע פריינט, אפשר נאָך מאַכן אַ שטיקל רייזע . . .

יענעם טאָג זעט זי פאַר זיך מיט די אַלע דעמאָלסטדיקע פּיינלעכ־קייטן... ווען זי האָט זיך אַריינגעשלייכט אין שאָפּ מיט אַ געפיל פון אַ באַשטראָפטער, אַ פאַרשטויסענער, איז זי גלייך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אימפּעט פון יעדן איינעם ביי זיין אַרבעט. אַפּיינלעכע בענקשאַפט האָט זי מיטאַמאָל אַרומגענומען צוריק זיך אַריינוועבן אין דעם דאָזיקן וויברירנדיקן אימפּעט, וואָס האָט איר אויסגעזען, ווי אירע אַ פאַרלאָרענע מנוחהדיקע שטיק וועלט. זי געדענקט ווי דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט ווי אַרויסצושפּרינגען.

פון די ערשטע רייען מאַשינען האָט מען זי דערזען און וואַרעם געשמייכלט צו איר. געמיינט אַז זי איז געקומען זיך זען מיט זיי אַלעמען. זי איז אַ ווילע געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע מיט אַ פאַרקילטן שמייכל. איר שטאַרער בליק האָט אַרומגעבלאָנדזשעט וווי איבער אַ פאַרצוימטן וועג וועלכן זי טאָר ניט אַריבערשפּאַנען. דזשעק, דער „שיפּינג־מאַן", איז אָנגעקומען מיטן קאַסטן אויף רעדלעך, ער האָט זי מיטאַמאָל דערזען און זי אַרומגעכאַפּט: — אַ, ענדזשי, וואָס מאַכסטו? — זי האָט זיך דאַן אַ וויג געטאָן. דער גליווער האָט איר מיטאַמאָל נאָכגעלאָזט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ צעמישטן בליק. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט איר נעבעכדיקייט. טרערן האָבן אַ פינקל געטאָן אין אירע אויגן. דזשעק האָט אויף איר געקוקט מיט שטוינונג. ער האָט אַ וואונק געטאָן צו די נאָענטסטע רייע אַרבעטער, אַז מען זאָל צו איר צוגיין.

עס איז נאָך געווען אַ פּאַר מינוטן צו צוועלף. מען האָט זי באַלד אַרומגערינגלט.

— ענדזשי, וואָס האָט פּאַסירט? דערציייל!

מען האָט געזען ווי זי בייסט די ליפּן. זי וויל פֿאַרהאַלטן די טרערן. זי האָט שוין אָבער ניט געפֿילט, ווי די טרערן קייקלען זיך אויף אירע בלאַס־געוואָרענע באַקן. מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטים האָט זי שטיל איבערגעגעבן, אַז מער ווי דריי חדשים האָט זי ניט געקענט אויסהאַלטן. זי וועט שטאַרבן אויב זי וועט נאָך לענגער זיין אין דער היים. זי קען מער ניט. זי בענקט צוריק אין שאַפּ. זי איז נאָך צו־געזונט אַרומצוגיין ליידיק. זי וויל אַרבעטן. אַ שטייפער קנויל האָט איר ווידער צוזאַמענ־געדריקט אין האַלדז. זי האָט שטאַרק געצויגן אין זיך די ליפּן, ווי צו פֿאַרהאַלטן אַ נייעם קוואַל טרערן.

— און איך צייל שוין די וואָכן ווען איך וועל קענען פּטור ווערן פֿון שאַפּ... קענען לייכטער נעמען דאָ לעבן. דערלייענען דאָס וואָס איך האָב נישט געלייענט — האָט „נעט דער פֿילאָזאָף" נישט געקענט פֿאַר־שטיין די „טראַגעדיע" ענדזשי׳ס... — אַט קען אַ פֿרוי נאָך וויסן פֿון אַ שטיקל אינטערעסאַנט לעבן און וואַרפֿט זיך דערמיט. געוואַלד, מען קען דאָך טאָן אַזויפֿיל גוטע אינטערעסאַנטע זאַכן: גיין צו לעקציעס, צו דעבאַטעס, צו מיטינגען; זען די נייע זאַכן אין מוזעאומס, אין טעאַטער, אין ביבליאָטעקן... אָבער סידני רייסט אים איבער.

סידני, דער „טשערמאַן" פֿון שאַפּ, אין די פֿריִע פֿערציקער, אַ מיטלוואוקסיקער, אַ געפּאַקטער, מיט ברוינע קלוגע אויגן, האָט איר געבעטן זיך צו באַרואיקן, מען דאַרף זיך דורכריידן זאַכלעך וואָס צו טאָן. ער דערוואוסט זיך באַלד אַז זי קומט איצט פֿון דער יוניאָן. מען האָט איר דאָרט געזאָגט, אַז זיי לאָזן עס צו די אַרבעטער פֿון שאַפּ. זיי וועלן דאַרפֿן פֿאַרהאַנדלען וועגן איר צוריקקומען אין שאַפּ.

בעת דער טשערמאַן האָט דורכן טעלעפֿאָן זיך פֿאַרבונדן מיטן יוניאָן אָפּיס, האָבן אירע פֿריערדיקע מיטאַרבעטער זיך אָוועקגעזעצט לעבן איר און זי געטרייסט, אַז דער גאַנצער שאַפּ וועט זיך איינשטעלן פֿאַר איר, אַז זי זאָל צוריק בלייבן אַרבעטן.

זי האָט זיך דערפֿילט דערמונטערט און האָט שוין געקענט זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן: אוודאי האָט זי פּרובירט פֿאַרשיידענע טעטיקייטן, כדי צו פֿאַרטרייבן דעם נאָגנדיקן אומעט: צו העלפֿן קראַנקע, אָרימע. אין אָנפֿאַנג האָט דאָס איר אַביסל באַפֿרידיקט, אָבער וואָס ווייטער האָט איר אַלץ מער געפּייניקט די איינזאַמקייט. עס האָט איר שטאַרק אָנגעהויבן ציִען צוריק אין שאַפּ אַריין, צו דעם האָוועדיקן, רוישנדיקן לעבן. איר

קליינע היים, איר שטיקל אָפּרו־ווינקל, האָט אָנגעהויבן ווערן פאַר איר אַן אָפּקומעניש. — גיין צו אָפּט צו די קינדער וויל זי ניט, און זיצן דאָרטן צו־לאַנג וויל זי אויך ניט: צו וואָס זאָלן זיי דערפילן אין איר אַ לאַסט פון הילפלאָזן עלטער?...

פון דעם טעלעפאָן איז דער טשערמאַן אַוועק אין אָפּיס. נאָך אַ לענגערן זאַמען זיך האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן קומט פאַר אַן אַמפּערניש. מען האָט פאַרגעשלאָגן, אַז זי זאָל קענען קומען אין שאַפּ און דאָרט זיצן ווי לאַנג זי וועט וועלן, אָבער נישט אַרבעטן. אָבער דאָס האָט ענדזשין אינגאַנצן דערשלאָגן. זי האָט זיך געפילט באַליידיקט. אירע הענט האָבן זיך געביילט אין פויסטן. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דער ריכטונג צום אָפּיס. דער טשערמאַן האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג; ער האָט ענדזשין אָנגענומען פאַר די הענט, דערקלערט, אַז דער אַלטער פינקל איז ניטאָ אין שטאָט. ער איז אויף וואַקאַציע אין פלאָרידע. און זיינע צוויי יורשים — ווייסט זי דאָך, אַז זיי האָבן שוין לאַנג געחלומט פון איר פּטור ווערן... די דאָזיקע דערקלערונג האָט איר אַביסל באַרואיקט, אַז דאָס קומט ניט פון דעם אַלטן באַלעבאָס... אָבער דער אויפברויז אין איר האָט זיך ניט אינגאַנצן איינגעשטילט. מיט אַ געבראָכן קול האָט זי איינגעטענהט: — אויב צו בלייבן אין שאַפּ, איז מיט אַלע רעכטן ווי פריער. — זיך דינגען פאַר פרייזן, טיילן די אַרבעט, זיך באַטייליקן אין אַלע שאַפּ־קאַמפן; אַלץ, אַלץ ווי פריער.

די עטלעכע האַרציקע ווערטער האָבן אויפגעשטורעמט דעם שאַפּ. נאָך אַ קאַמף מיטן באָסעס בנים אינם שאַפּ־אָפּיס, איז דער טשערמאַן צוריק אַריינגעקומען. אויף זיין פּנים זיינען נאָך געווען שפּורן פון באַ־הערשטער אויפרעגונג... ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ ליידיק בענקל, האָט עס אַריינגערוקט אויף דעם זעלבן פּלאַץ וואו ענדזשי איז פריער געזעסן, און הויך אויסגערופן: „ענדזשי! דו ביזט צוריק אַ האַנט אין שאַפּ, מיט אַלע רעכטן ווי פריער". מיט האַסט איז ער אַוועק צום עלעקטרישן קעסטעלע אויפן וואַנט. עס האָט ווי אַ פּלאַץ געטאָן אַ זשומענדיקער געברום, און מיטאַמאָל פאַרשלונגען די שטילקייט פון שאַפּ.

ביל, דעם באָס' יינגערער זון, האָט אַוועקגעלייגט לעבן ענדזשין אַ בינטל דרעסעס און איר צוגעוואָרפן אַן אָפענעם פיינטלעכן בליק. פייערלעך האָבן אַ בליץ געטאָן אין ענדזשיס אויגן. — אויף שטיקער וואָלט זי זיי צעריסן, אָט די פוילע שנעקעס! אפילו לערנען האָבן זיי זיך געפוילט. א י ר ע קינדער האָבן שווער געאַרבעט פאַר זייער בילדונג,

און ז י י האָבן געוואָרט פאַרן גרייטן. זי האָט געדאַרפט אָוועקרייסן די נויטיקסטע צייט פון אירע קינדער און פון איר קראַנקן מאַן. געקומען פרי אין שאַפּ, אָוועקגעגאַנגען שפּעט, אָוועקגעגעבן די זונטאָגס אַפילו; מיט הינטישער געטריישאַפט האָט זי געגלויבט זיין אַרויפגעצויגענעם רחמנות־פּנים — אַז „ער דערלייגט צו די ביזנעס״, אַז ער וועט איר שפּעטער פאַרגיטיקן, זאָל זי אים נאָר איצט אַרויסהעלפן. — און זי, דער נאַר, האָט געהאָלפן... געאַרבעט פאַר צוויי, איינגעשפּאָרט אים נאָך אַן אַרבעטער פאַר אַ פּאָר צוגעוואָרפענע דאָלער... די אַלע ווערטער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון איר מויל מיט אַ ווייט־פאַרטראַכטן בליק, מיט ווייטאָג אין איר שטים, מיט אַ טיפער חרטה... זי האָט אויפגעכאַפּט די בליקן אויף איר פון די צוויי נייע פינישערינס, ווי זיי וואָלטן פרעגן מיט שטוי־נונג — וואָס מיינט זי מיט די דאָזיקע רייד?...

האָט זי זיך געווענדעט צו די צוויי נייע, און גענומען דערציילן זיי דאָס, וואָס די שאַפּ־אַרבעטער האָבן שוין פיל מאָל געהערט. זי האָט גע־וואָלט, אַז די נייע זאָלן אויך וויסן וועגן איר יחוס אין דעם דאָזיקן שאַפּ:

„מיט דרייסיק יאָר צוריק איז עס געווען. מר. פינקל (דאַן האָט ער נאָך געהייסן בעני פינקלשטיין) איז נאָך געווען אַ גרינער. מיר האָבן געאַרבעט אין איין שאַפּ. צוזאַמען זיינען מיר געשטאַנען 16 וואָכן אין סטרייק. ער האָט נאָך ניט געקענט קיין ענגליש. ער האָט אָבער אַלעמען צוגעגעבן מוט. אויפן פּיקעט־ליין פלעגט ער שטענדיק זיין פון די ערשטע. ער פלעגט מיט שטאָלץ דערציילן, אַז אין דער אַלטער היים פלעגט ער ריידן אויף „מאַסאָוקעס״; אַז ער האָט אין זיין שטאָט אָרגאַני־זירט דעם שניידער־פאַך. אַלע אַרבעטער פון שאַפּ האָבן אים ליב געקראַגן.

„דעם סטרייק האָט מען פאַרלאָרן. דער באָס האָט אויפגעגעבן דעם שאַפּ. די לעצטע פּאָר טעג פון סטרייק האָט ער איר פאַרטרויעט, אַז ער מיט זיין ווייבס אַ קרוב עפענען אַליין אַ דרעס־שאַפּ. יענער גיט די געלט און ער—זיינע קענטעניש. ער האָט איר אָנגעבאָטן דעם ערשטן דזשאָב ביי אים. ער האָט געוואוסט ווי שנעל און גוט איך בין. איך האָב זיך אָנגעכאַפּט מיט פרייד, ווייל ער האָט מיר פאַרזיכערט, און איך אַליין האָב דעמאָלט „פאַרשטאַנען״ אַז ער וועט ניט זיין ווי אַלע אַנדערע באָסעס. אַך, ווי ווייניק איך האָב דעמאָלט געניצט מיין קאָפּ!

מיין מאַן איז דעמאָלט געווען אַ מענער־שניידער. ער איז אָבער באַלד קראַנק געוואָרן אויף די לונגען, און איך האָב שוין געדאַרפט ווערן די שפּייזערין פאַר אים און פאַר אונזערע צוויי קינדער. מיין מאַן פלעגט

מיר שטענדיק פּאַראַויסזאָגן, אַז איך נאָר זיך אָפּ אין באָס׳ אויפמערקזאַמ־קייט; אַז איך וועל נאָך סטרייקן ביי אים פאַר אַ יוניאָן־שאָפּ; אַז אויב ער קען שוין זיין אַ באָס, וועט ער ניט זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע...

— ער איז געווען גערעכט, מיין קלוגער מאַן — האָט זי פאַרגעזעצט נאָך אַ ווײַלע שווייגן — זיין שאָפּ איז געוואָרן גרעסער און גרעסער. זעקס וואָכן האָט מען ביי אים געסטרייקט פאַר אַ יוניאָן־שאָפּ.

די גאַנצע צייט פון סטרייק האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן פון די סטרייקערס. און ווען איך האָב אים איין מאָל געפּאַקט ביים עלעוויטער בעת ער איז אַריין דורך אַ הינטער־טיר, האָט ער פאַר מיר ווידער אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ רחמנות־פּנים:

— דו ווייסט דאָך, ענדזשי, אַז דער געלט־שידוך איז מיין שותף. ער דערלאָזט ניט קיין יוניאָן־שאָפּ. — איך האָב מיט חוזק אים אַריינ־געלאַכט אין פּנים אַריין. — קומט מיט אונז אין פּיקעט־ליין, מר. פינקל, ווי אַמאָל, איר געדענקט?... דערווייל איז דער עלעוויטער אָנגעקומען, ער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ צאָרנדיקן בליק. אויפן מאָמענט בין איך געוואָרן אַזוי אויפגעברויזט, אַז איך האָב אים נאָכגעשיקט אַ גאַלגן־שפּיי...

זי האָט זיך ניט געשעמט צו דערציילן די אַרבעטער וועגן דעם שפּיי. אַלע האָבן געלאַכט מיט גרויס הנאה, נאָר זי האָט ניט געקענט דערגיין, צי מען לאַכט פון איר, צי מען איז צופרידן מיטן שפּיי...

— נו, וואָס ווייטער? — האָט איינע פון די מיידלעך געוואָלט וויסן.

— יאָ, עס איז געוואָרן דאָן אַ יוניאָן־שאָפּ. און דאָן האָב איך באַ־שלאָסן, אַז איך וועל פון אים אַראָפּרייסן זיין מאַסקע... איך וועל אים אויך ווייזן וואָס איך קען...

ווייטער האָט ענדזשי דערציילט ווי זי איז געוואָרן אַקטיוו אין שאָפּ. זי איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז קיינע פון די יוניאָן־פּונקטן זאָל ניט פאַרלעצט ווערן. פון דאַן אָן איז זי געוואָרן פאַר אים אַ גע־שפּענסט. ער האָט פּרובירט אַלערליי מיטלען פון איר פּטור צו ווערן.

— אַ, יאָ — האָט זי דאַן צוגעגעבן מיט אַן איראָנישן שמייכל — עס איז געווען ביי אים צייטנווייז געוויסע שטימונגען, וואָס ער האָט געוואָלט מיט איר גוט ווערן. זי פלעגט אָבער מיט פאַראַכטונג זיך ניט אומקוקן אויף זיינע פריינטלעכע שמייכלעך. דער שותף איז שוין געווען אויף יענער וועלט.

ענדזשי איז געווען צופיל צערודערט אַז זי זאָל זיך קענען נעמען צו דער אַרבעט. זי האָט גענומען אַ שפּאַציר צווישן די רייען מאַשינען, אָפּגעשטעלט זיך לעבן יעדן איינעם. יעדערער איז דאַן געווען פאַר איר

אַזוי ליב און נאָענט, ווי אַ צוריקגעפונענע משפּחה. אויסגעפרעגט יעדן איינעם וועגן פּערזענלעכע פּאַסירונגען, זינט דער צייט וואָס זי איז געווען אַוועק. ווען זי איז צוגעקומען צו נייטענען, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון ווידער פרעגן איר:

— וואָס אַזוינס האָט אייך געצויגן צוריק אין שאַפּ אַריין? ווען איך זאָל קענען פּטור ווערן פון שאַפּ, וואָלט איך קיינמאָל ניט געבענקט צוריק. דאָ איז דאָך בלויז ערגעריניש און שווערע פּראַצע.

זי האָט אים גלייך איבערגעשלאָגן: — איר מוזט אָבער צוגעבן, אין שאַפּ זיינען אויך דאָ פּריידיקע מאָמענטן! זי האָט אים אָנגעהויבן אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל: חתונה־„פּאַרדיס", געבורטסטאָגן, געזונט־פּייערונגען, און אפילו ביי סטרייקס און „סטאָפּעדזשעס" זיינען אויך פאַראַן קאָלעקטיווע אונטערהאַנדלונגען. היינט די אַלגעמיינע פרייד פון געוויסע אַרבעטער געווינסן. — יאָ, אָט נאָך דעם דאָזיקן דינאַמישן לעבן האָט זי שטאַרק געבענקט...

סעם דער וויצלער, לעבן נייטענס מאַשין, האָט זיך אָנגערופן אויף זיין וויציקן שטייגער:

— ענדזשי, עפּעס שמועסט מען, אַז נאָך אונדזערע שטורמישע אַרבעטסלאָזע דעמאָנסטראַציעס האָט אַ סענאַטאָר פאָרגעשלאָגן אין סענאַט סאָציאַלע פאַרזיכערונג. אויב עס וועט טאַקע געשען, וועל איך מיט נייטען פאַרלאָזן דעם שאַפּ אַ סך פריער פון די זיבעציקער, דאַן וועלן מיר אַלע דריי אַ לעב טאָן! מיר וועלן שוין וויסן ווי אַזוי צו לעבן און האָבן אויך אַביסעלע פאַרגעניגן. זי האָט אומעטיק געשמייכלט. — האָ, ביז דאַן... זי האָט אַראָפּגעשלונגען די איבעריקע ווערטער, מיט אַן אויס־דרוק פון ביטול, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט...

ווען דער אַלטער פּינקל האָט אין אַ וואָך געטראָפן ענדזשין צוריק אין שאַפּ, איז ער געבליבן שטיין מיט שטוינונג. ער איז גלייך אַוועק צום שאַפּ־טשערמאַן, וואו ער האָט זיך אַלץ דערוואוסט. מיט אַ כמורנעם פּנים האָט ער זיך שטיל אַרויסגערוקט פון שאַפּ. באַלד האָט מען דערזען זיינע ביידע בנים זיך אַרומדרייען אין שאַפּ, מיט בייזע פּנימער, געזוכט צו זיין פאַרנומען מיט עפּעס... דאָס איז שוין געווען אַ צייכן אַז זיי זיינען אַנטלאָפן פון אַ קריג מיטן פאָטער, כדי זיינע קולות זאָלן זיך ניט הערן איבערן שאַפּ.

צוועלף אַזייגער, ווען אַלע זיינען געזעסן ביי דעם לאַנגן עס־טיש, האָט מען מיטאַמאָל דערהערט דעם באַקאַנטן שווערן סאָפּען פון מר.

פינקלען. ער האָט געשפּאַנט מיט אימפּעט, ער האָט געטראָגן פאַר זיך א טאַץ מיט צוויי פלעשער וויין, גלעזלעך, און אַ טאַץ מיט קיכעלעך.

— מיר וועלן איצט טרינקען אַ לחיים צו ענדזשי׳ס צוריקקומען — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. — מיינע יינגלעך האָבן זיך באַנאַרישט, איר ווייסט דאָך „אַמעריקאַנער קינדער״, אַלץ פאַרמאָגן זיי: שיינע מאַנירן, גלאַטע רייד, געהויבענעם אָנשטעל, אָבער נשמה איז ניטאָ.

גייטן מיטן טשערמאַן האָבן זיך איבערגעקוקט: „ווער עס רעדט פון נשמה״...

פינקל האָט אָנגעפילט די גלעזלעך. די ערשטע צוויי האָט ער צוגעטראָגן צו ענדזשין, צום פינישינג טיש. ער האָט איר דערלאַנגט דאָס גלעזל, אָנגעקלאַפּט זיינע אין אירער, און אָן ווערטער איר געדריקט די האַנט. זי האָט דאַן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אים אויסצומיידן זיין אַמאָליקן רחמנות־בליק.

— דו וועסט מיר שוין מער ניט אָפּנאַרן מיט דיין פאַלשן אָנשטעל — האָט איר אַ ברען געטאָן אַ כעס פאַר דעם אַמאָל... אַלע אין שאַפּ האָבן געוואוסט, אַז אין דעם צו־להכעיס שפּיל, וואָס מר. פינקל פירט מיט זיינע בנים, געווינט דער שאַפּ געוויסע קאַנצעסיעס. כדי זיך אָפּצורעכענען מיט זיינע זין פאַר זייער ביטול־באַציאונג צו אים, און אום צו ווייזן זיי אַז ער בלייבט באַלעבאָס... נישט וואָס דער וואָלף איז געוואָרן אויס וואָלף. ווען די אַרבעטער פלעגן דערהערן אַ קריג אין אָפיס, פלעגט מען זיך שוין ווייצלען, אַז עפּעס וועט מען שוין געווינען נאָך זייער קריג...

פון דאַן אָן האָט מר. פינקל ניט אויפגעהערט זיין פריינטלען זיך מיט ענדזשי... אַממערסטן פלעגט ער צוקומען צו איר אין מאָמענטן פון כעס און פאַרביטערונג קעגן זיינע זין. מיט אַ צעפלאַמטן פּנים פלעגט ער פאַר איר זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, אַז ער ווייסט, אַז ער איז פאַר זיינען יורשים ווי אַ שטאָך אין אויג; אַז ער פילט זייער שנאה צו אים. ער פלעגט איר שטיל דערציילן ווי אַזוי זיי זוכן אַלערליי מיטלען וואָס שנעלער פּטור ווערן פון אים.

ענדזשי פלעגט אים אויסהערן מיט אַ געוויסער העפלעכקייט, אָבער שטיל אין זיך האָט אין איר געטליעט אַ געוויסע נקמה... און כדי זיך אַ רייץ צו טאָן מיט אים, פלעגט זי אים דערציילן פון אירע קינדער, ווי געטריי זיי זיינען איר, און ווי זיי באַרימען זיך פאַר זייערע פריינט מיט איר שטאָלצער האַלטונג, און אַז עס איז איינגעשטעלט צווישן זיי אַן אינטימע חברשאַפט. דערביי פלעגט זי אים נאָך אַ שטאָך טאָן, אַז אירע

קינדער זיינען געלערנטע, זיי האָבן טאַקע שווער געאַרבעט, האָבן אָבער געענדיקט קאַלעדזש און האָבן פיינע שטעלעס.

נאָך אַזלכע געשפּרעכן פּלעגט ענדזשי זיך טיילן מיט די פרויען אַרום טיש מיט אירע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען: אַז דער הונט איז ווערט דעם טשעקן... אַז ער האָט בלויז געקענט זיין אַ כיטרער באַלעבאָס אָפּצונאַרן מיט קלענערע פּרייזן און אַרויסקריגן מער שטעך... אָבער אויסער דעם שאַפּ און פּראָפיטן, „האָט דאָס קיין שכל ניט״...

זינט ענדזשיס צוריקקומען אין שאַפּ האָט דער אַלטער פינקל אָפּגעשפּילט נאָך אַ שפּיצל זיינע זין און איינגעפּירט, אַז יעדן יאָר זאָל דער שאַפּ פייערן ענדזשיס געבורטסטאָג. ער האָט באַזאָרגט זיין אייגענעם כיבוד מיט אַ פולער האַנט: ווין און בראָנפן. טאָני דער פּרעסער, אין די פריע פּערציקער, אַ שלאַנקער, מיט אַ לענגלעך איידל פּנים און שוואַרצע קלוגע אויגן, האָט נאָך ניט אויפגעגעבן די האָפענונג צו ווערן אַ בינע־מענטש. נאָך אַ כוסה פּלעגט ער אַרויסווייזן זיין טאַלאַנט פון אימיטירן די מאָווי־סטאַרס, דערביי שוין אויך אַריינגעכאַפּט צו אימיטירן געוויסע שאַפּ־טיפּן. פּעני די „פינקערין״ איז שטענדיק געווען זיין ערשטער קרבן. פאַר פיר יאָר וואָס זי אַרבעט אין שאַפּ האַלט זי זיך נאָך אַלץ ביי די פופציק יאָר, ווי זי האָט אָנגעגעבן ווען זי איז אָנגעקומען. זי אַרבעט אָן אַ יוניאָן־ביכל, ווייל זי האָט געדאַרפט זיין אַ ציטיזן־ציטיווייליקע, פאַרן „ביזי״־סעזאָן. אָבער אַזוי ווי דער באָס האָט איר געלאָזט בלייבן אין שאַפּ, האָט דער טשערמאַן שוין אויך געמאַכט אַ שוויג, כדי ער זאָל ניט ערגער מאַכן, אַז מען זאָל זי אינגאַנצן ניט אָוועקשיקן. ווייסנדיק אַז זי איז אין שאַפּ אָן בירגער־רעכט, האָט זי זיך געהאַלטן שטיל, צוריקגעצויגן מיט אַ פאַרטרויערט פּנימל. מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן די „בלו־דזשיי״, ווייל זי האָט קיינמאָל ניט געגאַנגען מיט אַ נאַרמאַלן שפּאַן, נאָר שטענדיק מיט געדיכטע שריטעלעך, ווי געלאָפן מטי אַ שפּרונג.

טאָני פּלעגט איר נאָכמאַכן, ווי זי טראָגט די גרויסע „באַנדלעך״ דרעסעס, וואָס פאַרדעקט זי אינגאַנצן, און שפּרינגט צווישן די רייען מאַשינען ווי אַ ווינזעלע. טאָני פּלעגט אויך ניט דורכלאָזן אַנדערע מיט געוויסע כאַראַקטער־שטריכן. מר. פינקל פּלעגט קייכן פון געלעכטער פון טאָניס אימיטאַציעס. די אַנדערע פּלעגן געשמאַק לאַכן, בלויז קוקנדיק אויפן באָס, ווי זיין פולער לויזער פּנים טרייסלט זיך, מיט די שמאָלע פאַרגאָסענע אייגעלעך.

איינס אַזייגער, ווען מען איז שוין צוריק געזעסן ביי די מאַשינען

מיט פאַרשלאָסענע מוחות, איז ענדזשי, ווי נאָך יעדער פּייערונג, צוגע־גאַנגען צו די אימיטירטע און געבעטן אַנטשולדיקונג, וואָס צוליב איר זיינען זיי געטראָפן געוואָרן. אָבער טאַנין האָבן אַלע ליב געהאַט און מען איז ניט געווע ברוגז אויף אים.

* * *

עס איז געווען אַ פּאָר וואָכן נאָך ענדזשילינאַ׳ס זיבעציקסטער געבורטסטאָג־פּייערונג, אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג, די וואָכן־הענט האָבן אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אויפן וואַנט־זייגער — אַט, נאָך אַ שעה, און דער טאָג איז געענדיקט. די שטיק־אַרבעטער האָבן מיט פאַרדריסלעכע בליקן, ווי באַשולדיקט דעם זייגער, וואָס די שעהן לויפן, און מען האָט זיך צעיאָגט צו אַריינכאַפּן נאָך אַ פּאָר אַפּגענייטע נעט.

פּלוצלונג איז אַריינגעקומען דער עלטערער זון, פּאָול, אַ בלאַסער, מיט אַ פאַרטראָגענעם טעמפּן בליק אין די אויגן. ער האָט געזאָגט אַ פּאָר שטילע ווערטער דעם טשערמאַן און שנעל זיך אַרויסגעאיילט פון שאָפּ.

באַלד האָט מען זיך דערוואוסט... מר. פינקל איז געשטאָרבן אין פלאָרידאַ. דער שאָפּ וועט זיין פאַרמאַכט עטלעכע טעג.

קיינער האָט ניט באַמערקט ווי שנעל ענדזשעלינאַ האָט זיך אַרויס־געדרוקט פון שאָפּ. אינדרויסן האָט איר ערשט אַרומגענומען אַ קלעם פון דערשלאָגנקייט. זי האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי זי וואָלט פאַרלאָרן איר גלייכגעוויכט. זי האָט זיך געלאָזט גיין, אינגאַנצן אָן אויסגעליידיקטע, מיט אַ פאַרטעמפּטן מוח און אַ פאַרשטייפּט האַרץ. זי האָט אַרומגעבלאָנ־קעט אין די רוישנדיקע גאַסן. זי האָט געשפּרייזט אָן אַ ציל, אַ פאַרגעסענע פון צייט און רוים, ביז זי האָט דערפילט אַ מידקייט אין אירע פיס און אַ דראַנג זיך אָוועקצוזעצן ערגעץ. דער שפּעט־האַרבסטיקער אָוונט איז געקומען מיט אַ פרירנדיקן ווינט און האָט זי ווי אַריינגעכאַפּט אין קאַלטע קלאַמערן.

זי האָט אַליין ניט געוואוסט ווי אירע מידע פיס האָבן זי אַריינגע־פירט אין דעם קליינעם קלויסטערל. אין דער מיסטישער טונקלקייט האָט זיך זיך געפונען זיצן אויף איינער פון די לעצטע בענק. וואו ניט וואו זיינען דאָרטן געזעסן מענטשלעכע געשטאַלטן, איינגעהליט אין אַ מין סודותדיקייט. אַרום די לאַנגע ברענענדיקע ליכט לעבן אַלטאַר האָבן געקניט מענטשלעכע שאָטנס. ווען זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט האָט זי אויך געזען יונגע מיידלשע פּנימער. אַלץ האָט איר אויסגעקוקט אַזוי פּו־עמד און קאָמיש... זי איז ניט געווען רעליגיעז, דאָס איז איר געבליבן

ווי אַ ירושה פון איר אויפגעקלערטן מאַן. כדי ניט אַריינצופאַלן אין די שכנישע מיילער פלעגט זי יום־טובים זיך אַריינכאַפן אין קלויסטער.

זי איז נאָך אַלץ געזעסן פאַרזונקען ווי אין אַ הינער־פּלעט. זי האָט מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך דעם דאָרן אַלטיטשקן גלח: — דו אַדרפּסט עפּעס? — האָט ער איר שטיל פּאַטערלעך געפרעגט. זי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף ווי פון אַ חלום. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז זי איז געבליבן אינם קלויסטערל די לעצטע. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און האָט זיך אַרויסגעלאָזט אינדרויסן.

אויף דעם באַלויכטענעם שטאָטישן זייגער האָט זי דערזען אַז עס איז שוין נאָך 8. זי איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע. וואָס האָט פּאַסירט מיט איר?... מיטאַמאָל האָט איר געגעבן ווי אַ זעץ אין מוח: — מיינע קינדער! — האָט זי מיט שרעק אַרויסגערעדט אין דער הויך. ווי אַ געיאָגטע האָט זי אָנגעהויבן לויפן צו דער נאָענטסטער אונטערבאַן־סטאַנציע. זי האָט שוין פון ווייטנס דערזען ליכט אין אירע פענצטער.

דאָס זיינען געווען אירע קינדער. זיי האָבן זי נישט געטראָפן אין דער היים און איבערגעקלערט שוין ווער ווייסט וואָס מיט זייער מוטער האָט פּאַסירט. זי האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג שוין אויסזאָגן די קינדער דעם אמת פון איר אַרומבלאָנקען, אַז זי האָט זיך עפּעס דערשראָקן פאַר אַזאַ פלוצלינגדיקן טויט ווי איר באָס; אַז עס האָט איר געטראָגן צו אַנט־לויפן ווי פון אַ נאָכיאָגנדיקן געשפּענסט... אָבער באַלד האָט זי זיך באַהערשט, ווי איר געוואוינהייט איז געווען, פריער איבערטראַכטן זאַכן, און גלייך באַשלאָסן: ניין, זאָלן זיי ניט וויסן, זי טאָר זיי ניט איבערשרעקן.

ווען זי איז שוין געלעגן אין בעט, אַן איינגעדעקטע, אָן אָנגעקוקשטע, האָט זי זיך דערפילט דערפרישט מיט נייעם כוח. אין איר וויזיע האָט זי ווידעראַמאָל דערזען דעם אָמאָליקן יונגן פינקלשטיין, וועלכער איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער אויף דער פּיקעט־ליין; אַלעמען צוגעגעבן מוט און אַלע האָבן אים ליב געהאַט. אַ מאָדנער ווידערגעפיל האָט איר דורכגענומען... אין אַריינגעפאַלענעם דרימל האָט זי שטיל געשעפּטשעט:

— מר. פינקל: מיין אַוועקגיין וועט זיין אַ שענערער ווי דיינער... מיין אַוועקגאַנג וועט ניט זיין אַזאַ פאַרהאַסטער, פאַרשטויסענער ווי דיינער.

דורך איר מידן מוח האָט נאָך דורכגעשוועבט די קליינע פּעני. — וואָס וועט איצט זיין מיט איר?... — האָט זי נאָך באַמיט זיך עפּעס צו טראַכטן. אָבער דער שלאָף האָט איר באַזיגט. אין טיפן דרימל האָט זי געהערט אין זיך אַן אינערלעכע שטים: „פּעני, וועסט מוזן בלייבן אין שאָפּ. מיר וועלן זיך איינשטעלן פאַר דיר.“

אין געראַנגל

בײַ אַ זײַט אין אַ שטאָטישן פּאַרק פֿון אַן אָרעמער געגנט, לעבן אַן אײַזערנער אָפּצאַמונג, אונטער אַ שוואַך באַלױכטענעם לאַמטערן, אויף אַ נאַסער באַנק, איז געזעסן אַ מענטשלעכע פֿיגור, אײַנגעקאָרטשעט אין אַ קורצן רעקל. ער איז אַזוי אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט.

דער פֿאַרטאָג איז געקומען מיט אַ קילן, צפֿונדיקן ווינט; פֿלאַכטעס פֿון נאַכטיקן נעפּל זײַנען, מיט בלויער דורכזיכטיקייט, געשוווּנמען איבער די טונקל־בלויע שפּיצן פֿון די אַרומיקע הויכע בערג. אַראָפּגעהאַנגענע נאַסע צווײַגן האָבן מיט ווינטיקן געדריש אַראָפּגעטרייסלט די שווערע טוי־טראָפּנס פֿון די שיטערע האַבסטיקע בלעטער, און מיט אָפּגעוואַשענעם גלאַנץ זיך געהויבן אין דער הויך. לאַמטערנעס האָבן אָנגעהויבן זיך אויסלייטערן און געוואָרפֿן אַ העלן שײַן אויף די, פֿון נעפּל אַרויסגעהויבענע קאַנטורן, פֿון די אַרומקיע געגנשטאַנדן.

אַנטקעגן פֿאַרטאָג האָט פֿון אַ גרויער אַלטער געבײַדע, אין אַ געדיכט באַוואוינטער גאַס, אַרום פּאַרק, זיך אַרויסגעשאַרט אַ דאַר, דין מענטשל. אַ לויז, דין רעקל האָט פֿון אים אַראָפּגעהאַנגען, ווי אויף אַ פֿלאַך־ברעטלדיקער שטוטשעלע. צווישן די אויסגעדרייטע, לאַנגע, שפּיצייקע שיך און טריפֿלדיקע הויזן, האָבן אַרויסגעקוקט שטיקער נאַקעט לײַב. זײַן שטאַרער בליק פֿון די פֿאַרגאָסענע רויטלעכע אויגן, גערי‌כטעט צום פּאַרקל. ער האָט זיך געלאָזט גיין אין יענער ריכטונג. מיט געאײַלטע טריט איז ער צוגעקומען צו דער באַנק און מיט אַשאַרפֿן אויסבויג צום פּנים פֿון דעם זיצנדיקן, האָט ער מיט אַ נאַטירלעכער היימישקייט געפֿרעגט:

— „באָדי", ביזט דאָ געזעסן אַ גאַנצע נאַכט? — און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פֿון קעשענע אַ פֿלעשל מיט אַ ביסל פֿליסיקייט.

— טרינק דאָס אויס וועט דיר ווערן וואַרעמער — האָט ער אַרויסגערעדט אין אַן אינטימען טאָן. די ווערטער זײַנען פֿון אים געפֿאַלן ווייכע, דריבנע, מיט האַלב שיכורער צערטלעכקייט.

דאָס מענטשל איז געבליבן שטיין געפּלעפּט, ווען יענער האָט אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ. ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ יונגן מענטשן מיט אַ רײַן,

גלאַט פּנים. ער האָט געגעבן אַ פּיר זיינע אויגן איבער זיין הולך — אַ בלוי, כּמעט ניי־געפּרעסטע אויבער־העמד, דער אַנצוג ריין און נעט, אפילו די הויכע שיך האָבן געגלאַנצט מיט נייקייט. בלויז די דיקע זוילן האָבן באַצייכנט, אַז זיי זיינען געמאַכט פאַר באַרג־קלעטערער. זיין וואַנ־דערנדיקער בליק איז געבליבן הענגען אויף דעם נייעם געלן רוק־זעקל, אונטער זיין רוקן. ער האָט אַ רגע געטראַכט און מיטאַמאָל אַלץ פאַר־שטאַנען...

— אַנטשולדיק, איך האָב געמאַכט אַ טעות, דו ביזט ניט פון מיין מין... — האָט ער שטיל ווי אַרויסגעזיפּט צווישן די ציין. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, זיי האָבן זיך אַ מאָמענט אָנגעקוקט מיט אַן אינטימען, פריינטלעכן בליק. דאָס מענטשל האָט אים ווידער אונטערגערוקט דאָס פלעשל: — ווילסט אַ טרונק טאָן? — האָט ער אים געפרעגט היימיש. יענער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם מענטשלס געלע פאַרפאַפטע ציין און האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין...

ער האָט דאָס גלייך דערפילט. אַ באַליידיקטער אויסדרוק האָט דורכגעדרונגען זיין איינגעפאַלן בלאַס פּנים, די דינע שפּיציקע נאָז און די שפּיציקע מאָרדעטשקע האָט מיט שאַרפקייט זיך אַ הויב־געטאָן. ער האָט אַריינגערוקט דאָס פלעשל צוריק אין קעשענע און האָט זיך געלאָזט גיין. נאָך עטלעכע שפּאַן איז ער שטיין געבליבן — קענטיק ווי ער האָט עפּעס דורכגעטראַכט. מיט אַ פּאָר ברייטע שפּאַן איז ער צוריק געשאַטנען לעבן באַנק.

— אַנטשולדיקט, מיסטער, איך וויל זיך דאָ צוזעצן. די באַנק איז שוין פון לאַנג מיינע. דער בחור האָט אים צוגעוואָרפן אַ חוזק־שמייכל:

— עס איז דיין באַנק? האָסט זי דאָ אַליין אַוועקגעשטעלט? — האָט ער אַרויסרופנדיק געפרעגט.

— ניין, דאָס באַלאַנגט צום פּאַרק. אָבער אָט־די באַנק ברענגט מיך אַלע מאָל צוריק אין שטאָט. ווי אַ כּישוף ציט זי מיך אַהער, און זי האַקט איבער מיינע וואַנדער־וועגן... דער בחור האָט געקוקט אויף אים מיט אַן אָפענעם בליק פון ביטול:וואָס אַ שיכּור קען פּלאַפּלען... אַ גלימער פון צאָרן האָט אַ פינקל געטאָן אין דעם מענטשלס אויסגעלאָשענע אויגן.

— איך בין איצט נישט שיכּור — האָט ער אים צוגעוואָרפן אַ פאַר־ביטערטן בליק — איך האָב בלויז אַ זופּ געטאָן, זיך צו דערוואַרעמען אַביסל. איך בין אויך אַמאָל געווען אַ ווירדיקער מענטש; עס האָבן

מיט מיר אויך פּאַסירט זאַכן... דער בחור האָט זיך אַ שאַרפן קער געטאָן צו אים: — ווילסט דערציילן, „באַדי", איך וועל דיך גערן אויסהערן...

ביים וואָרט „באַדי" האָט דאָס מענטשל אויף אים אָנגעשטעלט זיינע אויגן מיט אַ דערפרייענדיקן בליק.

— לאָמיר זיך פאָרשטעלן — האָט ער זיך געווענדעט צום בחור מיט אַ ווייכן, פריינטלעכן טאָן. — מיין נאָמען איז יצחק — האָט דער בחור שנעל געענטפערט. — מיין נאָמען איז דען, דעניעל, האָט מיין עגנעס מיך גערופן—דעניעל, מלאך... ער האָט זיך פאַרטראַכט מיט אַ וויטן בליק און, ווי צו זיך אַליין גערעדט צעוואָרפענע, אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— אָט אויף דער באַנק האָב איך געטראָפן עגנעסן. אַ צאַרטע, אַ שוואַכינקע איז זי געווען. אַנטלאָפן פון אַ שלעכטער שטיפמוטער, ווי אַן אַראָפּגעפאַלן נאַקעט פייגעלע, האָט זי געציטערט — מער פון עלנט־קייט, ווי פון קעלט. זי האָט זיך געבעטן ביי מיר: איך בין נאָך ניט קיין שלעכטע... פאַרהיט מיך, באַשיץ מיך... איך וועל מער ניט גיין אַהיים... און איך האָב זי אָפּגעהיט, זי באַשיצט. ניט געקענט אָנזעטיקן מיט אָט־דער געגאַרטער פרייד, נאָך וועלכער איך האָב געדאַרשט דאָס גאַנצע לעבן. גלייך נאָך מיין געבורט האָט מיין מאַמע אירע אויגן שוין ניט געעפנט; דער טאַטע — ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען... בין פאַרשטיינט געוואָרן פון איינזאַמקייט אין די עלנדע, קאַלטע קינדער־היימען. און דאָ, מיטאַמאָל האָט אַזאַ וואַרעמער, לאַשטשענדיקער שטראַל מיין פאַרפרוירן האַרץ דערוואָרעמט. מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און צאַרטקייט האָט זי זיך שטענדיק געטוליעט צו מיר....

ער האָט מיטאַמאָל זיך אַ קער־געטאָן צו יצחקן, אים טיף אַריינ־געקוקט אין פּנים.

— דו ביזט נאָך גאָר יונג, אייזיק, אפשר ווייסטו נאָך ניט אָט־דעם פריידיקן געפיל, אַז ערגעץ קלאַפּט אַ האַרץ פאַר דיר... און דו דערפילסט זיך אַזוי ווירדיק, אַזוי געהויבן, מיט אַ זיכערקייט, אַז קיינער וועט ניט וואַגן דיר עפּעס שלעכטס צו טאָן. — ער האָט מיט ביטול אַ פאָכע געטאָן מיטן האַנט — נו, וואָס קומט אַרויס... — ער האָט זיך אָפּגעהאַקט אין די רייד, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין אַן אומעטיקן שווייגן. נאָך אַ קורצן וואַרטן האָט יצחק אים אַ טאַרק געטאָן: — וואָס האָט פּאַסירט, דעניעל?

— עס איז דיר שווער צו דערציילן... האָט ער אים געפרעגט אַ גערירטער.

— עס האָט פּאַסירט — האָט ער גערעדט שטיל, פאַר זיך, מיט אַ טרוקן, טעמפּן קול:

— דער קריזיס איז געקומען. די פירמע, וואו איך האָב געהאַט אַ „שיפּינג־דזשאָב", איז פאַרמאַכט געוואָרן. מיין עגנעס איז שוין געווען אין די הויכע חדשים, אַ שוואַכע, אַ בלוט־אָרעמע. זי האָט געדאַרפט האָבן נאַרהאַפטע שפּייז. איך בין אַרומגעלאָפן, געזוכט עפּעס צו טאָן. אַמאָל פלעג איך זיך איינבעטן אין אַ רעסטאָראַן מען זאָל מיר געבן צו וואַשן די געשיר, רייניקן די קיך. מיט אַ פריילעך האַרץ פלעג איך דאַן טראָגן אַ נאַרהאַפטן מאָלצייט פאַר מיין עגנעסן. אָבער ניט אַפט האָט דאָס פּאַסירט. די האַרטע געלע קעזן, די טרוקענע ברוינע בעבלעך, פון די שפּייז־פּעקלעך, פון דער רעגירונגס הילף, האָבן מיר קוים דערצויגן פון איין פּעקל ביזן אַנדערן. מיין עגנעס איז אויסגעצערט געוואָרן; זי האָט קיין כוח ניט געהאַט צו האָבן דאָס קינד. זי איז אויסגעגאַנגען אין די געבורטס־ווייען, אין שטאַטישן שפּיטאָל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף יצחקן מיט אַ פאַרנעפּלטן, טעמפּן בליק.

— איצט פאַרשטייסטו שוין, אייזיק, וואָרום איך בין אַזוי צוגעבונדן צו דער דאָזיקער באַנק?... פון מיין עגנעס' פרישן קבר האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן. אויף די ברייטע, עלנדע וועגן האָב איך ערשט דערזען, וואָס פאַר אַ געבענטשטער שטאַט קאַליפאָרניע איז, פאַר אונדז היימלאָזע הפקר־מענטשן... זיך אַנגעטראָפן מיט אַ סך פון מיינע קאָלעגן־וואַנדערער פון אַלע שטאַטן פון לאַנד. נישטאָ דאָ קיין מורא פאַר קיין פראָסט און זאַווערוכעס. דאָס פעלד ווערט די בעט; דער הימל — אַ דאַך... דאָס מיינט: פריי פון אַלע זאָרגן — האָט יצחק נאָכאַמאָל באַטאָנט מיט ערנסטקייט... אַ טיפער אומעט האָט באַדעקט דענס פּנים. ער האָט אַ טרויעריקן שמייכל געטאָן.

— ניין, אייזיק, דער הימל איז ניט אַלע מאָל מיט גנאָד פאַר די היימלאָזע. עס קומען רעגנס, איינגעגעסענע, נאַסע נעכט; די באַהיימטע, זאַטע מענטשן זיינען רשעותדיק אומעטום. מען טרייבט פון די שייערס, פון יעדן פאַרדעקטן ווינקל. עס מאַטערט דיך אַ שטענדיקער הונגער, אפילו ווען דו עסט שוין צו זאַט דיין ערלעך־פאַרדינטן מאָלצייט, מאַטערט דיך שוין די מורא פאַרן קומענדיקן הונגער, וואָס לויערט אויף דיר...

ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף יצחקן מיט אַ נייגעריקן בליק; זיין פאַרגליווערטע גלייכגילטיקייט האָט ביי אים אַפּגענומען דער חשק צו ריידן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: אָט־דער מענטש איז אַ שווייגנדיקער, אָבער דאָך איז ער אינסטינקטיוו באַווירקט געוואָרן צו עפענען פאַר אים

זיין הארץ, ווי עס איז גאַרניט אין זיין טבע. שוין פון קינדווייז־אָן איז אין אים אָפּגעטעמפּט געוואָרן דער צוטרוי צו מענשן. זיין גאַנץ לעבן איז אַ קייט פון מענטשלעכע רשעות צו אים. אפילו ווען מען האָט אַרויס־געוויזן רחמנות, איז דאָס געווען מיט אַזאַ דערנידערונג, אַז זיין באַליי־דיקט הארץ האָט זיך געבאָדן אין טרערן. אָבער אָט־דער — איז עפּעס באַהויכט מיט אַ געוויסער גוטסקייט. ער האָט אַ זייטיקן בליק אים צו־געוואָרפן; יצחק האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ וואַרעמען שמייכל. ד ע ן האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף ווי פון אַ חלום.

— קוקסט אויס צו זיין אַ גוטער יונג, אייזיק. אָבער, מסתמא האָסטו דיינע אורזאַכן צו וואַנדערן אין עלנטקייט. איך וויל דיך אָבער צופיל ניט אָנשרעקן, דו ווייסט דאָס שוין אַליין אויסגעפינען, אַז קוים ווערט מען נאָר ביי זיך אַליין הפקר, דאַן איז שוין דאָס לעבן גאָר גרינג... האָסט שוין ניט מורא פאַר קיינע געפאַרן... דיך אַרט שוין ניט וואָס די עסט, וואו דו שלאָפסט. עס שרעקן דיך ניט מער קיינע שוועריקייטן... איך דאַנק דיר פאַר אויסהערן מיך. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט פאַראויס, האָט צו אים אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט ווי אַ געזעגענונג און שנעל אַוועקגעשפּאַנט.

יצחק האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ פאַרפּלאָנטערטן חלום. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף און אים נאָכגעשריגן: — דען, דעניעל! יענער האָט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ און ווידער אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט און אַוועקגעשפּאַנט ווייטער.

יצחק איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזוכט אַראָפּצוטרייסלען אַ טיפן קאָשמאַר. ער האָט פלעגמאַטיש אַ שמייכל געטאָן — צו וואָס, אייגנטלעך, רופט ער אים? און צו וואָס זאָל ער אים נאָכלויפן, אַז ער קען אים אפילו ניט אַרויסהעלפן מיט אַ טעפּעלע קאַווע. ער האָט צווישן די פינגער דורכ־זיפּט אין קעשענע זיינע לעצטע ניינציק סענט. ער האָט זיך ניט געקענט פאַרגינען צו באַצאָלן פאַר נאַכטלעגער, אפילו אין דעם ביליקסטן האָטעל. ווי קען מען זיך אַזוי אַרויסלאָזן אויף פרעמדע וועגן? ער האָט אויסגע־רעכנט, אַז ווען ער וועט דורכקומען מיט דריי זעמל אַ טאָג, און דריי טעפּעלעך קאַווע — וועט דאָס קוים קלעקן אויף פינף טעג צו שטילן דעם הונגער. ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק, ווי צו מאַכן אַ טאָלק אין זיינע נייע אַרויסגעשוואומענע געדאַנקען.

אַ מיסטיש געפיל האָט אים אַרומגענומען פון דער פּלוצימדיקער

באַגעגעניש מיטן אויסגעצערטן קויטיקן „טרעמפּ“, אין וועלכן עס ראַנגלט זיך אַזאַ דינע צאַרטקייט און אַ בענקשאַפט מיט פאַרביטערטקייט און רעזיגנאַציע. — ווען זיין מאַמע זאָל זיך פון אַזעלכעס דערוויסן, וואָלט זי שוין מיט איר הייליקן גלויבן אויסגעטייטשט, אַז דאָס האָבן זייערע פרומע אָבות זיך געמיט פאַר אים, און אַראָפּגעשיקט אַ פאַרשטעלטן מלאך אים אָפּצוקערן פון שלעכטן דרך... אַ טרויעריקער שמייכל שוועבט דורך זיין פּנים. זיי, זיין שוועסטער און שוואָגער, פאַרשטייען ניט, אַז ער וויל זיך בלויז אַוועקרייסן פון די קליינלעכע האַנדל־וואַנדל פּרנסות...

זיי באַגרייפן ניט ווי עס האָט אים געשטיקט אין דעם שוואָגערס קרעמל, מיט די אַלטע שווייסיקע בגדים, און נאָך אַ טיפערער עקל פלעגט אים אָנכאַפּן צום שוואָגער, ווען אַן אָרעמער פעלד־אַרבעטער האָט זיך אויסגעפּוצט אינם אָפּגעטראָגענעם אָנצוג, און ביי אים איבערגעלאָזט דעם גרעסטן טייל פון זיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע פאַרדינסטן... מיט אַ פריידיקן גלי אין זיינע כיטרע אויגן פלעגט אים דער שוואָגער אַ קלאַפּ טאָן איבער דער פּלייצע, און נצחונדיק אויסרופן: — זעסט, יצחקל, ווי מען מאַכט אַ גרינגן טאָלער אין אַמעריקע ?...

פון זיך אַליין האָבן זיך געביילט זיינע אַראָפּגעלאָזטע פויסטן. מיט זודיקן אויפבּרויז האָט זיך געריסן פון אים אַ געשריי: — גזלן! האָסטו גאָרניט קיין געוויסן?... אָבער זיין אויסגעשריי איז געבליבן דערשטיקט אין אים, און אינערלעך געעקבערט, געמאָנט...

זיין פיינטשאַפט צום שוואָגער האָט זיך איבערגעטראָגן צו די אַלע אַנדערע, ניט־יידישע געשעפטס־מענטשן פון דעם קליינעם שטעטל. ער האָט זיי אַלע דערזען אין דעמזעלבן קאָליר. צווישן אַזעלכע איז זיין שוואָגער געווען אַן אָנגעזעענער בכבודיקער בירגער. ווי אַן אייגנטימער פון אַ שיינער, גרויסער געביידע, געפינט זיך זיין נאָמען אויפן צעטל פון די געריכט געשוואוירענע. עס האָט אים געשלעפּט און געצויגן פון שטעטל אַרויס.

דאָס גראַבלדיקע קריכן פון אַ וועוועריקע אויפן בוים, האָט איבער־געריסן זיינע רעיונות: דאָס שיין, זשוואַווע באַשעפעניש האָט זיך אַוועק־געשטעלט קעגן אים אויף די צוויי הינטערשטע פיסלעך, און געקוקט אויף אים מיט אַן אַרויסגעשטעלטער מאָדעטשקע און הונגעריקע אויגע־לעך. ער האָט עס מיט צוויי ליידיקע פינגער אַ רוף־געטאָן. עס האָט מיט אויפגעבלאָזענע נאָזלעכער באַשמעקט אַרום זיך די ערד, און איז אין שנעלן געלויף פאַרשוואונדן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און מיטאָמאָל דערזען, אַז די זון שטייט שוין הויך אין הימל, אַ צעגליטע. אירע הייסע שטראַלן האָבן צעוואַרעמט זיַין פּייכטן, קילן קערפּער. ער האָט דערפילט אַן אנגענעמע מידקייט; קעגן דער מילדער וואַרעמקייט פון דער האַלב־טראָפּישער זון, וואָלט ער איצט געשמאַק איינגעשלאָפן. ער ווייסט אָבער, אַז אין טאָג־ליכט קען ער דאָס ניט טאָן...

פאַרביי אים, און דורך די דורכגעקרייצטע וועגעלעך, האָבן פרויען און מענער, מיט שפּיז־קעסטלעך, געאיילט זיך צו די טראַמווייען. אַן אומבאַשטימטע בענקשאַפט איז אים באַפאַלן צו זיין ערגעץ, מיט עמיצן, כאָטש מיט וועמען און וואו האָט ער ניט געוואוסט...

ער האָט אָנגעטאָן דעם רוקזאַק אויף דער פּלייצע, געוואָרפן אַ צוריקבליק צו דער אויפגעוואַכטער שטאָט, וועלכע האָט אים שוין מער ניט געלאָקט. די עטלעכע טעג דאָ האָבן איינגעשלונגען זיינע פאַר אָפּ־געשפּאָרטע דאָלער, באַהאַלטענע פון דער שוועסטער.

ער דערזעט נאָכאַמאָל פאַר זיך זיין שוועסטערס אָנטוישטן, בייזן בליק אויף אים און אירע שניידנדיקע שטראָפּרייד: — וואוהין ציט דאָס דיך צו ווערן אַ „באָם"?... גאָטס סטראַפּטשע געוואָרן; ערלעכע אַרבעט גייסטו זוכן, אַליין אָפּגענאַרט ווערן איז בעסער?...

ער האָט איר גאָרניט געענטפערט. זי וועט דאָך אים סייווי ניט פאַרשטיין...

ערשט דאָ אין שטאָט האָט ער דערפילט אַ בענקשאַפט צו די בערג, צו די „סיעראַס". ער האָט צוריק אָוועקגעשטעלט דאָס רוקזעקל, האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּירענעם זעקעלע מיט צוויי בולקעלעך, צוריק זיך איינגעשפּאַנט אין די רימענס, און זיך געלאָזט מיט דער לאַנגער פּאַרק־אַלייע אין דער ריכטונג, וואָס פירט צום ים־ברעג.

ער האָט שוין געפילט, אַז ער וועט פאַרקירצן זיינע וואַנדער־טעג. ניט דעניעלס רייד האָבן אים אָנגעשראָקן, נאָר זיין גאַנצער וועזן, זיינע געלע ציין, דער אָפּגעצערטער קערפּער, די אָפּגעדעקטע קויטישע שטיקער לייב, זיין אינערלעכע געפאַלנקייט. ער האָט אינסטינקטיוו אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ביין, ווי צו געבן אַן אַנטשלאָסענעם ענטפער זיך אַליין...

ער האָט געשפּרייזט לאַנגזאַם, קייענדיק שפּאַרזאַם די האַרטע זעמל. ער האָט שוין דערוואוסט, אַז ער לאָזט זיך אויף באַקאַנטע וועגן. ער האָט ווידער דערזען פאַר זיך דעם ברייטן פּאַס פלאַך־לאַנד ביי די פיס פון די

געקייטלטע בערג, וואו זיין שוועסטער און שוואָגער האָבן אים, זיין ערשטן זונטיק, אַרומגעפירט צו ווייזן די נאַטור־וואונדער פון קאַליפאָר־ניע. ביי דעם לאַנגזאַמען פאָרן האָט ער מיט די אויגן געמאָסטן די ברייט און די לענג פונם לײדיקן שטח. זיין דאָרפישער חוש האָט אויפגעכאַפּט, אַז דער דאָזיקער באָדן וואָלט געבראַכט געוויסע פאַרמערשע נוצלעכקייט.

— דאָ וואָלט געווען גוט פאַר היגער־צוכט — האָט ער אין דער הויך אַרוסגעזאָגט זיינע מבינות.

— דער וואָלף ציט אין וואַלד — האָט זיך דער שוואָגער צעלאַכט. ווען זיי זיינען אַרונטערגעפאָרן אין טאָל, זיינען זיינע אויגן ווידער פאַר־כאַפּט געוואָרן פון אַ צעגאָסענעם קוואַל־וואַסער, וועלכער איז געלאָפן מיט שטילן געמורמל... — דאָ וואָלט געווען גוט פאַר פי־צוכט — האָט ער שוין אַ טראַכט געטאָן שטיל פאַר זיך... אָט־דער פאַרלאָזענער באָדן האָט אים געלאָקט דאָס גאַנצע יאָר, זינט ער איז דאָ.

זיין פאַנטאַזיע האָט זיך מיטאַמאָל צעפליגלט: — אָט זעט ער שוין דאָרטן זיינע פאַרפלאַנצטע שאָטנדיקע בוימער, און די אַרומגעצאַמטע הויפן, לעבן די הינער־הייזער. און אָט דערפילט ער שוין די שטילע הנאה פונם פריידיקן געפּילדער פון די הונדערטער שניי־ווייסע עופות, ווי זיי כוואַליען קעגן אים מיט צענומענע פליגל, ווען ער קומט־אַריין מיטן זאַק קערנער.

אַ פריידיקער שמייכל צעשפרייט זיך אויף זיין טיף־פאַרקלערטן פנים. אָט זעט ער זיך ווי אַ גלאַט, גלאַנציק קעלבעלע זויגט אַזוי געשמאַק זיינע פינגער, און די מאַמע־קו קוקט אויף זיי ביידן מיט אַזעלכע מאַמעשע אויגן. זיין געמיט ווערט אים לייכט און פרידלעך... זיינע פיס טראָגן אים אַזוי גרינג, מיט שוואונג, ווי געטראָגן אויף פליגל פון בלויע טרוימען... און אָט זעט ער זיך אויפן ווייס־געקאַלכטן גאַנעקל פון זיינע באַשיידענעם שטיבל, און זיין מרים לעבן אים. אַ זיסע פיינלעכקייט נעמט אים מיט־אַמאָל אַרום. מרים — רעדט ער אַרויס מיט אַן אינעווייניקסטער שטים. ער האָט גאָר אַליין ניט באַגריפן ווי שטאַרק זי איז אים איינגעבאַקן אין האַרצן. דאָרט אין דער היים איז ער בלויז געווען באַרוישט פון איר צאַפּלדיקער ליבע צו אים... זי דענקט אַז ער האָט זיך געענדערט. אַנגע־שטעקט מיט אומעט און יאוש... דאָרפישע נאַאיווקייט — גיט ער אַ טראַכט, ווי שוין אַ דערפאַרענער וועלט־מענטש... זי קען זיך גאָרניט פאַרשטעלן, אַז דורך דעם אויסגעדריקטן אומעט אַנטפּלעקט ער זיין בענקשאַפט צו איר...

ער פֿאַרשנעלערט זיין גאַנג, ווי ער זאָל זיך אַליין אונטעריאָגן, ווי עפּעס ניט צו פֿאַרשפּעטיקן... ווי אַ זלידנע פֿליג, טרייבט ער פֿון זיך אָן אויפֿגעשוואומענעם שטענדיקן געדאַנק, וועגן דעם פֿאַרטרוימטן הירשל, ווי זיינע טרויעריקע, פֿאַרבענקטע אויגן האָבן איר שטענדיק נאָכגעפֿאָלגט... יאָ — טראַכט ער שוין מיט האַסט, ער מוז זי וואָס שנעלער אַריבערברענגען, און אויך ביידע משפּחות — זיינע און אירע. אַ פֿריילעכער ניגונדל צעזינגט זיך אין אים. עס בליצט אין אים דורך אַ נייער געדאַנק: ער וועט זיין דער פּיאָנער פֿון אַ נייעם, ברייטן ישוב. אַ הינערזוכט ישוב, באַשטימט ער אויף זיכער.

ער איז צוגעקומען צום אַרויסגאַנג פֿון פּאַרק. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן דאַניעלן, איז געבליבן שטיין מיטן פּנים צום פּאַרק און געוואָרפֿן זיינע בליקן צו דער באַנק, וואָס ער האָט ערשט פֿאַרלאָזט. וועט ער געדענקען דאָס פּלאַץ? ער וועט דאַניעלן אויך מוזן אַרויסשלעפּן פֿון אָט־דעם הפֿקרדיק וואַנדער־לעבן. מיטאַמאָל איז אים פֿאַרגעקומען אַזוי ווילד און פֿרעמד זיין פֿריערדיקער באַשלוס, צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון אַזאַ לעבן. זיין פּנים פֿאַרקרימט זיך מיט אַן איראָנישן שמייכל: — מרים — גיט ער אין זיך אַ שעפּטשע — ער האָט דאָך אייגנטלעך געוואָלט ווייזן פֿאַר איר זיין שרעקלאָזע געוואַגטקייט, כּדי צו האָבן וואָס צו דערציילן איר פֿון זיינע אויסטערלישע דערפֿאַרונגען... — אַ נאַרישע אַוואַנצורו—לויפֿט אין אים דורך אַ בייסיקער געדאַנק. ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ טרייסל געטאָן, ווי אַראָפּצוטרייבן פֿון זיך אַ בייסנדיקן געשפּענסט.

ער איז אַרויס אויף אַ ברייטער, ראַשיקער גאַס, איז געבליבן שטיין אויפֿן ראַג און האָט זיך ווי מיטאַמאָל אויסגעניכטערט... — אָבער וואוהין גייט ער איצט? — האָט ער, ווי נאָך אַ חלום, זיך געריבן דעם שטערן...

מר. קראָסבי — האָט ווי אַ פֿאַקל אין דער פֿינצטערניש אים אַ לייכט געטאָן דער דאָזיקער נאָמען; דער אַלטער פֿאַרמער, קראָסבי, צו וועמען ער פֿלעגט קומען איינקויפֿן עופֿות און אייער פֿאַר זיין שוועסטער.

ביי זייער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט, האָט דער דאָזיקער אַלטער אים מער דערפֿילט ווי פֿאַרשטאַנען, ווען ער האָט דערזען מיט וואָס פֿאַר אַ נייגעריקייט און קינדערשער ליבשאַפֿט ער האָט געגלעט דאָס פֿערד, וועלכער האָט באַלד דערפֿילט זיין צערטלעכע האַנט אויף זיך, און האָט געגעבן זיין קאָפּ צו אים, ווי צו אַן אַלטן פֿריינט. אפֿילו דער הונט האָט

באַלד דערפֿילט אַ פֿריינט אין אים און זיך געלאַשטשעט צו אים, פֿאָכנדיק מיטן ווידל.

דער אַלטער פֿאַרמער האָט מיט פֿאַרגאַפֿונג געפֿירט זיין בליק אויף זיין געדיכטן, קוטשעראַוון, שוואַרצן קאָפּ האָר, אויף דעם לענגלעך פּולן פּנים און גרויסע ברוינע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט קלוגשאַפֿט און טראַציקייט. קראָסבי האָט אַ גלעט־געטאָן זיין ברייטע, פֿעסטע פּלייצע; אַ מאָס־געטאָן מיט די אויגן זיין הויכן וואוקס:

— דו האָסט ליב לאַנד־אַרבעט? — האָט ער געפֿרעגט אין אַ ווייכן טאָן.— דו קוקסט אויס צו זיין אַ וואוילער, ערלעכער יונג. אויב דו וועסט באַשליסן, קום אַריבער צו מיר— וועסט זיך נוצלעך מאַכן. און דערביי האָט ער, צווישן די ציין, אַרויסגעזיפֿט — עס איז מער ווירדיקער צו לעבן פֿון ערלעכער אַרבעט... ער געדענקט ווי ער האָט דאַן אויסגעמידן דעם אַלטנס דרינגלעכן בליק אויף אים...

אַ געמישטער געפֿיל פֿון צווייפֿל און האָפֿענונג האָט אים באַהערשט. וועט ער קענען פֿאַרווירקלעכן זיינע באַפֿליגלטע פֿאַנטאַזיעס? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין טאַטע האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פֿאַר זיין לערער, אַז ער, יצחק, ווי יונג ער איז נאָך, האָט ער שוין אָבער זיינע אייגענע וועגן, און טוט זאַכן בלויז ווי ער וויל. און דער שטילער, אָבער שטרענגער לערער, האָט אים געענטפֿערט: — דאָס יינגל פֿאַרמאָגט כאַראַקטער. לאָזט אים, ער וועט זיך שוין זיינס דערשלאָגן... ער האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פֿון דער באַן־סטאַנציע, וועלכע איז אויך ניט געווען ווייט פֿונם קרעמל, וואו ער האָט געקויפֿט זיין ראַזיר־געצייג. ער וועט דאָס פֿאַרקויפֿן און וועט האָבן גענוג פֿאַר דער רייזע צום פֿאַרמער, מר. קראָסבי.

אַ פאַרשטערטער סדר

— בערקע, שטיי אויף, עס ברענט! — האָט די מאַמע מיט אימפּעט געוועקט דעם טאַטן אין מיטן דער נאַכט. דאָס גאַנצע קליינוואַרג האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט צעשראָקענע פּנימלעך, זיך געטוליעט צו דער מאַמען און מיט שטומע בליקן נאָכגעפאָלגט ווי דער טאַטע שלעפּט אויף זיך שנעל דאָס אָנטועכץ און כאַפּט די צוויי לײדיקע עמערס לעבן דער דייזשקע וואַסער און לויפט אַרויס פון הויז. פון דער טיר שרייט דער טאַטע אַריין:

— לאה, גיי אַרויס אינדרויסן, מען טאָר נישט זיין אין שטוב ווען עס ברענט ערגעץ.

עס איז געווען אַ מילדע נאַכט אין פרילינג. אַ טונקעלער הימל מיט קוים, קוים דורכבליקנדיקע שטערן. אין די שמאָלע געסלעך פון די שכנישע הייזער זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט פרויען און קינדער מיט פאַרשלאָפענע אויגן. וואו ניט וואו זיינען פאַרשפּעטיקטע מאַנצבילן מיט אימפּעט אַרויסגעלאָפן פון די שטיבער מיט ליידיקע עמערס אין ביידע הענט און זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג צום נעאַנטן וועלדל.

פון אַריבער די גערטנער, לעבן דעם שיטערן וועלדל, האָבן געטאַנצט רויטע פלאַמען צווישן געדיכטע זיילן רויך. טעמפּע קולות האָבן זיך געטראָגן, ווי ווייטע עכאָס:

— ווער ברענט? — האָבן איינע די אַנדערע געפרעגט מיט ציטערדיקע שטימען.

— עס קוקט אויס ווי שלמה דעם וואַסערטרעגערס הייזקע — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— יאָ, עס איז טאַקע ער — האָבן די איבעריקע מיט זיכערקייט צוגעגעבן.

— ווי, ווי! האָבן זיך דערהערט קרעכצן פון אַלע זייטן.

— וואָס וועט ער איצט טאָן? ערב פּסח; דריי נפשות, וואו וועלן זיי זיך אַהינטאָן?

— קיין גרעסערער קבצן קען ער שוין ניט ווערן. עס איז דאָך ניט זיין הייזקע — האָט איינע געוואָלט טרייסטן.

— נאָך אַ שרפה ווערט מען רייך — האָט אַן אַנדערע זיך אַ וויצל

געטאָן. פעסע, די גבאיטע פון שטעטל, האָט ווי אַ טריבון זיך אַרויפ־געהויבן אויף אַ שטאָפּל פון אַ געפלאָכטענעם גאַרטן־פּלויט; אַלע זיינען שטיל געבליבן מיט אָנגעשטעלטע אויגן צו איר.

— פע, עס איז ניט שיין! עס איז אַ זינד זיך צו וויצלען איבער אַ צווייטנס אומגליק, בפרט נאָך אַזאַ אביון — האָט בייז און שטראָפנדיק געקלונגען איר קול.

— מיר וועלן שוין דאַרפן מאָרגן אים צוזאַמענשטעלן דעם פּסח — האָט זי באַפעלעריש אַרויסגערעדט, און מיט האַסט געלאָזט זיך לויפן אין דער ריכטונג צום פייער.

עס האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, ווי די מאַנצבילן, פאַר־רויכערטע, מיט צוויי עמערס אין די אַראָפּגעלאָזטע הענט, האָבן זיך צוריק אומגעקערט פון דער שרפה. מיט הייזעריקע שטימען און מיט אַ דערשלאָגענעם געמיט האָבן זיי דערציילט:

— מען איז שוין געקומען צו־שפּעט... דער וועג איז געווען צו וויט און דאָס טרוקענע שטיבל איז פאַרברענט געוואָרן נאָך שנעלער ווי אַ ליכטל... אָבער יעדער איינער האָט מיט התפעלות גערעדט צו די זייניקע ווי וועגן אַ גרויסן נס; ווי אַזוי סטאַשעווסקי, שלמהס קריסטלעכער שכן, האָט אַרויסגעראַטעוועט זיינע „בעבעכעס".

— איר זאָלט געווען זען — האָבן זיי מיט אַ מין פרומקייט געצויגן די רייד — ווי זי, טעקלע, האָט געפּויזעט ביי זיך אויפן שטרויענעם דאַך און געשפּרייט נאָסע ראָגעזשעס, און ער, דאַנקאָ סטאַשעווסקי, האָט גע־שלעפּט פון שטיבל אַלע מאָל אַנאַנדער חפץ, אפילו דאָס בעטגעוואַנט אַרויסגעראַטעוועט. — אַזוי האָט זיי שלמה אַליין דערציילט. און איצט האָבן זיי אים, מיט ווייב און קינד, אַריינגענומען צו זיך אין זייער קליינעם הייזל.

— זעסט שוין, האַ? . . . . — האָט דער טאַטע פאַרענדיקט, ווי מיט אַן ענטפער אויף דער פראַגע, און זיך שטיל פאַרטראַכט.

אויף מאָרגן האָבן שוין די שטעטלשע אידן, פון דעם ערשטן מנין אין שול ביז דעם לעצטן, זיך געבראָכן די קעפּ און זיך גע'מוח'ט מיט פאַרשידענע סברות, וואָס צו טאָן מיט דעם נשרף. מען האָט שוין מיט די געדאַנקען דורכגענישטערט דאָס גאַנצע שטעטל און נישטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן, אַז מען זאָל אים אַריינגעמען כאָטש ביז איבער פּסח. נאָר מיטאַמאָל איז אַריינגעלאָפן דער שמש מיט אַ פריידיקן אויסדרוק אויף זיין פּנים. ער האָט געלאָזט וויסן דעם געזעמל אידן, אַז פעסע די גבאיטע

האָט אים אָט ערשט געהייסן איבערגעבן די גוטע נייעס, אַז דער נשרף האָט שוין אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַז סטאַשעווסקי האָט אים אָנגעבאָטן צו העלפֿן דערענדיקן די אַנדערע האַלב פֿון זיין נייער דירה, און אַז ער וועט קענען וואוינען ביי אים שוין אַלע יאָרן.

די נייעס האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל, און שכנים האָבן גערעדט וועגן דער פּאַסירונג מיט אויפגעריכטע הערצער. אַ שטילע פֿרייד האָט ביי יעדן איינעם געטליעט, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פֿון אַ נייער צרה. אָבער די גבאיטע האָט זיך געבייזערט און איינגעטענהט מיט וועמען זי האָט זיך באַגעגנט:

— ניין, צוליב פּסח איז דאָס ניט קיין גלייכער שידוך — ווייל דער פּראַוואָסלאַוונער „פּאַסכע" יום־טוב פֿאַלט אויס די זעלבע צייט מיט דעם אידישן פּסח, און ווי קענען מיר דערלאָזן, אַז אַן אָרעמער נשרף זאָל אָפּריכטן זיין סדר אָפּגעטיילט בלויז מיט אַ דינעם ווענטל פֿון „זייערער" אַ פּאַסכע סעודה ? ! אין שטעטל זיינען ווידער אָנגעגאַנגען נייע וויכוחים וועגן שלמהס סדר.

פּעסע, די גבאיטע, האָט ווידער געבראַכט אַ נייע בשורה: פֿייגע לאה די אַלמנה באָט אָן אַריינצונעמען די נשרפֿים צו זיך צו די צוויי סדרים, און דערוויל וועט זי אויך געניסן... זי וועט אויך האָבן אַ מאַנצביל ביים טיש דורכצופֿירן די סדרים. און פּעשע די גבאיטע האָט שוין איינגע־שפּאַנט נאָך אַ פּאָר ווייבער צו טאָן די צווייפֿאַכע מצוה — האַלב פֿון די „מעות חטים" האָט מען אַריינגעטראָגן צו פֿייגע לאהן און אַ העלפֿט צו שלמהס נייע היים.

נאָך יענעם טאָג זיינען אין שטעטל אַרומגעגאַנגען נייע גערעדערייען וועגן שלמהן און די סטאַשעווסקיס.

אָט האָט מען געזען חוהן, שלמהס ווייב, צוזאַמען מיט טעקלין ביים צולאָזענעם טייכל, וואו חוה האָט געוואַשן די מולטער, די לאָקשן־ברעט און נאָך אַזעלכע חמצדיקע חפצים, און טעקלע האָט אויסגעקלאַפּט אַן איינגעוויקטן, פֿריש־אויסגעשפּינטן קלעצל לייוונט אוןביידע האָבן אַזוי נאָענט גערעדט און געלאַכט, און אָט האָט מען געזען פֿריידעלע שלמהס און קאַטיע סטאַשעווסקיס זיך שפּילן מיט אייגענע געמאַכטע ליאַלקעס און איינע די אַנדערע האָט געלערנט זייערע לידלעך ווי צו פֿאַרוויגן זייערע קינדער.

— נו, מילא — האָבן אייניקע געטרייסט פּעסען — זיי זיינען ערשט 8 יאָר אַלט, זיי וועלן עלטער ווערן וועלן זיי באַגרייפֿן דעם „אונטערשייד"

... אָבער די „סקאַנדאַלן" זיינען יעדן טאָג געוואָרן ערנסטער... אָט האָט פּעסע אַליין געזען ווי פריידעלע האָט געגעבן אַ שטיק פון איר מצה צו קאַטיען און קאַטיע האָט געגעבן פריידעלען אַ שטיק פון איר געלער „פּאַסכע" מיט ראָזשינקעס, און מען האַלט זיך אַרומגענומען פּיסקל צו פּיסקל און אין די פאַרנאַכטן זעט מען אויך די גרויסע זיצן אַקסל צו אַקסל און מען דערציילט זיך מעשות.

ווען שלמהס באַלעבאָסטעס, צו וועמען ער האָט געטראָגן וואַסער, האָבן אים געפרעגט וועגן זיין פריינטשאַפט מיט די סטאַשעווסקיס, האָט זיי שלמה באַלד פאַרמאַכט די מיילער:

— נו, איר וועט אונז אַלע דריי אפשר אַריינגעמען אין אייערע אונטערשטיבלעך ? . . .

נאָך אַזעלכע ענטפערס האָט מען אים שוין מער גאָר ניט געפרעגט און פּעסען האָט מען שוין אויך געהייסן שווייגן...

אַ פּאָר טעג פאַר פּסח איז חוה, ווי יעדן יאָר, געגאַנגען אַרויס־העלפן גיטעלע באַרג, די גבירטע פון שטעטל, צו העלפן דער דינסט צוצוגרייטן דעם פּסח. דערפאַר האָט מען איר דעם לעצטן טאָג מיט־געגעבן אַ שאָק אייער, אַ סלאָאיקל הינער־שמאַלץ, די דרויבלעך פון הינער, אַביסל מצות, און איבערהויפּט פלעגט זיך חוה דערפרייען ווען זי האָט איר דערלאַנגט אַ פּעקל אָפּגענוצטע קליידלעך און שיכלעך פון אירע קינדער, פאַר פריידעלען... כאָטש ניט אַלץ איז געווען צו פריי־דעלעס מאָס. אָבער געוויינלעך, נאָך יום־טוב האָט שוין חוה געלאַטעט און פריידעלע האָט שוין אַ גאַנץ יאָר געהאַט וואָס צו טראָגן.

אָבער דעם לעצטן טאָג פאַר דעם סדר האָט איר גיטעלע צוגע־טראָגן אַ גאָר גרויסן פּעקל, וואו עס איז אויך געווען אַ פּאָר אַלטע בגדים פאַר חוהן און פאַר שלמהן. פריידעלע איז געשטאַנען דערביי און זי האָט אָזש אָנגעהויבן אונטערטאַנצן מיט אַ געבעט צו איר מאַמען, אַז זי זאָל איר שוין אָנטאָן אין דעם פּסחדיקן קלייד. גיטעלע האָט איר אַ וואונק געטאָן, אַז זי מעג איבעררייסן די אַרבעט און איר אָנטאָן.

אין איילעניש האָט זי קוים אויסגעזוכט אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין אַביסל צו איר מאָס. די שיכלעך זיינען געווען צו־אָפּגעטראָגן און אַביסל צו גרויס. אָבער פריידעלע איז געשפּרונגען פאַר פרייד. זי איז באַלד אַרויסגעלאָפן אין הויף, וואו עס זיינען געשטאַנען עטלעכע מיידע־לעך, חברטעס פון גיטעלעס צוויי מיידעלעך און האָבן אויף אַן אויפ־געשטעלטער גלאַטער ברעט געשפּילט אין ניס. פריידעלע איז געשטאַ־

נען ביי אַ זייט און מיט זשעדנע בליקן זיך צוגעקוקט ווי עס קאַטשען זיך גרויסע רונדע ניס און עס שלאָגט זיך אָן איין נוס אין אַן אַנדערן. עס ווערט אַלע ווילע אַ טרעוואָגע ווען איינע געווינט, קלייבט צוזאַמען די געוואונענע ניס און די שפּיל גייט ווידער אָן. פריידעלע איז אַריינ־געלאָפן אין הויז און איז באַלד אַרויסגעקומען מיט פיר ניס. זי איז אין איילעניש צוגעלאָפן צו די קינדער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַרט נעבן דער ברעט און אויסגעשטרעקט אירע פיר ניס.

— איך וויל אויך שפּילן — האָט זי אויסגעשריען. די חברטעס האָבן מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, די אויגן געווענדעט צו פריידעלען. זיי האָבן געקוקט אויף איר מיט טשיקאַווע בליקן, ווי אויף אַ מאָדנע חיהלע. זיי האָבן זיך באַלד אַלע צוזאַמענגענומען, זיך שטיל געסודעט און מיטאַמאָל האָבן אַלע צוזאַמען אויסגעשאָסן מיט אַ הויכן געלעכטער. פריידעלע איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן ברעט מיט אַ בלאַס צעשראָקן פּנימל. די מיידלעך זיינען צוגעקומען צו איר, האָבן זי אָנגעהויבן באַטראַכטן פון קאָפּ ביז די פיס. איינע האָט אַ טאַפּ געטאָן איר קליידל און איר געפרעגט וואו זי האָט דאָס גענומען. גיטעלעס מיידעלע האָט איר אָנגעטראָטן אויף די פיס און מיט אַ פאַרקרימט פּנימל האָט זי איר געהייסן אויסטאָן די שיכלעך, ווייל זיי זיינען אירע; די צווייטע האָט זי אַ ריס געטאָן ביי קליידעלע:

— נעם דאָס אַרונטער, דאָס איז מיינס! — האָט זי איר שטרענג געזאָגט און דערביי איר אַרויסגעשטעקט איר צונג.

פריידעלע האָט צוריקגעטראָטן, האַלטנדיק שטייף די ניס אין די הענט, מיט פולע פאַרלאָפענע אויגן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פון וויטן און שטיל כליפּענדיק האָט זי אַלץ זיך איינגעקוקט ווי די מיידעלעך האָבן מיט פריידיקן געלעכטער צוריקגענומען שפּילן מיט די ניס. פריידעלע האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ ריס פון אָרט. זי איז האַסטיק צוגעלאָפן צו דער ברעט, האָט זי מיט די פולע הענטלעך אומגעוואָרפן, צוגעשפּרונגען צו די ניס אויף דער ערד און האָט זיי אָנגעהויבן צו צעשאַרן אין אַלע זייטן. די קינדער זיינען צו איר צוגעלאָפן און האָבן פון איר גענומען רייסן שטיקער. מיט די ניס אין די הענט האָט פריי־דעלע מיט איר גאַנצן כוח אַ זעץ געטאָן צוויי פון זיי אין שטערן. די קינדער האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און ביז זיי זיינען אַריינגעלאָפן אין הויז זיינען די שטערנס שוין געווען מיט אויפגעלאָפענע בלויע גוליעס. אין הויז איז געוואָרן אַ טומל. גיטעלע און די דינסט האָבן

מיט מעסערס געפּרואווט אַריינקוועטשן די אויפגעלאָפּענע שטערנס. חוה איז געבליבן שטיין אַ בלאַס־דערשראָקענע, ווען זי האָט דערהערט אַז איר פרײדעלע האָט דאָס געטאָן. גיטעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פאַרשטיינערטער חוהן און מיט רציחה אַ געשריי געטאָן:

— שוין זאָלסטו דיין שד׳ל אָוועקנעמען פון דאַנעט!

חוה האָט אַ היפּשע ווײַלע אַרומגעזוכט פרײדעלען ביז זי האָט זי געפונען פאַרשטעקט אין אַ ווייטן ווינקל פון הויף. דאָס פּנימל איז געווען פאַרשוואָלן פון געוויין. חוה האָט זי שווייגנדיק אויפגעהויבן, איר אָפּגע־ווישט דעם נאַסן פּנים.

— גיי צו פייגע לאהן—האָט זי שטיל געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול. זי האָט איר אַרויסגעפירט פון הויף און זיך אומגעקערט צוריק אין הויז אויסצוגעפינען ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, און צו פאַרענדיקן איר אַרבעט...

* * *

ווען חוה איז געקומען צו פייגע לאהן איז שוין געווען די לעצטע שעה פאַר דעם סדר. דער טיש איז שוין געווען געגרייט. פייגע לאה מיט אירע קינדער, און שלמה, זיינען שוין געזעסן אויסגעפּוצטע און געוואַרט אויף חוהן מיט פרײדעלען.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט פייגע לייאה און שלמה מיטאַמאָל אויסגעשריען ווען זיי האָבן דערזען חוה׳ס פאַראומערט פּנים.

— וואו איז פרײדעלע?—האָבן זיי ביידע מיטאַמאָל אַרויסגעפּלאַצט.

— וואָס? — האָט חוה אָנגעהויבן שטאַמלען, די אויגן ברייט צע־עפנט מט טיפן שרעק — פרײדעלע איז נאָך נישטאָ? זי האָט זיך אָנגע־הויבן קלאַפּן אין קאָפּ מיט היסטערישע געשרייען:

— גייט זוכט פרײדעלען, גייט! און זי האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך באַלד דערוואוסט אַז פרײדעלע איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. מיטפילנדיקע טאַטע־מאַמעס האָבן איבער־געלאָזט דעם סדר־טיש און אַרויסגעלאָפן זוכן פרײדעלען. מיטאַמאָל איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז עמיצער האָט געהערט ווי עס האָט עפּעס אַ פּלוסקע געטאָן אין דעם ברונעם לעבן דער באָד. עס איז געוואָרן אַ געלויפעריי צום ברונעם. צוויי יונגע געזונטע יונגען האָבן זיך באַוויזן מיט אַ לייטער, אַ גאַנצע שרענגע יונגע און עלטערע מאַנצבילן האָבן זיך געלאָזט אין ברונעם אַריין. עס האָט זיך אפילו געיאָוועט אַ געוועזענער סאָלדאַט, וואָס קען שווימען אונטערן וואַסער. אַ געדיכטע מענגע פון יונג און אַלט

זיינען געשטאַנען מיט פאַרבראַכענע הענט און שטומען צער; געוואָרט פאַר די אַראָפּגעלאָזטע אין ברונעם.

— ניין, נישטאָ—האָבן אָפּגעהילכט די קולות פונם ברונעם אַרויס...

— צו סטאַשעווסקין — האָבן זיך מיטאַמאָל דערהערט שטימען; זי איז אפשר אַהין פאַרגאַנגען... די געדיכטע מענגע מענטשן האָבן זיך אָוועקגעלאָזט צום וועלדל.

— צו וואָס דאַרפן מיר אַלע גיין? — האָט זיינוול דער מלמד זיך געקאָכט — לאָמיר עטלעכע בעסער גיין מונטערן חוהן, זי האַלט אין איין חלשן. אייניקע זיינען אים נאָכגעגאַנגען צו פייגע לאַהן.

סטאַשעווסקין האָט מען געטראָפן ביים הויז לעבן איינגעשפּאַנטן פערד און וואָגן. ווען ער האָט דערזען די גרופּע מענטשן, איז ער זיי אַנטקעגנגעלאָפן מיט פאַכנדיקע הענט און האָט הויך געשריען:

— זי איז דאָ! זי איז דאָ!... פרייד און געוויין האָט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכטיקער שטילקייט פון אַרום וואַלד. אַלע האָבן זיך אַריינגעשאָטן אין קליינעם שטיבל. פריידעלע איז געזעסן אויף דער פלאַכער הילצער־נער סאָפע צווישן קאַטיען און טעקלען. קאַטיע האָט זי געהאַלטן אַרומ־גענומען מיטביידע הענטלעך און טעקלע האָט געגלעט איר אַנגעשפּאַרטן קעפּל ביי זיך אויפן שויס און צערטלעך באַרואיקט זי:

— נו, וויין נישט, וויין נישט. מיר וועלן דיר מיט גוואַלד נישט נעמען; מיר וועלן ברענגען דיין טאַטן מיט דיין מאַמען אַהערצו.

סטאַשעווסקי האָט דערנאָך אין קורצן דערציילט: ער האָט זי געפונ־נען אַ פאַרוויינטע אויפן גראָז אַרום זיין שטיבל. זי דערציילט גאָרנישט, נאָר זי האַלט אין איין וויינען. זי וויל נישט ער זאָל זי פירן צוריק; נאָר זי וויל בעסער בלייבן דאָ מיט זיי. זי האָט מיט ביידע הענט זיך איינגעג־קלאַמערט אין דער קליינער קאַטיען און האָט זיך נישט געלאָזט נעמען... דאָס האָט ער שוין איצט געוואָלט פאָרן צו פייגע לאַהן אָנצוזאָגן, אַז פריידעלע איז דאָ.

ויהי בחצי הלילה . . .

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז דאָ שטעטל געגאַנגען כאָדאָראָם. די סדרים זיינען צוליב דער סומאַטאָכע אָנגעהויבן געוואָרן באַלד האַלבע נאַכט. פון עטלעכע הייזער האָט זיך טאַקע דערהערט דער „ויהי בחצי הלילה,‟ אָבער דאָס האָט געהייסן אַ „פאַרשטערטער סדר.‟ דאָ און דאָרטן אויף די שטילע ראָגן צווישן די הייזער, האָבן פרומע יידן און יידענעס,

וואָס האָבן שוין פריער אָפּגעפּאַרטיקט, אָדער בעסער געזאָגט, אָפּגע־כאַפּט דעם סדר, גערעדט צווישן זיך, אַז דער פאַרשטערטער פּסח איז ניט אַנדערש ווי אַ שטראָף פון רבונו של עולם, דערפאַר וואָס מען האָט ניט באַזאָרגט דעם נשרף מיט דער געהעריקער פּסח־סביבה... פּעסע די גבאיטע האָט אַרומגעשפּרייזט פון גרופּע צו גרופּע און נצחונדיק מיט אַלעמען זיך געררייצט:

— אַהאַ! איך האָב פ ר י ע ר געוואוסט אַז מיר וועלן האָבן אַ פאַרשטערטן יום־טוב... וואַרט — זי האָט געטייטלט מיטן פינגער: — זיי וועלן נאָך אײַנגאַנצן פון אונדז פאַרפרעמדט ווערן... איך וויל עס פאַר מײַנע ליפּן ניט ברענגען.

פונדערווייטן האָט נאָך נצחונדיקער געשאַלט דאָס קול פון דעם פאַרשפּעטיקטן זיינוול מלמד, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן פּראַווען דעם סדר —„כל דכפין ייתי וייכיל...״ (ווער ס׳איז הונגעריק זאָל קומען און עסן...).

עטלעכע יידן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן עס צום ערשטן מאָל געהערט, און דער אָן־אַ־זייט־שטייענדיקער לייב דער לאַטוטניק, וועלכער האָט שוין ניט איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון הונגער, האָט אַריינגעלאַכט צו זיך אין דער באָרד אַריין און געמורמלט:

— מען ווייזט נאָך אַלץ דעם פערד „היי״ אין סידור ..

זי האָט געוואָגט

עס איז נאָך געווען אין פריען באַגינען. ליליען איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און מיט אַ פאַרגליווערטן בליק, געקוקט אין ליידיקן חלל. איר נייע מיטוואוינערין, אַן אַלטע עלנטע קרובה, איז געלעגן אין צווייטן בעטל און מיט אַ פאַרשנדיקן בליק געקוקט אויף ליליען, מיט אַן אויסדרוק ווי פון עפּעס אַ דערוואַרטונג.

מיט שטילער באַוועגונג, ווי ניט צו שטערן די שטילקייט אַרום אַ קראַנקן, האָט די אַלטע אַביסל אַרויפגעצויגן דעם ראָלעט פון פענצטער נעבן איר בעט. די שויבן זיינען געווען מאַט, פאַרנעפּלט. עס האָט דורך זיי אַריינגעקוקט אַ קאַלעמוטנער הימל, גרויע געדיכטע וואָלקנס, ווי מעוברתע שעפּסן, האָבן זיך גערוקט מיט לאַנגזאַמער שווערקייט.

— עס וועט באַלד אַ גאָס טאָן אַ שטאַרקער רעגן — האָט די אַלטע איבערגעריסן דאָס אומעטיקע שווייגן.

— הלוואי שטענדיק אַזעלכע טעג — האָט ליליען געענטפערט מיט אַ טרוקן, טעמפּן קול.

— אַז מען וויל אַנטלויפן פון דער זון, איז ווי מען זאָל אַנטלויפן פון גאָט! עס איז אַ זינד! — האָט די אַלטע אַרויסגערעדט פרום און שטראָפעריש.

— איך דאַרף זיי איצט ביידן ניט — האָט ליליען געענטפערט מיט אַ גערייצטן קול.

— אוי, שוויג! — האָט די אַלטע אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— דזשימי האָט די זון אַזוי שטאַרק ליב געהאַט! — האָט ליליען זיך אָפּגערופן, ווי ענטפערנדיק אויף אַ געמאַטערטן געדאַנק. זי האָט אַ קער געטאָן די אויגן צו דעם זייטיקן ביכער־שראַנק, לאַנג געקוקט אויף די געדיכטע רייען ביכער, און אין אַ געבראָכענעם קול האָט זי ווי צו זיך אַליין גערעדט.:

— צעוואַקסן ווי אַ הויכער בוים. גאַנץ פרי פלעגט ער זיך אַרויס־כאַפּן אַ האַלב־הוילער און געשלונגען די וואַרעמע זון־שטראַלן. צוזאַמען מיט די ביכער פלעג איך הערן דאָס גערויש פון זיין שנעלן בלעטערן — און איך האָב זיך שטענדיק געבייזערט אויף אים! כ'האָב אפילו פיינט געקראָגן אַט־די אַלע ביכער זיינע, ווייל זיי האָבן אים גערייצט צו גע־

וואַגטקייט; שטענדיק האָב איך זיך נאָר געבייזערט אויף אים!... — האָט זי געזאָגט אין אַ פאַרשטיקטן טאָן פון טיפער חרטה.

אין קיך, ביים קראַן מיט דער קאַווע־קענדל אין האַנט, האָט די אַלטע מיטאַמאָל פאַרדרייט דאָס וואַסער, ווען זי האָט דערהערט עפּעס שאַרכן אין צווייטן צימער. אַ צופרידענער אויסדרוק האָט דורכגעשוועבט אויף איר צעקנייטשטן טונקל־ברוינעם פּנים, האָט מיט פאַרגנבעטע בליקן דורך דער קיך־טיר אַריינגעקוקט אין שלאָפצימער. ליליען איז געשטאַנען אַ האַלב־אַנגעטאָנענע. מיט אַ שטאַרן טרויעריקן בליק האָט זי באַטראַכט ליליענס אָפּגעצערטן קערפּער, וואָס פון זיינע היפּטן האָבן איצט אַרויס־געסטאַרטשט פלאַכע שפּיציקע ביינער. דער רוקן געבויגן ווי ביי אַ זקנה, די טונקל־ברוינע הויט אויף דעם ברייטלעכן פּנים איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַן אויסגעליידיקטער פּענכער. די טיף־שוואַרצע אויגן האָבן אויס־געזען דערשראָקן און מיט אַ פייכטן גלאַנץ.

די אַלטע האָט אַרומגעפּאַרעט אַרום ליליען מיט מאַמעשער צערט־לעכקייט. מיט הילפלאָזער אומרו האָט זי נאָכגעקוקט מיט וואָס פאַר אַ ציטערדיקער איילעניש ליליען פּאַקט איין איר אַרבעטס־קליידל און אַרבעטס־שיך. אויף דער אַלטערס געבעט, אַז זי זאָל ניט גיין היינט אַרבעטן, ווייל זי איז אַזוי שוואַך, האָט ליליען בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מען זאָגט: „לאָז מיך". ביים טיש האָט די אַלטע אפילו ניט פּרובירט — ווי זי פלעגט דאָס טאָן יעדן טאָג, מיט גוטן און מיט בייזן — צו צווינגען זי עפּעס עסן. ווען זי האָט באַגלייט ליליען צו דער טיר, האָט די אַלטע צוזאַמענגעלייגט בײדע הענט און זי געבענטשט מיט אַ שטילער תּפילה.

— נאַרישקייט — האָט ליליען איר צוגעוואָרפן אַן איראָנישן בליק — ווער האָט דיך דען באַשיצט אין דיין שווערן עלנטן לעבן? און מיט וואָס בין איך איצט געבליבן, אָן מיין מאַן, און איצט — אָן מיין איינציקן קינד.

* * *

נאָכן פאַרלאָזן די דריטע הויז, האָט ליליען באַשלאָסן, אַז די איבע־ריקע דריי באַלעבאָסטעס וועט זי שוין ניט באַזוכן. אַ פיינלעכער ווידער־געפיל האָט זי אַרומגענומען צו די איינע און די זעלבע טרייסט־ווערטער און די פלוצלונגדיקע געטריישאַפט צו איר, אַז „זי מוז זיך בעסער צוזען און אַרויפנעמען מער לייב אויף זיך", און מען וועט איר שוין לאָזן וויסן ווען זי זאָל קומען צו דער אַרבעט. מען וועט דערווייל אַנהאַלטן די נייע אַרבעטער.

„בעסער אַזוי״ — האָט אין איר אַרויסגערעדט אַן אינערלעכער קול! מיט אַ באַפרידיקטן געפיל, ווי פון אַ צוריקגעוואונענער ווירדיקייט, האָט זי באַשלאָסן איינשטעלן נייע אַרבעטס־טעג אין אַנדערע הייזער.

עס איז געווען אין אַ זוניקן פרימאָרגן, ווען ליליען האָט אָנגעקלאַפּט אין איינער פון די צווי רייען „באַלעבאַטישע״ הייזער, געפּאַרבט אין פאַרשיידענע קאָלירן, מיט הויכע און לאַנגע באַלקאָנען, אַרומגעזוימטע מיט געשוירנע קוסטעס פלאַנצן.

— מעם, די אַרבעטס־ביוראָ האָט מיך געשיקט אַהער אויף טאָג־אַרבעט — האָט ליליען זיך געווענדעט צו דער דינער שלאַנקער פרוי קעגנאיבער איר און איר דערלטאַנגט אַ ווייס רעקאָמענדאַציע־קאַרטל. בשעת יענע האָט אַריינגעקוקט אין קאַרטל, האָט ליליען געגעבן אַ מעסט־אָפּ איר נייע באַלעבאָסטע. אַ בליק אין אירע ברייט־צעעפנטע אויגן איז געבליבן הענגען אויף דער אויבערשטער זייט בוזים פון איר שוואַרץ קלייד, וואו עס איז געווען אָנגעשפּיליעט אַ דריי־קאָלירט שלייפעלע פון ווייס, רויט און בלוי, ווי אַ צייכן פון אַ מיליטערישן מעדאַל. אירע וויעס האָבן אַ לייכטן ציטער געטאָן.

— גוט — האָט די פרוי געענטפערט, און געכאַפּט אַ קוק אויף ליליען. איר בליק האָט זיך ווי פאַרטשעפּעט אין דעם אַוועקגערוקטן לאַפּעל פון ליליענס שוואַרץ קלייד, וואו עס איז געווען אָנגעשפּיליעט דאָס זעלבע דריי־קאָלירטע שלייפעלע. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זיי האָבןביידע געשוויגן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים איבער אַן אָפענעם אָרון.

— יעס מעם, אַזוי איז דאָס — האָט ליליען אַרויסגערעדט אין אַ טאָן, וואָס האָט אויסגעדריקט, אַז זיי פאַרשטייען זיך ביידע און אַז עס איז ניטאָ קיין טרייסט.

— וואו איז דיינער געפאַלן? — האָט די פרוי געפרעגט ליליען, מיט אַ ווייך טרויעריק קול.

— אין אָקינאַווע, מעם, ביי דער לעצטער שלאַכט — האָט ליליען געענטפערט מיט אַ ציטער אין קול.

— און מיינער אין נאָרמאַנדיע — האָט די פרוי אַרויסגערעדט די ווערטער ווי פאַר זיך אַליין.

ליליען האָט מיטאַמאָל דערפילט אומהיימלעך פון אָט־דער פלוצלונגער נאָענטקייט און אומגליק.

— ווועסט מיר ווייזן וואָס צו טאָן, מעם? — האָט זי איבערגעריס דאָס שווערע שווייגן.

די פרוי האָט איר געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז זי זאָל איר נאָכגיין. מיט אַ צאַרטן אומעטיק קול, ווי מען רעדט צו אַ גלייכן, האָט זי אָנגעוויזן:

— אָט איז מיין דזשאָנס פּיאַנע, אָט־די אָפענע נאָטן שטייען דאָ ווי ער האָט זיי איבערגעלאָזן. אָט־דאָ הענגען זיינע לעצטע בילדער אין די קליידער פון אַלערליי ספּאָרטס.

ליליען איז איר נאָכגעגאַנגען מיט פאַרנעפּלטע אויגן.

— ער איז געווען אַ גוטער פעאיקער יינגל, מיין דזשאָן — האָט די פרוי גערעדט מיט אַ טרויעריק קול.

— מיינער איז אויך געווען אַ זייער געראָטענער — דערהערט פּלוצ־לונג ליליען, ווי אַ פרעמדן, איר אייגענעם קול, און פון אירע ציטערדיקע ליפּן לויפן קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— מיין דזשימי האָט אויך געשפּילט קלאַרינעט, געלייענט ביכער; עס איז געבליבן ביי מיר אַ פולע שטוב מיט ביכער. האָב געקראָגן אַ בריוו פון דעם גענעראַל. ער שרייבט מיר, אַז איך זאָל זיין שטאָלץ און גע־טרייסט מיט מיין זון... אַז ער האָט מיט העלדישן מוט...

— גענוג, גענוג צו באַרימען זיך — דערהערט פּלוצלינג ליליען, ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער דונער, אַ בייז דראָענדיק קול!...

דאָס האַרץ האָט איר אַ צאַפּל געטאָן; די פיס האָבן זיך איר אַ בייג געטאָן. זי האָט אָנגעשטעלט אירע צעשראָקענע אויגן אויף דעם קליינעם ווייסן פּנימל פון דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט געקוקט אויף איר מיט גיפטיקן האַס: — נעם זיך צו דער אַרבעט! אַ ניגער דאַרף וויסן זיין פּלאַץ... אָט־די שלייפעלעך מאַכן אייך פרעך...

מיט נערוועזע צוקן אַרום די ליפּן האָט ליליען זיך שטיל אַרויס־גערוקט פון צימער. ביים אויסטאָן דאָס אַרבעטס־קליידל האָט ווי דורך כישוף איר אינערלעכער צאַפּל מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט. מיט אַ פאַר־גליווערטער רואיקייט האָט זי זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. אַנטקעגן אין וואַנט־שפּיגל האָט זי אויפגעכאַפּט די נאָכפאָלגנדיקע בליקן פון דער דינער געשטאַלט. ווען ליליען איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, האָט זי זיך אויסגעדרייט און מיט אַ רואיקן פעסטן קול אַרויסגערעדט:

— מעם! מיין זונס פאַרגאָסן בלוט איז ריינער און הייליקער פאַר דיינעמס; מיין זון האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, ניט ווי די ווייסע לינטשערס!

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער. די קליידער האָבן זיך גע־קלעפּט צום פאַרשוויצטן לייב. זי האָט זיך געשטעלט וואַרטן אויף אַן אויטאָבאָס. צוויי באָסעס האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעשטעלט און אַרויפ־גענומען בלויז די ווייסע פּאַסאַזשירן, און פּשוט צוריקגעטריבן ליליען, ווייל די הינטערשטע אָפּגעזונדערטע באַנק איז שוין געווען פאַרנומען דורך אַנדערע נעגערס. זי האָט געוואוסט אַז אויף דעם ראָג וועט זי דאַרפן לאַנג וואַרטן ביז זי וועט קריגן איר אָפּגעזונדערטן פּלאַץ. האָט זי אָנגע־הויבן גיין ווייטער. אין האַלדז איז איר געוואָרן שטאַרק ענג און טרוקן. דער שטייפער צונג האָט מיט טרוקענער שאַרפקייט געריבן דעם הייסן גומען. זי איז פאַרבייגעגאַנגען אויסגעפּוצטע געשעפטן מיט אַלערליי פרישע פרוכט־זאַפטן, וועלכע האָבן נאָר מער גערייצט איר דאַרשט.

מיט ביטערער איראָניע האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דעם אָפּגעשפּי־ליעטן שלייפעלע אויף איר ברוסט. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט וועגן דער גרויסער באַגייסטערונג וואָס עס האָט געהערשט צווישן אירע שכנים, ווען מען האָט זיך דערוואוסט פון איר טויטן זונס מעדאַל! — נאָענטע און ווייטע פריינט זיינען געקומען צעלויפן מיט טרייסט פאַר איר און מיט אַן אייגענער דורכזיכטיקער פרייד!...

עס כאַפּט זי נאָכאַמאָל אַרום יענער פיינלעכער געפיל צו דעם גאַנצן טאַראַראַם אַרום דעם מעדאַל. און זי גיט איצט ווידער אַ טראַכט וועגן די אומפאַרשטענדלעכע ענדערונגען אין איר — דאַן איז זי נאָך ניט געווען ווי זי איז איצט, מיט אַ פאַרשלאָסן מויל, ווי אַ שווערע פאַרגליווערטע לאַווע וואָלט צוגעדעקט איר צעפּייניקטן געמיט. מיט עפּעס אַ פרעמד־קייט צו זיך אַליין איז איר שווער אַרויסצורײדן אַ וואָרט. מיט אַ געפיל ווי ניט אָנצערירן אַן אָנגעווייטיקטן געשוויר, מיידט זי אויס ניט צו הערן דעם קלאַנג פון איר אייגן קול. אָבער דעמאָלט, פון אָנהויב, האָט עס איר געטריבן זיך צו פאַרשיכורן מיט רייד. זי האָט ניט געוואָלט אנערקענען די ביטערע ווירקלעכקייט, און זי האָט געטענהט צו אירע פריינט: — וועט דען אָט־דאָס שלייפעלע פאַרקלענערן מיין צער, מיינע בענקשאַפטן אין עלנטע טעג און שלאָפלאָזע נעכט? זי וועט זיך לייגן אַן טרייסט און אויפשטיין אָן האָפענונג. בלויז איין פאַרלאַנג האָט זי דאַן געהאַט: צו ליגן

און ליגן אַן אַ סוף — צו וואָס אויפשטיין? צוליב וועמען? — האָט זי מיט בייזקייט גענטפערט אירע פריינט אויף זייערע גוטע געטרייע רייד.

זי האָט דערפילט אַ מידע שוואַכקייט אין איר גאַנצן קערפּער. מיט זשעדנע בליקן האָט זי געכאַפּט אַלע מאָל אַ קוק צו די בענק לענגאויס דעם ים־ברעג. ווי אַ מאַגנעט האָט איר געצויגן אַהין זיך אָוועקזעצן, כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט.

— ווייסע ליגנטשערס! — זיינען מיטאַמאָל אַרויפגעשוואומען אין איר מוח. אָט־די ווערטער. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאַנט, אַז אָט־די ווערטער האָט זי אָט־ערשט געוואָרפן אין פּנים אַריין אָט יענעם ווייסן געשפּענסט, און נאָך ביי אַ ווייסן אויפן שוועל. זי רייבט מיט די פינגער דעם שטערן — ווי האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ געוואַגטקייט?... און מיט די אויגן געוועטדעט צום הימל האָט זי שטיל געשעפּטשעט:

— זון מיינער! דיין גייסט האָט געוואַכט איבער מיר! איך האָב געוואָגט, מיין זון! און איך וועל ווייטער וואָגן! פאַר דיר און פאַר מיר און פאַר אַלע! — האָט זי אין עקסטאַז, ווי אַן ענטפער צו אַן אַרויסרוף, געזאָגט אין דער הויך.

און זי האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אין דער ריכטונג, וואו עס לויפן באַסעס מיט גרויסע אויפשריפטן: „בלויז פאַר קאָלריטע.“

זי איז אים געפעלן

ווען סילוויע האָט זיך אַריינגעקליבן אין דער צייטווייליקער דירה, ביז די באַקאַנטע אירע וועט צוריקקומען פון אַ לאַנגער וואַקאַציע, האָט זי איר פאַרגעשטעלט פאַר איר נאָענטסטער שכנה, וואָס האָט אַן אייגענעם טעלעפאָן און זי וועט זיך קענען מיט אים באַנוצן.

סילוויע פלעגט זיך באַגעגענען מיט דער שכנה יעדן מאָל ווען זי האָט געהאַט צו טאָן מיטן טעלעפאָן. אָבער אין זייערע באַציאונגען האָט זיך געפילט אַ קאַלטע העפלעכקייט, ווי ביידע וואָלטן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע פאַרזיכטיקייט. סילוויע האָט שוין געזען אויסצומיידן ניט צו פאַרבינדן מיט איר קיינע שמועסן, אַז זי זאָל ביי איר קיין צייט ניט צונעמען. און מרס. קרעמער פון איר זייט האָט זיך געהיט, אַז זי זאָל איר מיט קיין זיבעריקן וואָרט ניט פאַרהאַלטן. עס איז פאַרגעקומען, אַז זי איז מיט איר ניט קיין פּאָר..

דאָך האָט זי אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ געוויסע דערנענטערונג. יעדן מאָל ווען זי פלעגט אַריינקומען צו סילוויען, זי רופן צום טעלעפאָן, פלעגט זי מיט נייגעריקע בליקן כאַפּן אַ קוק אויף איר שרייב־מאַשינקע און אויף דעם פולן טישל מיט ביכער און צייטונגען. סילוויע האָט אויך אָנגעהויבן באַמערקן, אַז ווי פרי זי זאָל ניט אַריינקומען צו מרס. קרעמער, זיינען אירע צימערלעך שוין געווען אויפגעראַמט און זי אַליין אַ נעט־פאַרקעמטע מיט אַ ציכטיקן אנצוג. אויפן טיש זיינען שטענדיק געשטאַנען פרישע פרוכטן און זיסוואַרג, ווי צוגעגרייט פאַר אַ דערוואַרטעטן גאַסט. יעדן מאָל ווען סילוויע איז אַריינגעקומען האָט מרס. קרעמער אַרויסגעוויזן אַן אומבאַשטימטע פאַרלאַרנקייט. מיט לאַשטשענדיקע בליקן האָט זי אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף סילוויען און אויפן טיש צום זיסוואַרג, ווי זי זאָל זיך ישובן מיט זיך, צי זי זאָל זי איינלאַדן צו כיבוד אָדער ניט. זי האָט זיך אָבער אַלע מאָל צוריקגעהאַלטן, און נאָך יעדן סילוויעס אַוועק־גיין איז זי געבליבן זיצן מיט אַ פאַרדריסלעכן געמיט.

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר חדשים. איינמאָל אָבער האָט עפּעס פּאַ־סירט, וואָס האָט פּלוצלינג אַריינגעבראַכט אַ קענטיקע ענדערונג אין זייערע באַציאונגען.

אין אַ שפּעטן פרימאָרגן איז סילוויע אַריינגעקומען און געטראָפן מרס. קרעמער אין בעט אַ קראַנקע. סילוויע איז צו איר צוגעקומען, גע־

פרעגט וואָס איר איר, האָט איר געטאַפּט דעם שטערן, דעם דופּק, און האָט איר באַלד געפרעגט, וואו עס ליגט איר גומענער פענכער, צי זי האָט אַספּירין אין הויז.

— באַמיט זיך ניט — האָט זי איר קיל געענטפערט.

— זיך ניט באַמיען?... איר זייט דאָך קראַנק! סילוויע האָט גענומען זיך פאַרען אַרום איר, האָט געטאָן די מיטלען, וואָס מען טוט געוויינלעך צו אַ פאַרקילונג. מרס. קרעמער האָט נאָכגעפאָלגט סילוויעס יעדן ריר מיט דאַנקבאַרע אויגן און געוואונדערט זיך, וואָס אָט די זעלבע, וואָס איז אָט ערשט געווען פאַר איר אַזאַ שטיפע, אַ פאַרשלאָסענע, קען אויך זיין אַזוי צערטלעך. סילוויע איז שוין לעבן איר געבליבן דעם גאַנצן טאָג, האָט איר אַלע מאָל צוגעטראָגן פרוכט־זאַפטן צו טרינקען, האָט איר אָפּ־געקאָכט אַ לייכטן עסן, און געפרעגט צי זי דאַרף עפּעס איינקויפן צו־צוגרייטן פאַר איר מאַן דעם אָוונט־מאָלצייט.

— באַמיט זיך ניט — האָט זי נאָכאַמאָל זיך געבעטן ביי סילוויען, מיט אַ טאָן וואָס האָט שוין אויסגעדריקט מער ווייכקייט און וואַרעמקייט.

— איך וועל זיין לעבן אייך ביז אייער מאַן וועט קומען — האָט סילוויע היימיש און אַנטשלאָסן געענטפערט.

— מיין מאַן קומט אַמאָל זייער שפּעט — האָט מרס. קרעמער אַרויס־געדערדט מיט אַ פאַרהאַקטן קול. עס האָט זיך איר עפּעס פאַרדריקט אין האַלדז און אַנגעסטן האָבן זי באַשלאָגן. סילוויע האָט זי באַטראַכט מיט אַ פאַרגליווערטן אויסדרוק און מיט איר לעבנס־דערפאַרונג פאַרשטאַנען אַז זי וויל עפּעס שווערס אַראָפּקייקלען פון אירע ליפּן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט וואַרעמע בליקן. מרס. קרעמער האָט דערפילט אַ באַגער אַרומצונעמען סילוויען און עפענען פאַר איר איר פאַרקלעמט האַרץ... אָבער זי האָט בלויז מיט אירע פינגער אַנגערירט סילוויעס האַנט.

— מיין מאַן — האָט זי סודותדיק אַרויסגערעדט — איז זייער זעלטן אין דער היים; ווי אַן אינשורענס אַגענט דאַרף ער באַזוכן זיינע קליענטן ביז שפּעט אין די אָוונטן, אפילו שבת און זונטאָג איז ער פאַרנומען די גאַנצע טעג.

נאָך אַ קורצער פאַרטראַכטונג האָט זי צוגעגעבן:

— אַזוי איז ער זייער אַ גוטער; גיט מיר נאָך, ברענגט מיר זיינע פאַרדינסטן. אָבער מיינע סאָסייעטי חברטעס און אפילו מיינע קרובים קאָרמענען מיך מיט שטעכווערטער... זיי זאָגן: מסתמא לעבט מיין מאַן אַ גוטן טאָג מיט עמיצן... ווער ווייסט, אפשר איז עס טאַקע אמת...

זי האָט אַ בליק געטאָן אויף סילוויען, ווי בעטנדיק ביי איר הילף. סילוויע האָט צערטלעך גערעדט צו איר:

— ניין, איר דאַרפט זיי ניט גלויבן. — נאָך אַ רגע טראַכטן האָט זי צוגעגעבן:

— איך האָב אויך אַן אינשורענס אַגענט אין מיין משפחה. ער איז טאַקע שטענדיק פאַריאָגט... ניין, ניין, איר דאַרפט זיך ניט פּייניקן מיט שלעכטע מחשבות.

סילוויע איז מיטאַמאָל שטיל געבליבן. זי האָט באַמערקט ווי מרס. קרעמערס פאַרנעפּלטע אויגן האָבן באַקומען אַ העלן גלאַנץ. אַ געמיט־לעכע פרייד האָט זיך געשפּרייט אויף איר פּנים... זי האָט געדריקט סילוויעס האַנט מיט פיל דאַנקבאַרקייט.

פון דאַן אָן האָט זיך פאַרוועבט אַ וואַרעמע פריינטשאַפט צווישן די צוויי שכנים. סילוויע, שטענדיק אַ פאַרנומענע מיט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, האָט מער געפילט ווי אויסגעדריקט. אָבער מרס. קרעמער האָט איר אַנטקעגנגעטראָגן מוטערלעכע געטריישאַפט, וואָס האָט זיך בלויז געקענט אויסדריקן דורך אַ גוטן געשמאַקן מאכל. שטיל אין זיך האָט מרס. קרעמער אַלץ געזוכט פלענער ווי אויפצוטאָן פאַר סילוויען עפּעס אַ גאַר גרויסע זאַך, עפּעס וואָס זאָל זי אַרויסנעמען פון דער פאַרבריק און ענדערן איר איצטיקן מצב.

די צייט איז גיך איבערגעלאָפן. סילוויעס באַקאַנטע איז צוריק־געקומען. זי האָט שוין געדאַרפט צוריק איבערגעבן די וואוינונג. זי האָט זיך אַרויסגעקליבן אין אַ וויטערן געגנט. דאָס צעשיידן זיך אין געווען אַ רירנדיקע, עפּעס ווי יעדע פון זיי האָט פאַרלאָרן אַ זיכערן אָנשפּאַר. סילוויע האָט זי געטרייסט, אַז זי וועט איר אָפט באַזוכן און זיי וועלן זיך דורכשמועסן דורכן טעלעפאָן.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, איידער סילוויע האָט זיך אַרויסגעלאָזן צו דער אַרבעט, האָט איר מרס. קרעמער אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן, אַז זי איז עפּעס „ניט מיט אַלעמען״ און זי בעט איר זייער אַז זי זאָל קומען צו איר באַלד נאָך דער אַרבעט און זי וועט שוין מיט איר עסן דעם אָונט־מאָלצייט.

ווען סילוויע איז אַריינגעקומען איז איר באַזאָרגטער אויסדרוק באַלד פאַרביטן געוואָרן מיט שטוינונג. זי האָט דערזען מרס. קרעמער אָן אויסגעפּוצטע, אַ צוגעפּאַרבטע; די דריי צימערלעך, פריש אויפגע־ראַמטע, האָבן געשיינט מיט העלער ליכטיקייט; דער טיש יום־טובדיק געגרייט מיט אירע בעסטע סערוויזן. מרס. קרעמער האָט קעגן איר פאַר־

לאָרן געשמייכלט. מיט אַ שולדיקער מינע האָט זי איר דערקלערט, אַז זי איז טאָקע אַביסל קראַנק, אָבער איר מאַן האָט איר אָפּגערופן, אַז ער וועט היינט ברענגען זיינעם אַ פריינט צו וועטשערע, האָט זי שוין געמוזט זי האָט אַ מילדן שמייכל געטאָן.

סילוויע האָט אַ רגע געטראַכט און מיטאַמאָל אַלץ פאַרשטאַנען... זי האָט אַ מילדן שמייכל געטאָן.

— נו, גוט, אַבי איר פילט שוין בעסער — האָט זי שוין געוואָלט גרינגער מאַכן איר געמיט. מרס. קרעמער האָט איר געבעטן, אַז זי זאָל זיך צוקעמען, זיך צופאַרבן, אַט ווי זי אַליין האָט דאָס געטאָן מיט זיך.

— עס קומט דאָך אַ פרעמדער מענטש, לאָמיר אויסקוקן לייטיש — האָט זי געפּרואווט מיט שפּאַס צו פאַרדעקן איר אומרואיקייט.

סילוויען האָט אַרומגעכאַפּט אַ געמישטער געפיל פון גערירטקייט און רחמנות צו אָט־דער געטרייער האַרציקער פּאָלקס־פרוי. זי האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט איר געהייסן.

מרס. קרעמער איז געשטאַנען לעבן איר אין וואַש־צימער און גע־וואונטשן זיך אַזאַ יאָר, ווי שיין זי, סילוויע, איז.

— איר ווייסט — האָט זי צו איר גערעדט מיט פיל געטריישאַפט — איר דאַרפט ניט אויסזאָגן אייערע אמתע יאָרן. איר זיינט דאָך כמעט נאָך ניט גרוי און אייערע אויגן שיינען דאָך, און אייער פּנימל — פול מיט חן. און פאַרגעסט ניט, אַז איר זיינט ניט ווי אַנדערע אַלמנות, וועלכע פוצן זיך און פאַרבן זיך. זי האָט איר געגעבן אַ מעסט אָפּ און אויסגערופן אין עקסטאַז:

— זעט, אפילו אייער טאַליע איז פון אַ יונגער מיידל!

סילוויע האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

אין פראָנט־צימער האָט סילוויע מער געפילט ווי געהערט, אַז מר. קרעמער מיטן גאַסט זיינען שוין געקומען. אַ שטאַרקער ריח פון פּערפום האָט אַ וויי געטאָן. זי האָט אַזש אַ קנייטש געטאָן מיט דער נאָז.

— „האַו דו יו דו", מאַדאַם קרעמער! — האָט סילוויע דערהערט אַ טיפן באַסאָווען קול. דורך דער אָפענער טיר האָט איר אַ בלענד געטאָן אַ פּלאַכער, נאַקעטער קאָפּ. ער האָט געגעבן אַ פיר די אויגן איבערן צימער.

— אַזעלכע קליינע וואוינונגען בויט מען נאָך ביי אונדז אין אַמע־ריקע פאַר אַזעלכע הויכע ווי איר ביידע? — האָט זיך דערקייקלט צו איר אַ דריבנער געלעכטערל.

— און אפשר קוקן זיי מיר אויס קליין — האָט ער באַלד אונטער־

געכאַפּט — ווייל איך בין צוגעוואוינט צו גרויסע וואוינונגען. איינער פון מיינע צימערן קען איינשלינגען אַט־די אַלע דריי — האָט ער זיך באַרימט. ער האָט אַ קער געטאָן די אויגן צו דער אָפענער טיר פון פאָדער־צימער.

— אַ, איר האָט נאָך אַ גאַסט? — האָט ער געפרעגט ווי מיט אַ חידוש.

— יאָ, קומט, וועל איך אייך באַקענען.

— מרס. קרעמער האָט אים אַריינגעפירט אין זאַלכל.

— דאָס איז מיין...

— אַ פריינדין — האָט סילוויע אונטערגעכאַפּט. מרס. קרעמער האָט צו איר געוואָרפן אַ צופרידענעם בליק. זי האָט זיי פאָרגעשטעלט:

— סילוויע לאַנדין, מר. גרין.

אַן אויסגעצויגענער האָט ער זיך פאַר איר אַ נייג געטאָן מיט סאַלאָן עטיקעט. אָבער ביי זיין אויסבויג פאָראויס, האָט סילוויע בלויז אויפגעכאַפּט דאָס אַרויסגעשטאַרטשעט שפּיציקע בייכל.

ביים טיש האָבן ביידע מענער געשמועסט וועגן געשעפט. מר. קרעמער, אַ געשולטער אַנצוהאַלטן שמועסן, ווי אַ וויכטיקער טייל פון זיין פאַך, האָט גראָדע געגעבן דעם פאַרצוג דעם גאַסט. ער האָט אַזוי אַנגעצויגן דעם געשפרעך, אַז מר. גרין זאָל קענען אַרויסווייזן זיינע גרויסע פעאיקייטן און טיפע חכמה אין דער וועלט פון האַנדל.

— איך דענק, אַז דער דערפאָלג פון אַ ביזנעסמאַן איז מערסטנטייל פשוט דער גוטער צופאַל. אַמאָל — צוליב אַ צוויטנס דורכפאַל, אָדער אַנדערע פּאַסירונגען אין די געגעבענע פירמעס.

— אַ ניין, מר. קרעמער — האָט דער גאַסט אונטערגעכאַפּט מיט האַסט. זיינע גרויע זשוואַווע אויגעלעך האָבן זיך צעפינקלט. — דער דערפאָלג אין ביזנעס ווענדט זיך אין דעם ביזנעסמאַן אַליין. אַ פעאיקער ביזנעסמאַן וועט ניט וואַרטן ביז ערגעץ אַ שלימזל וועט פאַרלירן. מען דאַרף וויסן ווי דעם אַנדערן צו צעקוועטשן... אַז אַזעלכע זאָלן פאַרלירן וואָס שנעלער. איר פאַרשטייט, מיין פריינט, מען דאַרף קענען פאַרשטיין ביזנעס . . .

— מיין לאַנדספרוי, וואָס אַרבעט ביי אייך, האָט מיר דערציילט, אַז די אַרבעטער זיינען צופרידן מיט אייך — האָט מרס. קרעמער זיך אַנגערופן מיט אַן אומזיכערן קול. אַ לייכטע רויטקייט האָט זיך צעשפּרייט אויף איר פּנים.

— „יו בעטש יור לייף״ — האָט זיין פולער, רונדער פּנים זיך ברייט

צעשמייכלט. — מיינע „העגט״ מאַכן ביי מיר אַ פיינעם לעבן. ווען עס קומט דער סעזאָן און זיי נעמען מיך צושפּאַרן צו דער וואַנט, וואַרף איך זיי צו נאָך אַ דאַים, אָבער אַז די אָרדערס ווערן אַרויסגעשיקט אין צייט בין איך אויפן פערד. איר פאַרשטייט, „סמעקאַלקע״ דאַרף מען האָבן, בלויז „סמעקאַלקע״! ער האָט מיט צוויי פּוכקע פינגער אָנגעוויזן אויף איין זייט פון שטערן.

סילוויע האָט אַלע מאָל געפילט אויף זיך מרס. קרעמערס אויפגעריסענע אויגן, ווי זי זאָל איר וועקן פון פאַרשלאָפנקייט. אַלס ענטפער אויף אירע דורכדרינגלעכע בליקן האָט זי צו איר פלעגמאַטיש געשמייכלט.

נאָכן עסן האָט סילוויע די ערשטע זיך אויפגעהויבן.

איך מוז שוין גיין, איך דאַרף מאָרגן אַרבעטן — האָט זי דערמאָנט. עס האָט אויסגעקוקט, אַז די אַנדערע דריי זיינען געווען צופרידן צו איבעררייסן די אָנגעשטרענגטקייט. מר. גרין האָט באַלד פאָרגעשלאָגן סילוויען זי צו פירן אַהיים אין זיין אויטאָמאָביל. מרס. קרעמער האָט מיט נייגעריקע וואַרעמע בליקן געוואונקען צו סילוויען אַז זי זאָל גיין מיט אים.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים רעדל ברייטלעך, אַז זיין קני האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איר קני. זי האָט שנעל אָוועקגערוקט איר פוס. ער האָט איר צוגעוואָרפן אַן אומבאַשטימטן בליק. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און מיט דרך־ארץ אַ זאָג־געטאָן: — איך וועל פאָרן דורכן פּאַרק, דאָרט איז שטילער. איך דאַרף מיט אייך ריידן.

— לעבן פּאַרק — האָט זי קורץ געענטפערט.

— „אָ־קעי לייהדי״! — האָט ער געענטפערט מיט אַ קורץ געלעכטערל. ער האָט געדאַרפט קוקן צום וועג פאָראויס, האָט ער ניט געקענט אויפכאַפּן איר אומהיימלעכן בליק אויף אים.

זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון טומל. ער האָט באַלד אָנגעפאַנגען מיט אַ באַזאָרגטן געשעפטמעסיקן טאָן, מיט די אויגן געווענדעט צום שליאַך.

— נו, איר ווייסט דאָך צוליב וואָס מרס. קרעמער האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט? וועגן אייך האָט מיר די מרס. קרעמער שוין דערציילט, אַז איר זיינט זייער אַ פיינע פרוי, און אַז איר זיינט אָרעם און עלנט. אָבער איר געפעלט מיר — האָט ער מיט הנאה געשמייכלט צו איר. ער האָט אפילו ניט באַמערקט איר איראָנישן טראַציקן בליק, און פאַרגעזעצט:

— ס'איז ערשט געוואָרן אַ יאָר אַז איך בין אַן אַלמן. פרויען מיט גרויסע ירושות קלאַפּן מיר שוין לאַנג אָפּ די טירן. אָבער איך זוך ניט קיין געלט, איך האָב „פלענטי״ מיין אייגנס. וואָס איך וויל, איז סחורה —

און גוטע סחורה — האָט ער באַדייטונגספול אַרויסגערעדט. ער האָט נאָכאַמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף איר.

— יאָ, איר געפעלט מיר! — האָט ער אויסגערופן צופרידן. — איר ווייסט, איר האָט זייער אַ שיינעם שמייכל... אייער שמייכל ביים טיש האָט מיך צוגעצויגן.

ער האָט איר אַריינגעקוקט אין פּנים און מיטאַמאָל באַמערקט איר פאַרשטיינערטן אויסדרוק.

— נו, גיט מיר איצט אַזאַ שמייכל — האָט ער לעבהאַפט געפאָדערט.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און האָט בייסיק געשמייכלט, און באַלד האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ הויכן געלעכ־טער, באַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין בײדע הענט.

— אַזוי איז פיין! פיין... — האָט ער מיט התפּעלות זיך פאַסמאַקעוועט.

— הער אויס קינד — איז ער מיטאַמאָל איבערגעגאַנגען אויף „דו״

— איך וועל דיר איצט דערציילן מיינע פּלענער. איך האָב מיין גאַנצן לעבן געגאַרט נאָך ווייטע רייזעס, צו זען די וועלט, אַמוייניקסטנס, די „קאַנטרי.״ אָבער איצט, קינד, געלט איז דאָ גענוג, וועלן מיר שוין בײדע אַ לעב־טאָן!

סילוויע האָט פון דער זייט שטום געקוקט אויף אים מיט אויסער־לעכער רואיקייט. ער האָט גערעדט מיט עקסטאַז; האָט איר דערציילט פון זיין רייך אויסגעשאַטעטער היים אויפן קאָנקורס, אַ זומער־היים אין די ווייסע בערג, און... ער וועט זי נעמען אין נאַכט־קלובן, אָפּערעס, טעאַטערס, רייכע האָטעלן. .

— אָט דאָ איז מיין וואוינונג — האָט זי מיטאַמאָל איבערגעריסן זיינע רייד. זי האָט אים פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל זי אַרויפפירן צו איר אין צימער. ער האָט געקוקט אויף איר מיט שטוינונג. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגערל.

— עס איז שוין נאָך עלף — האָט ער אַרויסגעזייעט צווישן די ציין מיט פאַרדאַכט.

— ניט אויף לאַנג — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ פעסטער שטים.

— איר האָט מיר שוין אַלץ דערציילט פון זיך, פון אייערע רייכע היימען און פון אייער פאַרמעגנס, וויל איך אַז איר זאָלט אויך זען מיין פאַרמעגן און מיין וואוינונג — קומט! — האָט זי באַפעלעריש אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל. ער איז איר נאָכגעגאַנגען אַ צעטומלטער. זיי זיינען אַרויפ־געגאַנגען מיט די שטיגן אויפן צווייטן שטאָק. ער האָט זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן ביים נאָז.

— עפּעס שמעקט דאָ רויך! — האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַ דער־שראָקענער.

— עס איז דאָ געווען אַ קליינער פייער — האָט זי אים באַרויִקט, און גענומען אויפשליסן די טיר.

— גייט מיר נאָך! — האָט זי געענטפערט. אין קאָרידאָר איז געווען פינצטער. פון ביידע זייטן איז געלעגן אָנגעוואָלגערט ליים, ציגל, ברע־טער; בלויז אַ שמאָל סטעזשקעלע איז געבליבן אינמיטן.

— וואוהין פירט איר מיך?... — האָט ער אומרויִק געפרעגט.

— אָט נאָך אַ פּאָר טריט — האָט זי אים ווידער באַוועגט און אים געהאַלטן פעסט ביים אַרבל. זי האָט אַ דרוק געטאָן אַ קנעפּל אויפן וואַנט. אַ מאַטע ליכטיקייט האָט אַ שיין געטאָן. זיי זיינען געבליבן שטיין ביים טיר פון אַ קליין שמאָל צימערל, מיט דער געוויינלעכער אָרעמער אויסשטאַ־טונג פון די באַרדער־צימערלעך. די ווענט זיינען געווען נאָך פאַר־רויכערט פון דער שריפה.

— אָט־דאָס איז מיין פּאַלאַץ — האָט זי אויסגערופן ניט אָן שטאָלץ. אַ חוזק־שמייכל האָט זיך צעשפּרייט אויף איר פּנים. ער האָט געקוקט אויף איר אַ צעטומלטער מיט אַ פרעגנדיקן בליק.

— עס איז זייער שיין פון אייך, וואָס איך געפעל אייך, און אייערע פּלענער זיינען גאָר גרויסאַרטיקע — האָט זי אַרויסגערעדט בייסיק. — איר האָט אָבער פאַרגעסן איין קלייניקייט: צו פרעגן מיר צי איר געפעלט מיר. זי האָט אים צוגעוואָרפן אַ פאַראַכטלעכן בליק.

— אָבער אָט־דאָס צימערל געפעלט מיר איצט נאָך בעסער! — האָט זי מיט ביטול געקוקט אויף אים.

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי — האָט ער מיט פאַרלאָרנקייט געמור־מעלט און זיך געלאָזט צו דער טיר. זי האָט אים שווייגנדיק אַרויסבאַגלייט.

— באַסישע חוצפה — האָט זי מיט גאַל אים צוגעוואָרפן און מיט האַסט פאַרהאַקט די טיר. אַ געמישער געפיל פון באַפרידיקונג און אויפ־רעגונג האָט איר אַרומגענומען. זי האָט לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן. ווי אויף אַ מוּאַווי־בילד האָט זי דורך פאַרמאַכטע אויגן דערזען פאַר זיך אַ גאַנצע גאַלעריי, אירע איצטיקע און געוועזענע שאַפּ־באַלעבאַטים, פון דעם זעלביקן מין. מיט זייערע אומגעלומפּערטע גייציקייטן, זייער חוצפּהדיקע זעלבסטזיכערקייט, זייער ביטולדיקע באַציאונג צו די, וועלכע דאַרפן פאַר זיי פאַרבעטן.

מיט אַ פאַרקלעמטן געפיל האָט זי אַ טראַכט געטאָן פון דער געטרייער מרס. קרעמער.